










START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING



YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

Halperin, F.
Bay opgruntn.
Vilne : B. Kletskin, 1930.
In content: 1. Tfiles. 2.
Yosif Di La Reynah. 3.
Kinigin Miriami.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1895.12

Halperin, F., 1876-1945.
Bay opgruntn / Falk Heylperin.
Vilne : B. Kletskin, 1930.
251 p. ; 21 cm.
In content: 1. Tfiles. 2. Yosif Di La Reynah. 3. Kinigin Miriami.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius


ID : NXYH01-B22005 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /13715

Reduction ratio x 10.0

פּרילפּעין

בײ

אַבנגונן





פאלק הײלפערין

ערשטער באנד

בײ אָפּגרונטן

ווילנע — 1930
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

ת פ י ל ו ת



PRINTED IN POLAND

F. Halperin — „Baj Obgruntn"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

.1

אַ צימער אין יעגער־שלאָס. פאַני העלענע, יום־טובדיק געקליידט, אין גאָלד און בריליאַנטן פאַרפּוצט. פאַן סטאַניסלאַוו, אין יעגער־קליידער, נעמט אַראָפּ די ביקס פון רוקן.

פּ. העלענע:

ער האָט פאַרבלאָנדזשעט; געוועכנט גרייכן אויף שבת אין אַ שטעטל, צי אין אַ דאָרף, — האָט ער געבלאָנדזשעט אין וואַלד. ווייסט דאָך אונזער וואַלד, — די אַלע פאַרפּלאָנטערטע וועגעלעך און שטעגעלעך, איז ער געקומען אין שלאָס.

פּ. סטאַניסלאַוו:

דו האָסט אים... דו האָסט אים קיינמאָל ניט געקענט? ווער איז ער?

פּ. העלענע:

ניין, סטאַס, איך האָב אים קיינמאָל ניט געקענט. פונוואַנען? — ער איז אַ גייער. ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס? — ער גייט פון שטאָט צו שטאָט... ביז אַ צייט. דאָס איז אַ הייליקער מענטש. פשוטע מענטשן לאָזן זיך דערויף ניט...

פּ. סטאַניסלאַוו

פרעגט אַ חיילע:

איך הייס אים אָפּפירן אין דער יידישער קרעטשמע...

פּ. העלענע:

ניין, סטאַס! וואָס רעדסטו? ער האָט אַליין געוואָלט אַוועק, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָ וואוינען ניט קיין

ייִדן. ער האָט שוין גענומען זיין פעקל און געזאָגט: אפשר וועט אים גאָט העלפן, און ער וועט נאָך אָנקומען, איידער די זון פאַרגייט... נאָר איך האָב אים אָפּגעהאַלטן. עס האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט, ער זאָל ביי אונז פאַרבלייבן אויף איבער שבת... ניין, סטאַס, ליבער, מ׳קאָן אים איצט ניט אָפּשיקן: באַלד פאַרגייט די זון. זעסט? — די שפּיצן פון די סאָסנעס ווערן רויט. ס׳ווערט שבת. ער וועט אומשבת ניט פאָרן. דאָס איז אוממעגלעך.

פ. סטאַניסלאַוו:

אָבער אים אַליין וועט דאָך זיין פיל אָנגענעמער צו פייערן זיין חגא צווישן... צווישן זייניקע. וואו וועלן מיר אים דאָ אַהינטאָן? — מיט די כלאָפּעס אין קיך? ער קאָן דאָרט אפנים זאָגן זיינע תפילות אַנטקעגן די הייליקע בילדער?

פ. העלענע:

ניין, ניט מיט די כלאָפּעס, סטאַסיו, — אויבן, ביי מיר... ניטאָ דאָרט קיין בילדער... און אַ פרומער ייד, אַן אמתער ייד, וואָס האָט ניט קיין זינד אויף זיין נשמה, און האָט ניט מיט וואָס צו שעמען זיך פאַר לייטן, — אַן ערלעכער ייד וועט דאָרט מיט זיינע ריינע ליפּן תפילה טאָן... ווי אין אַן אמתער שול, ווי אין אַן אמתן הייליקן גאָטס־הויז...

פ. סטאַניסלאַוו:

נאַרישקייט, העליאַ! איך וויל אים אין יענעם שטיבל ניט אַריינלאָזן.

פ. העלענע:

פאַרוואָס ניט? ער וועט דאָרט מתפלל זיין פאַר גאָט — אַ פרומע, אַ הייליקע תפילה... איין זאַך באַאומרויִקט מיך נאָר: וואָס וועט ער דאָ עסן? איך האָב מורא, ער וועט זיין הונגעריק... סטאַסיו, ליבער, אפשר וואָלט מען שיקן אַ רייטער ברענגען פון דער קרעטשמע? האַ, סטאַס?

פ. סטאַניסלאַוו:

ניין, העליאַ, איך וועל אים אַליין אָפּשיקן אין דער קרעטשמע.

פ. העלענע:

דאָס איז אָבער אוממעגלעך, סטאַס! די זון פאַרגייט שוין— דו זעסט דען ניט? ס׳איז שבת. זיין אמונה דערלויבט אים דאָך ניט צו פאָרן אומשבת. רייד בעסער ניט, סטאַס!

פ. סטאַניסלאַוו:

פאַרוואָס ניט ריידן? — ער זאָל דאָ פאַרבלייבן, אַלץ אויסזען, אויסהערן און נאָכדעם אַוועקגיין און אויסדערציילן פאַר די... פאַר די זייניקע... ווי אַזוי האָסטו וועגן דעם פריער ניט געטראַכט? פאַרוואָס האָסטו אים ניט אָפּגעשיקט, ווען עס איז נאָך ניט שפּעט געווען?

פ. העלענע:

איך האָב דאָך ניט געקענט, סטאַס! מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט, ער זאָל דאָ פאַרבלייבן... נאָך א קורצן שווייגן. סטאַסיו! זאָל עס זיין דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל— גוט? מיר זיינען שוין דאָ אין וואַלד דריי יאָר, איז דאָך נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געשען. דו ווייסט דאָך: די וועגן צום שלאָס זיינען פאַרוואַקסן מיט גראָז, דער הויף — מיט מאָך.

פ. סטאַניסלאַוו:

יאָ, קיינער קומט צו אונז ניט. מיר האָבן פון זיך אַלעמען דערווייטערט...

פ. העלענע:

זעסטו, דו זאָגסט אַליין. ווען זשע קאָן ווידער אַזוינס טרעפן? אפשר צענדליקער יאָרן וועלן אַריבער, ביז אַ מענטש וועט צו אונז נאָכאַמאָל פאַרבלאָנדזשען, — אַ ייד... אַן אַלטער פרומער ייד, אַ געלערנטער, אפשר אַ צדיק... און ס׳קאָן זיין, אַז מער וועט עס שוין קיינמאָל ניט טרעפן... אַז איך וואָלט אים היינט אָפּגעשיקט פונדאַנען, וואָלט איך געזעסן אין די לאַנגע טעג, ווען דו גייסט אַרום איבערן וואַלד מיט דער ביקס און מיט דעם הונט, און איך בין אַליין.

און כ׳וואָלט געטראַכט; צוויי מאָל האָב איך פֿאַרלאָזן מיינע אייגענע, און ניט געזעגנט זיך מיט זיי... צוויי מאָל...

פ. סטאַניסלאַוו:

צוויי מאָל?

פ. העלענע:

יאָ. דעמאָלט און איצט... ווען איך האָב אים געוואָלט אָפּשיקן, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך טרייב מיין פֿאָטער אַרויס פֿון שלאָס... און ווען ער איז דאָ פֿאַרבליבן, איז מיין פֿרייד געווען אַזאַ, ווי מיין אייגענער פֿאָטער וואָלט געקומען אַהער צו גאַסט. מיר דאַכט זיך, אַז דער אַלטער גייער האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פֿון מיין מאַמען. מיין האַרץ פֿרייט זיך אַזוי. אַן אמתער שבת, אמתע שבתדיקע מלאכים האָבן איבער מיר זייערע פֿליגל פֿאַרשפּרייט... אָט זייגען די פֿינגערלעך, און אָט — די בראָנזעלעטן, די אוירינגלעך. אין קאַסטן זייגען זיי געלעגן פֿאַרשלאָסן. קיינער האָט זיי ניט געזען, און איך האָב זיי ניט געוואָלט זען. איצט האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט אָנצוטאָן מיין צירונג. און איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר, וואָס דו האָסט עס מיר געשענקט! אַמאָל אינדערהיים פֿלעג איך מיך אַלע פֿרייטאָג־צו־נאַכט אויספּוצן. דער טאַטע פֿלעגט אָנטאָן דאָס שטריימל, די ווייסע העמד מיטן ברייטן קאָלנער, און דעם ברייטן זיידענעם גאַרטל, ווייסע זאָקן... זיין באָרד פֿלעגט ווערן אַזוי ווייס, בלאַנק... איך האָב דיר נאָך קיינמאָל ניט דערציילט, סטאַס? מיר האָבן אַ באַזונדערע נשמה אויף שבת. אַ ריינע, אַן אומשולדיקע, אַ הייליקע נשמה יתרה. פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט וואַשט דער ייד פֿון זיך אַראָפּ דעם אומדערוואָכעדיקן שמוץ, זיין ווייב פּוצט זיך אויס אין שבת־קליידער און צינדט אָן די בענטש־ליכט. דעמאָלט גייט אין אים אַריין די שבתדיקע נשמה, און ער ווערט... וואָס קוקסטו אַזוי, סטאַס? דו גלויבסט ניט?

פ. סטאַניסלאַוו

איך גלויב. פֿאַרוואָס מיינסטו, אַז ניט?

פ. העלענע:

מיין טאַטע האָט מיר דערציילט: פֿאַראַן אַ פֿאַרכּישופֿטע מלכּה — „שבת" הייסט זי. אַ גאַנצע וואָך זיצט זי ערגעץ פֿאַרבאָרגן אין אַ אומבאַוואוסטן אָרט, קיינער ווייסט ניט וואו. גייען אירע הויפֿקאַוואַליערן און אירע הויפֿדאַמען אַרום אומעטיקע און פֿאַרטרויערטע. די זון פֿרייט זיי ניט. דאָס לעבן איז זיי ניט ליב. זיי זוכן זייער מלכּה און געפֿינען זי ניט. רייסן זיי אויף זיך די קליידער פֿון טרויער און שיטן אַש אויף די קעפּ. קומען זייערע שונאים און טרעטן זיי מיט די פֿיס און וואַרפֿן זיי אין קנעכטשאַפֿט. די אומגליקלעכע הויפֿלייט פֿון דער פֿאַרבאָרגענער מלכּה הייבן קיין קאָפּ ניט. זיי ליידן, און זיפֿצן, און קרעכצן... קומט אָבער אָן דער פֿרייטאָג נאָך האַלבן טאָג, — ווערט ליכטיק אין די הייזער פֿון די פֿאַרקנעכטיקטע גראַפֿן און באַראָנען. שלוחים נאָך שלוחים קומען מיט דער בשורה: די מלכּה גייט, די מלכּה קומט! — וואַרפֿן די קנעכט אַראָפּ דעם יאָך פֿון האַלז, שליידערן דעם זאַק פֿון די לענדן, ווישן אַראָפּ דעם שווייס פֿון די שטערנס, גלייכן אויס דעם רוקן. און שטאָלצע גראַפֿן און באַראָנען, אין גאָלד און אין זילבער אָנגעטאָן, שטייען גרייט מקבל־פּנים צו זיין זייער מלכּה. די פֿרויען צינדן אָן ליכט — אַ אילומינאַציע. און די מלכּה קומט אַראָפּ מיט אַ שיינענדיקער קרוין אויפֿן קאָפּ, און די קאַוואַליערן און די דאַמען, אַלע פֿירשטן און פּרינצן רינגלען זייער מלכּה אַרום. אין פּאַלאַץ איז אַ שׂמחה. מען זינגט, מען טרינקט, מען טאַנצט... קיינער קען ניט דערקענען, אַז דער שלאָס איז נעכטן געווען אַ קנעכטנשטוב. דו פֿאַרשטייסט, סטאַס?

פ. סטאַניסלאַוו:

אַ שיינע לעגענדע... אָבער דעם יידן מוז מען אָפּשיקן.

פ. העלענע:

ניין, סטאַס, דו וועסט עס ניט טאָן! איך ווייס דאָך. טו נאָר אַ בליק אויף מיר: דו האָסט מיך ווען געזען אַזעלכע? פאַר די דריי יאָר, וואָס איך בין ביי דיר אין וואַלד, איז ווען מיין קלייד אַזוי געלעגן אויף מיר, ווי היינט? — זעסט!—ווען האָט זיך מיין קלייד אַראָפּגעלאָזט אין אַזעלכע פרייע פאַלדן, ווי היינט?

פ. סטאַניסלאַוו:

דאָס איז אמת... יאָ...

פ. העלענע:

זעסטו? אַ קוואַל פון פרייד האָט זיך געעפנט אין מיין האַרצן. אַלע מיינע זינד זיינען אָפּגעוואַשן. איך בין גלייך, ווי פון ס'ניי געבאָרן. מיר איז לייכט, גוט, אַזוי גוט.. קוק אויף מיר, סטאַס! קער זיך ניט אָפּ! דו האָסט מיך דען אַזאַ ניט טויזנטער מאָל ליבער?

פ. סטאַניסלאַוו:

ליבער, העליאַ! נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער לעצטער וואָרצל פון די מאַגנאַטן גזשעמביצקי איז אין דער דאָזיקער ליבע פאַרדאַרט געוואָרן. אויסגעשטאָרבן אַלע, נאָר דיין געליבסטער לעבט...

פ. העלענע:

דיר פאַרדריסט, סטאַס?

פ. סטאַניסלאַוו:

כ'ווייס ניט, העליאַ. ווי די ווילדע חיות לעבן מיר אין וואַלד. מיר האָבן פאַר אַ מענטשן מורא. קיינעם זעען מיר ניט, קיינער זעט אונז ניט. אפשר האָט מען שוין דאָרט אין דער ברייטער וועלט פאַרגעסן, אַז עס איז נאָך דאָ אַ שפור פון די גזשעמביצקיס אויף דער וועלט פאַראַן. אפשר זיינען שוין אַלע אונזערע מאַיאָנטקעס חרוב געוואָרן, אונזער

נאָמען אָפּגעמעקט געוואָרן – ווער ווייס... נאָר דאָס פייער פון מיין ליבע גייט ניט אויס.

פ. העלענע:

דו האָסט חרטה, סטאַס?

פ. סטאַניסלאַוו:

איך ווייס ניט, העליאַ! אַמאָל האָב איך אַלץ געוואוסט. איך האָב געוואוסט, וואָס מיר איז ניחא, און וואָס מיר איז דערווידער, וואָס איך וויל, און וואָס איך וויל ניט. און מיין ווילן און מיין ניט ווילן איז געווען אַ געזעץ. קיינער האָט זיך ניט דערלויבט מיר אַנטקעגן צו ריידן. אַלע האָבן געציטערט פאַר סטאַניסלאַוו גזשעמביצקי, און סטאַניסלאַוו גזשעמביצקי האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. איך האָב געהאַט מיין האָנער און דעם האָנער פון מיין יחוס. איצט האָב איך נאָר מיין שרעק, מיין אייביקע כלאָפּסקע מורא, טאָמער פאַרליר איך דיך... איך ווייס גאָרנישט, איך וויל גאָרנישט. און אַז איך וויל — איז מיין ווילן קיין ווילן נישט...

פ. העלענע:

רייד ניט אַזוי, סטאַס! קוק אויף מיר! זע, ווי איך שטיי פאַר דיר — אַ דינסט, וואָס וויל וואוילגעפעלן איר האַר! מיין האַר, מיין מאַגנאַט! זע, ווי שיין איך וויל זיין פאַר דיר!

פ. סטאַניסלאַוו:

דו ביסט שיין...

פ. העלענע:

אמת? שענער, איידער אַלעמאָל. זינט... זינט איך בין צו דיר געקומען, בין איך קיינמאָל אַזוי שיין ניט געווען, קיינ־מאָל אַזוי פריילעך ניט געווען. היינט בין איך פיין, שטאָלץ! איך וויל און איך קאָן לאַכן פון גאַנצן האַרצן. היינט בין איך אַן אמתע פריצטע אין מיין שלאָס!

פּ. סטאַניסלאַוו:
ביז היינט ביסטו אַפּנים ניט געווען קיין פּריצטע?

פּ. העלענע:
געווען, ווער זאָגט דען!

פּ. סטאַניסלאַוו.
עמעצער האָט זיך דערלויבט ניט צו אָנערקענען דיין מאַכט?

פּ. העלענע:
קיינער ניט! פונוואַנען נעמסטו זיך? אָבער איך האָב שטענדיק מורא געהאַט. אַזוי ווי צו פרעמדע בין איך פאַר־וואָרפן. די צימערן זיינען מיינע, און די פעלדער — מיינע, און איך — האָב מורא. דינסטן און לאַקייען שטייען אויף די קני פאַר מיר, קושן דעם זוים פון מיין קלייד, און איך— האָב פאַר זיי מורא. דער וואַלד רוישט — דוכט זיך מיר, אַז ער איז בייז אויף מיר; דער ווינט ברומט — דוכט זיך מיר, אַז ער וויל מיר שלעכטס טאָן. די ראָבן שרייען, די סאָווע קלאָגט — איך האָב פאַר אַלץ מורא. איך האָב פאַר דיר אויך מורא, סטאַס. אינדערפינסטער, ווען איך זע דיך ניט, נאָר איך פיל דיינע אָרעמס אַרום מיין לייב — דעמאָלט ווער איך דרייסט, פאַרגעס איך מיין מורא. נאָר היינט — היינט בין איך שטאָלץ, היינט שרעקט מיך גאָר־נישט, היינט לאַך איך פון פולן האַרצן. קוקט אים אין די אויגן. ס׳איז דען שלעכט אַזוי, סטאַס, טייערער? כאַ־כאַ־כאַ! גאָלדענער סטאַס, מיין סטאַס! ווילסטו דען ניט, איך זאָל דיך ליבן מיט פרייד, מיט שטאָלץ?

פּ. סטאַניסלאַוו:
איך וויל... איך קאָן דען ניט ווען? אָבער העליאַ! צו וואָס דאַרף מען אָט דעם... וואָס פון אַלטן טעסטאַמענט? כאַרבינד ניט מיין גליק, דאָס גליק פון דעם לעצטן גושעמ־ביצקין, מיט אים, מיט דעם אַלטן דורכגייער. שיק אים אַוועק, העליאַ!

פּ. העלענע:
וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, ס׳איז אוממעגלעך, סטאַס!

פּ. סטאַניסלאַוו:
וואָס וועסטו טאָן זונטאָג, ווען דער אַלטער וועט אַוועק?

פּ. העלענע:
זונטאָג? ווי פאַרלאָרן. איך ווייס ניט, סטאַס. איך האָב וועגן דעם ניט געטראַכט. מיר דוכט זיך, אַז מיין שמחה וועט אויף אייביק מיט מיר פאַרבלייבן. וואָלסט וויסן, סטאַס, ווי איך בענק נאָך פריי געמיט! מיר ווילט זיך אַזוי זיין פריילעך. מיר איז צייטנווייז אַזוי שווער צו לעבן... דאָ, אין וואַלד...

פּ. סטאַניסלאַוו:
און אויב ניט אויף אייביק? אויב ניט, העליאַ?

פּ. העלענע:
ניין, סטאַס, גאָרנישט. ס׳וועט גאָרנישט זיין. דו וועסט אַרומבלאָנדזשען איבערן וואַלד מיט דיין הונט און מיט דיין ביקס, און איך וועל דאָ זיצן און וואַרטן, אויסקוקן, ווען דו וועסט זיך צוריקקערן. אַ גאַנצן טאָג וועל איך וואַרטן אויפן אָוונט, און אינאָוונט — אויף דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט פאַרשווינדט, און נאָר מירביידע פאַרבלייבן... סטאַס! דו וועסט דען זונטאָג ניט זיין דערזעלביקער גוטער סטאַס, מיין סטאַס?

פּ. סטאַניסלאַוו:
שווייג, שש...

פּ. העלענע
קוקט זיך אַרום און דערזעט דעם אַלטן עקאַנאָם אין טיר. אויפגעלעבט:
שוין, בראָניק? דער אַלטער איז שוין גרייט?

עקאָנאָם:
גרייט, פּריצטע.

פ. העלענע:
שבתדיק אָנגעטאָן?

עקאָנאָם:
מסתמא שבתדיק, פריצטע. אין אַ ווייסן קאָלנער, מיט ווייסע זאָקן...

פ. העלענע:
און די באָרד?

בראָניק
פאַרחאונדערט:
די באָרד? — ווי אַ באָרד איז, פריצטע. אַ לאַנגע, אַ סיווע.

פ. העלענע:
ניט דאָס, בראָניק! דו פאַרשטייסט ניט! די באָרד בלאַנקט, אמת! זי איז ווייסער געוואָרן?

בראָניק:
איך האָב ניט באַמערקט, פריצטע. דער אַלטער איז אַפּנים אַ מכשף, וואָס ער קאָן יעדע רגע בייטן דעם קאָליר פון זיין באָרד?

פ. העלענע:
וואָס רעדסטו, בראָניק! שווייג שוין בעסער! גאָר אַ מכשף! טראַכט ניט אויס קיין נאַרישקייטן. גאָר אַ מכשף!

בראָניק:
זאָל מיר די פריצטע מוחל זיין.

פ. העלענע:
נו, רעכט, רעכט, גיי. דו קאָנסט גיין. און טראַכט ניט קיין נאַרישקייטן. איך וועל אים אַליין אָפּפירן אין זיין צימער

בראָניק
ארויסגייענדיק, שטעלט זיך אָפּ:
פריץ! דער פריץ האָט מיר גאָרנישט, וואָס צו באַפוילן?

פ. סטאַניסלאַוו
מיטן פנים צום פענסטער:
גאָרנישט... גיי... בראָניק גייט ארויס.

פ. העלענע
פאַלט אויף די קני פאַר פ. סטאַניסלאַוון:
ווייז מיר אַ שמייכל אויף דיינע ליפּן, סטאַס, שענק מיר אַ קוש, ווען ס'איז מיר גוט, ווען איך בין גליקלעך! זיי מיר מוחל, סטאַסיו! מיר ווילט זיך איין מאָל אַ יום-טוב מאַכן, מיר ווילט זיך איין קליינינקן יום-טוב מאַכן!..

.2

א קליין צימערל אין שלאָס אויף א שאַלקע. היליק, ווי אין א פאַרבאָרגן געבעטס-חויז. דער ראַזלעכער הימל פון פאַרזונאַונ-טערגאַנג קוקט אַריין אין איינציקן פענסטער אַריבער די שפּיצן פון די ביימער. פאַני העלענע פירט אַריין דעם גייער.

פ. העלענע:
אין אָט-דעם צימער וועט אייך גוט זיין צו פייערן אייער יום-טוב?

דער גייער:
אַדאַנק, גוטע פּריצטע.

פ. העלענע:
דאָס צימערל איז אַ קליינס, אָבער אָפּגעזונדערט און ווייט פון אַנדערע. די פענסטער גייען אַרויס אין פּאַרק. הינטערן פּאַרק איז אַ וויסטער וואַלד. קיין מענטשלעכע שטים דער-גרייכט אַהער ניט. די קלאַנגען פון אַ פרעמדער שפּראַך וועלן אייך ניט שטערן אייער תּפילה...

גייער:
אַדאַנק, פּריצטע,

פ. העלענע:
אָוונטצייט פליט אַמאָל פאַרביי פענ...ער אַ פלעדערמויז און טוט אַ פייף. אַמאָל לאָזט די סאָווע אַ...יס אַ געוויין צווישן די ביימער. קענען דען די דאָזיקע באַשעפענישן שטערן אייך אין דאַוונען?

גייער
פייגל און חיות דאַוונען דאָך אַליין אויך, פּריצטע. זיי זאָגן שירה. אַזוי שטייט געשריבן אין אונזערע הייליקע ספרים: יעדער אויף זיין לשון...

פ. העלענע:
איך ווייס — מיין פאָטער... אמת — יעדער אויף זיין לשון... און פונדעסטוועגן, אַז זיי הייבן אָן יעדער אויף זיין לשון, קומט אַרויס איין גאַנצע תּפילה צו איין גאָט... נעמט סונאַנ-דער די טישטעך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט. איר האָט גע-הערט, רבי? — אַלע פרימאָרגן אין וואַלד... — — — אפשר איז אייך ניט אָנגענעם, וואָס איך זאָג אייך „רבי"?

גייער:
פאַרוואָס ניט אָנגענעם? דאָס איז אַ כּבוד...

פ. העלענע
פאַרשפּרייט די טישטעך:
האָט איר דאָ, רבי, אַלץ, וואָס איר קאָנט דאַרפן...

גייער:
אַדאַנק, פּריצטע.

פ. העלענע
פאַרנעמט זיך אַוועקצוגיין, און בלייבט שטיין אין טיר.

גייער
נעמט אַרויס פון זיין זעקל אַ פּאָר חלהלעך, לייגט אויפן טיש, דעקט אַריבער מיט אַ טיכל. ער ברומט מיט אַ ניגון:
שבת, שבת, שבת קודש... נעמט אַרויס אַ ליכטל, זוכט אַן אָרט-וואו צוצושמעלצן. שבת, שבת, שבת קודש...

פ. העלענע
קערט זיך אום:
וואָס האָב איך געוואָלט פרעגן — — מ'מעג?

גייער
שטעלט זיך אָפּ, גרייט צו הערן.

פ. העלענע:

איר האָט אינדערהיים אַ משפּחה?

גייער:

דאַנקען גאָט. כ'האָב...

פ. העלענע:

אַ פרוי? קינדער?

גייער:

קיין פרוי — ניט. גאָט האָט זי ביי מיר צוגענומען... קינדער זיינען מיר נאָך איר געבליבן, פינף קינדער, — אויף לאַנגע יאָר... דריי זין, צוויי טעכטער...

פ. העלענע:

ווי זשע לעבט זיך אַייערע זין, אַייערע טעכטער? זיי זיינען פיינע, וואוילע?

גייער

הייבט אויף די אויגן איבער פ. העלענע:

איר זענט זייער אַ גוטהאַרציקע, פריצטע. אַייך אַרט פאַר אומבאַקאַנטע יידישע קינדער... איר האָט זיי אַפילו קיינ־מאָל ניט געזען...

פ. העלענע:

ניין, מיר ווילט זיך זייער וויסן, זייער. איך קאָן אַייך ניט דערקלערן, נאָר ס'איז מיר זייער טשעקאַווע... אפשר ווילט איר ניט דערציילן? איר האָט אפשר מורא?

גייער:

ניין, פריצטע, פאַרוואָס זאָל איך דען מורא האָבן? ס'איז מיר נאָר אַ וואונדער... כ'קאָן דערציילן, אויב איר ווילט...

פ. העלענע:

איך בעט אַייך זייער, רבי... דערציילט...

גייער:

יאָ... געלויבט השם יתברך, מיין עלטערער איז אַ ייד אַ באַלע־

באָס, אַ חשוב, פירט אַ שטאַט... האָט שוין קינדערלעך, אַ קרעמער. דער צווייטער איז אַ לערנער. שוין אויך חתונה געהאַט. זיצט אין בית־מדרש... וועט זיין אם־ירצה־השם אַ רב. נו, דאַנקען גאָט... דער דריטער איז נאָך אַ ייִנגל. לערנט אויך — אין בית־מדרש. אַ וואוילער קאָפּ. וועט אויך מ־ט דעם אייבערשטנס הילף זיין אַ מענטש. איך האָב ניט וואָס צו זינדיקן... וואוילע קינדער, פיינע קינדער...

פ. העלענע:

און אַייערע טעכטער, רבי? דערציילט מיר וועגן אַייערע טעכטער אויך...

גייער:

אויך געלויבט השם יתברך: קלוגע, פרומע. די עלטערע שוין, דאַנקען גאָט, אַ כלה...

פ. העלענע:

אַ כלה... ציט די ווערטער, ווי פאַרחלומט. זאָגט — — מיר — — רבי — — אַייער טאָכטער, די כלה, איז גליקלעך? זי האָט שטאַרק ליב איר חתן?

גייער:

ליב? מסתמא... פאַרוואָס דען ניט? אַן איידעלער בחור, פון אַ פיינער שטוב...

פ. העלענע:

איז זי גליקלעך?

גייער:

גליק איז פון גאָט, פריצטע. אַז גאָט גיט אַ גוטן מזל, איז מען גליקלעך...

פ. העלענע:

אמת. אַז גאָט גיט אַ גוטן מזל... ווי אַלט איז זי, אַייער טאָכטער, די כלה?

גייער:

זיבעצן יאָר, פריצטע, זיבעצן, אויף לאַנגע יאָר.

פ. העלענע:

יינגער פאַר מיר... איצט איז מיר שוין צוואַנציק... צו זיבעצן בין איך אויך געווען אַ כלה. איך האָב געטראָגן אַ זיידענע שטענגע אין צאָפּ. דאָס הארץ האָט מיר אַזוי ווי געטאָן אויף דעם צאָפּ... אַמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז איך פלעג אים באַנעצן מיט טרערן... ס׳האָט זיך אַזוי ניט געוואָלט, מען זאָל אים אָפּשניידן...

גייער

קוקט זיך ארום:

אָפּשניידן... פאַרוואָס זשע? ביי אייך נעמט מען אויך אַראָפּ די האָר נאָך דער חתונה?...

פ. העלענע

פאַרכאַפּט זיך:

איך האָב דען געזאָגט: נאָך דער חתונה? ביי אונז? ניין, ניין! ביי אונז נעמט מען די האָר ניט אַראָפּ נאָך דער חתונה. ס׳איז געווען אַזאַ סיבה: דאָקטוירים האָבן געהייסן אָפּגאָלן דעם קאָפּ... יאָ, נאָך אַ קראַנקהייט... ביי אונז נעמט מען די האָר ניט אַראָפּ. איר זעט דאָך; דאָס איז ניט קיין פאַרוק — אייגענע האָר... רבי! אייער טאָכטער, די כלה, האָט אויך לאַנגע שוואַרצע האָר ווי איך?

גייער

זיפצט:

מסתמא, האָט זי... אַלע מיידלעך האָבן לאַנגע האָר...

פ. העלענע:

און בענטשלייכטער — — — זי האָט?

גייער:

זי האָט... ירושה פון דער מאַמע, איר צו לאַנגע יאָר... זי האָט, זי האָט בענטש-לייכטער... יאָ.

פ. העלענע:

און פרייטאָג שייערט זי זיי מיט קאַלך, ביז זיי הייבן אָן צו בלאַנקען — אמת?

גייער

אַ שמייכל צעשיינט זיך אויף זיין פנים:

לכבוד שבת — ווי זשע דען, לכבוד שבת-קודש...

פ. העלענע:

נאָכדעם וואַשט זי זיך אַיין, פאַרקעמט די האָר, פלעכט אַריין אין די צעפּ זיידענע שטענגעס... און איז אַ ריינע, אַ שיינע... אַ פרינצעסין...

גייער:

לכבוד שבת, לכבוד שבת, אַלץ לכבוד שבת...

פ. העלענע:

נאָכדעם בענטשט זי ליכט: „גוטע מלאכים — צו די ליכט, בייזע מלאכים — פון די ליכט"... און מאַכט שטיל אַ ברכה...

גייער

הייבט אויף דעם קאָפּ און שאָקלט מיט אים פאַרוואונדערט.

פ. העלענע:

דערנאָך גייט איר, רבי, מיט די זין אין שול, און אַז איר קומט צוריק — איז אין שטוב ליכטיק, ציכטיק, פריילעך... אייערע טעכטער קומען אייך אַנטקעגן שיינענדיקע. איר לייגט אַרויף די הענט צו זיי אויפן קאָפּ און בענטשט זיי...

גייער:

יאָ... יאָ... די פריצטע וויים אַלץ... אַלץ...

פ. העלענע:

אָ, רבי, איך ווייס... מ׳האָט מיר דערציילט... איר דאַרפט גאָרנישט טראַכטן, רבי!... צעטומלט. אומבאַשלאָסן. יאָ. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? מ׳מעג פרעגן? איר זייט שוין לאַנג אַרויסגעפאָרן פונדערהיים?

גייער:

לאַנג שוין, אָך=אָך=אָך, לאַנג...

פ. העלענע:

פונוואַנען זייט איר? כ'מיין — אייער שטאָט איז עפּעס ווייט פונדאַנען? ניט גיך וועט איר זיין צוריק אינדערהיים?

גייער:

ווי גאָט וועט געבן, פריצטע... ניט גיך...

פ. העלענע:

אייערע טעכטער בענקען דאָרט נאָך אייך? און איר בענקט נאָך זיי?

גייער:

מ'איז דאָך אַ מענטש... אַ טאַטע... ס'קאָן דען אַנדערש זיין?

פ. העלענע

מאַכט אַ טריט נענטער צום אַלטן:

וואָס וואָלט געווען, ווען איר דערזעט זיך פּלוצלונג אינדערהיים — איר פאַרשטייט? — ניט אין וועג, ניט אין דער פרעמד. נאָר צווישן אייערע ברידער, לעבן אייערע קינדער? און ס'איז פרייטאָג פאַרנאַכט. די זון פאַרגייט. אייער טאָכטער די כלה שטייט אַן אויסגעצוואָגענע, אַ פאַרפּוצטע, גרייט זיך צו ליכט=בענטשן... האַ? איר קאָנט זיך עס פאָרשטעלן, רבי?...

גייער

טראַכט ערנסט, שאָקלט מיטן קאָפּ:

יאָ... לאָמיר זיך פאָרשטעלן...

פ. העלענע:

ניט מיינט, רבי. איך לאַך ניט. איך ווייס, וואָס איך רייד. אָט וועט איר זען. *לויפט צו צו דער שאַפע, נעמט אַרויס פיר לייכטער מיט ליכט, שטעלט אויפן טיש.* זעט איר, אָט זיינען לייכטער. און אָט — ליכט. שרעקט זיך ניט, ס'איז גאָרנישט.

איר מיינט אַוודאי, אַז דאָס זיינען מיינע לייכטער? כאַ=כאַ=כאַ! ס'וואָלט גאָר שיין געווען!... ניין, ס'איז ניט מיינע. ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע. איך וועל אייך דערציילן. שוין לאַנג=לאַנג. איך בין נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען, איר אויך ניט. אפשר הונדערט יאָר איז שוין אַריבער. האָט דאָ אין שלאָס געוואוינט אַ פּריץ. און דער פּריץ האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל. דאָס יידישע מיידל האָט זיך אויך געליבט אין פּריץ. איז זי אַוועק פון איר טאַטע=מאַמע און האָט זיך באַזעצט דאָ אין וואַלד. וואָרעם זי האָט אָן דעם פּריץ ניט געקאָנט לעבן. זיי האָבן זיךביידע ליב געהאַט — ביז טויט. די יידישקע האָט ניט מורא געהאַט, טאָמער שטאַרבט זי— זי האָט אפילו שטאַרבן אויך מורא געהאַט אָן דעם פּריץ. אָבער איר גלויבן האָט זי ניט פאַרלאָזן. טאַטע=מאַמע — יאָ, איר גלויבן — ניט. ווען דער פּריץ איז געגאַנגען קניען און בוקן זיך פאַר די הייליקע בילדער, איז זי געקומען אַהער, אין דערדאָזיקער שאַלקע, און דאָ האָט זי געלייענט אירע תפילות. אוי, זי האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר איר גאָט! זי האָט אַזוי פיל געוויינט פאַר אים! וואָרעם מער האָט זי ניט געהאַט אויף דער וועלט, ווי איר גאָט, — איר פּריץ און איר גאָט... האָט דער פּריץ פאַר איר געקויפט לייכטער, און אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען די טשערעדע קומט פון פעלד, זיינען שוין ביי איר די ליכט געווען אָנגעצונדן. נאָר קיינער האָט דערפון ניט געטאָרט וויסן. עס וואָלט ניט גוט געווען, ווען זייטיקע מענטשן וואָלטן זיך דערוואוסט, אַז די פריצטע האָט אַ יידישע שול געמאַכט אין שלאָס? איר פאַרשטייט? האָט זי די ברענענדיקע ליכט איבערגעדעקט מיט אַ דייזשקע... אָט איז זי נאָך, די דייזשקע, — אין ווינקל. — זעט איר? דערנאָך איז די יידישקע געשטאָרבן... און די לייכטער זיינען געבליבן שטיין אין שאַפע. די ליכט אויך... רבי! אפשר וואַרטן זיי אויף אַ פרומען, אַן ערלעכן יידן, וואָס זאָל קומען מתפלל זיין

פאַר זיי? ווי מיינט איר? דע־ גאָט פון אירע עלטערן
וועט איר מוחל זיין, ווען אַן אמתער ייד וועט זאָגן זיינע
תפילות פאַר אירע ליכט?

ג י י ע ר

ציט לאַנגזאַם באַדאַכטנדיק זיך:

יאָ... יאָ... גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער... אַ דערבאַרעמדיקער...

פ. ה ע ל ע נ ע:

אוי, אַז איר גאָט וואָלט איר מוחל געווען!

ג י י ע ר

אַנטשלאָסן:

גאָט איז אַ גוטער... גאָט איז מוחל זינד...

פ. ה ע ל ע נ ע:

אַז זי זאָל כאָטש איין טאָג אָפּרוען פון איר שווער געמיט,
אַז איר נשמה זאָל אויף איין טאָג אויסלייטערן זיך!

ג י י ע ר:

שבת רוען אַלע. שבת איז רו פאַר אַלעמען, יאָ. שבת רוט
דער גהינום... שבת איז דער סמבטיון שטיל...

פ. ה ע ל ע נ ע:

איך וואָלט אַזוי וועלן, גאָט זאָל איר מוחל זיין. מ'האָט מיר
דערציילט וועגן איר. איך ווייס, ווי זי האָט פאַרבראַכט
איר לעבן, אַלע אירע ליידן... זי איז קיינמאָל ניט גליקלעך
געווען! איר וואָלט וויסן, ווי זי האָט געבענקט, ווי זי האָט
געטרויערט, ווי איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון צער און
פון ליבשאַפט... איך ווייס אַלץ! איך ווייס אַפילו די מנהגים
אירע... ווי זי פלעגט ליכט בענטשן... מ'האָט מיר דער־
ציילט... אַזוי פלעגט זי טאָן... צינדט אָן די ליכט. איצט,
רבי — — — כאַ־כאַ־כאַ! מיר איז היינט זייער גוט אויפן
האַרצן אַ גליק איז מיר, דאַכט זיך, געשען, גלייך ווי מיין
טאַטע וואָלט צו מיר פלוצלונג געקומען. זייט מיר מוחל,
רבי!.. יאָ... שטעלט זשע אײַך פאָר, אַז איר זייט אינדער־

היים. אייער טאָכטער האָט אײַך אַזוי ליב. זי איז גליקלעך
מיט אײַך. נאָר הערן קאָן זי אײַך איצט נישט. שווייגט...
שטערט איר ניט... פירט דריי מאָל מיט די הענט אַרום די ליכט
און פאַרשטעלט מיט זיי די אויגן. שטייט פאַרגאַפט, די ליפּן שאָקלען
זיך... אָך, רבי! טוט זיך אַ חאַקל. באַהערשט זיך גלייך. ניין... ס'איז
גאָרנישט... מיר האָט זיך נאָר דער קאָפּ עטוואָס פאַרדרייט...
שוין. אַריבער... נו, איך גיי אַוועק... זייט זשע דאָ מתפלל
פאַר דער זינדיקער נשמה פון דער יידישער מיידל...
רעכט?

ג י י ע ר:

יאָ, יאָ... איך וועל מתפלל זיין... רעכט...

פ. ה ע ל ע נ ע

גייט צום טיר און שטעלט זיך אָפּ:

איך האָב געוואָלט פרעגן... איך בין דאָך איצט אָנשטאָט
אייער טאָכטער, איך האָב אײַך דאָך אָנגעצונדן ליכט...
אפשר מעג איך קומען שפּעטער... ווען איר וועט ענדיקן
אײַער תפילה?..

ג י י ע ר:

אויב איר ווילט...

פ. ה ע ל ע נ ע:

נאָכן דאַווענען, אַז מען קומט פון שול, בענטשט מען ביי
אײַך די קינדער... איך ווייס... אפשר וואָלט איר מיך גע־
בענטשט? איר ווילט ניט?..

ג י י ע ר

שאָקלט זיך ווי צום לערנען:

וואָס הייסט, איך וויל ניט?... וואָס איז שייך ניט
וועלן?...

פ. ה ע ל ע נ ע:

איר מיינט ניט... איך וויל ניט אָפּנעמען אײַער טאָכטערס

ברכה. וואָס עס געהער צו אײַער טאָכטער — דאָס זאָל זיין אירס. איר לייגט נאָר די הענט אַרויף צו מיר אויפן קאָפּ. און די ברכה — זאָל זי זיין פאַר אײַער טאָכטער. איבער מיין קאָפּ זאָל די ברכה שוועבן דורך די וועלדער און פעלדער, איבער בערג און איבער טאָלן, און זאָל זי קומען און רוען אויף דעם קאָפּ פון אײַער טאָכטער... איך וויל ניט באַרויבן אײַער טאָכטער. אויב איר אַליין ווילט מיר שענקען עטוואָס, איין טראָפּעלע פון אײַער ברכה... אויב איר קאָנט און אויב איר מעגט... ניט פאַר דער פּריצטע פון דעם שלאָס — פאַר דער יידישער טאָכטער, וואָס אירע ליכט ברענען דאָ, פאַר איר ליידנדיקער נשמה. און אויב מ'טאָר ניט... לייגט נאָר די הענט אויף מיין קאָפּ, טראַכט, אַז פאַר אײַך שטייט אײַער טאָכטער, די כלה, און זי איז ערשט זיבעצן יאָר אַלט. איך בין דאָך אויך נאָר צוואַנציק יאָר אַלט. דער אונטערשייד איז דאָך ניט אַזאַ גרויסער... און איך וועל אָנבויגן דעם קאָפּ, און איר וועט בענטשן אײַער טאָכטער, און נאָר איין טראָפּעלע, איין קליין ביסעלע פאַר יענער ליידנדיקער יידישער מיידל... אויב מ'מעג... קומען?

ג י י ע ר:

אויב עס ווילט זיך דער פּריצטע, אויב עס ווילט זיך... קומט...

פּ. ה ע ל ע נ ע:

און גאָט וועט איר מוחל זיין?

ג י י ע ר:

אָך-אָך-אָך... גאָט איז אַ גוטער, גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער...

פּ. ה ע ל ע נ ע:

אַז איר גאָט וואָלט איר מוחל זיין! און איר נשמה זאָל שיינען אין די פייערלעך פון די ליכט! מען זאָל די

הייליקע פייערלעך אונטער דער דייזשע ניט באַהאַלטן, אָפן זאָלן זיי לייכטן. זאָל זען דער וואַלד, אַלע פייגל, אַלע חיות, אַלע מענטשן אין שלאָס, זאָלן די שטערן פון הימל זען: פריי און אָפן ברענען די ליכט פון דער יידישער טאָכטער!

3.

אונט. אין פארק קעגן שלאס. אלע פענסטער פון אונטערשטן גארן העל באלויכטן. אין שאלקע — נאר צוויי פענסטער, פון וועלכע עס זעען זיך פיר אנגעצונדענע ליכט. אין דער שטיל הערט זיך צייטנווייז אן איינגעהאלטענער ניגון פון קבלת-שבת. בראַניק זיצט אויפן באנק קעגן די באלויכטענע פענסטער מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. פ. סטאַניסלאַוו גייט ארויס פון צווישן די ביימער, בראַניק כאפט זיך אויף און שטעלט זיך.
פ. סטאַניסלאַוו זעצט זיך אויף זיין ארט.

פ. סטאַניסלאַוו:
פאַרוואָס איז אַזוי ליכטיק אין די פּאָקאָיעס, בראָניק?

עקאָנאָם:
איך האָב געהייסן, פריץ. איך האָב מיר אַזוי געטראַכט: עס פאַסט ניט פאַר דעם שלאָס פון די מאַגנאַטן גזשעמביצקי, אַז פאַר די הייליקע בילדער זאָלן זיך רויכערן טונקעלע לעמפלעך, בשעת די יידישע ליכט ברענען אויבן אַזוי העל. האָב איך געהייסן אָנצינדן וואָס מער ליכט. איך האָב דען שלעכט געטאָן?

פ. סטאַניסלאַוו:
ניין, גאָרנישט, גוט אַזוי.

פון שאַלקע אַ שטים:
יַעֲלוֹז שָׂדַי וְכָל אֲשֶׁר בּוֹ, אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר...

פ. סטאַניסלאַוו:
וואָס טוסטו בראָניק, וואָס שעפּטשעסטו?

עקאָנאָם:
איך זאָג פּאַטשערעס... עך-עך, פריץ... ניט גוט אַזוי... ניט גוט...

פ. סטאַניסלאַוו:
וואָס ניט גוט?

עקאָנאָם:
אַלץ, וואָס גאָט האָט מיר געלאָזט זען אויף דער עלטער... ניט גוט... אַז דער אַלטער פריץ וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און דערזען אַלץ, וואָס איך זע, וואָלט ער נאָך אַמאָל געשטאָרבן.

פ. סטאַניסלאַוו:
וואָס זעסטו אַזוינס? וואָס ווילסטו זאָגן?

עקאָנאָם:
ס'איז מיר, דעם אַלטן כלאָפּ, שווער צו שווייגן. שווער צו זיין אַ שטומער עדות... דער לעצטער וואָרצל פון די מאַגנאַטן גזשעמביצקי האָט זיך באַהאַלטן אין וויסטן וואַלד, אין פוסטן מדבר, צווישן ווילדע חיות, גלייך ער האָט ניט קיין פּאַלאַצן אין דער הויפּטשטאָט, גלייך ער האָט ניט קיין גיטער און קיין שלעסער לעבן די מאַיאָנטקעס פון זיינע שכנים, די מאַגנאַטן. גלייך ער האָט מורא פאַר מענטשן...!

פ. סטאַניסלאַוו
גיט זיך צו אים בייז אַ קער
וואָס פּלוידערסטו, בראָניק? מיינע עלטערן האָבן אויך געוואוינט אין דעם וואַלדשלאָס.

עקאָנאָם:
געוואוינט. פאַרשטייט זיך, פריץ, געוואוינט. אָבער ווען און וויפיל האָבן זיי דאָ געוואוינט. זיי האָבן דאָ אַפּנים פאַרבראַכט זייערע יאָרן ניט אַרויסצופאָרן, ווי אָפּגעזונדערטע פון דער וועלט? עך-עך-עך. געוואוינט. איך אַליין פלעג

דאָ גאַנצע חדשים פאַרבּרענגען מיטן אַלטן פּריץ. יערלעך פלעגן מיר אהער אַראָפּקומען מיט די הינט און מיט די יעגער, מיט געסט... פון אַלע דערפער פלעגט מען צונויפ־ טרייבן די כלאָפּעס. דער וואַלד האָט געקלונגען פון די טרובּעס, פון דעם בּילן, פון דעם שיסן. דעמאָלט איז פריילעך געווען אין שלאָס, גאָטס בּרכה. קיין איינציק ווינקעלע איז ניט געבּליבּן פינסטער. אויפן דזשעדזשיניעץ און דאָ צווישן די בּיימער פלעגט מען אויפשטעלן בּייד־ לעך, ווייל עס האָט אין שלאָס קיין אָרט ניט געקלעקט פאַר די געסט. יעדער אָוונט איז געווען אַ שמחה. בּחורים מיט מיידלעך האָבּן געטאַנצט, מוזיק האָט געשפּילט. דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט... אַזוי האָט מען דאָ אַמאָל געוואוינט...

פ. סטאַניסלאַוו:

יאָ, אַמאָל זיינען געווען בּעסערע צייטן.

עקאָנאָם:

פאַרוואָס בּעסערע? עס פעלן דען בּיי דער פאַמיליע גזשעמ־ בּיצקי גוטע פריינד, וואָס וועלן קומען צו פליען, ווי מ'וועט זיי נאָר אַ פּיפּס טאָן? אָדער מענטשן האָבּן פאַרלאָרן די לוסט צו פרייען זיך? אָט בּין איך שוין אַן אַלטער, אַ גראָער, און מיר ווילט זיך נאָך אויך פריילעך זיין... יאָ... און קיין פערד פעלן אין סטאַיניע אויך ניט, און די שפּייכלערס אין די פאָלוואַרקעס זיינען אויך פון אַלעם גוטן פול. פאַרוואָס זשע גייט מען דאָ שטענדיק אַרום אויף די שפּיצן פינגער, גלייך ווי אַ חולה האָט זיך בּאַזעצט אין שלאָס? פאַרוואָס הערט מען דאָ איצט מער גאָרנישט, ווי די ראָבּן קראַקען, און ווי די סאָוועס קלאָגן

פ. סטאַניסלאַוו:

איך קאָן גאָרנישט מאַכן, אַז קיינער קומט צו אונז ניט.

עקאָנאָם:

מ'קומט ניט... פאַרגעסן קרובהשאַפט, איבּערגעריסן פריינט־ שאַפט... די וועגן, וואָס פירן צום שלאָס — וויסט געוואָרן,

פון רעגן אָפּגעשווענקט, מיט דערנער פאַרוואַקסן. די פּאָ־ קאָיעס פאַר געסט — מיט שפּינוועבּס פאַרצויגן... אָבּער, זייט מיר מוחל, ליכטיקער אַלמעכטיקער פּריץ! אַז מען וויל, געסט זאָלן קומען, דאַרף מען זיי אַיינלאַדן, מ'דאַרף צו זיי אויך פאָרן.

פ. סטאַניסלאַוו:

דאָס איז אוממעגלעך, בּראָניק. דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט.

עקאָנאָם:

איך ווייס...

פ. סטאַניסלאַוו:

דו ווייסט ניט, בּראָניק. איך זאָג דיר: פּאַני העלענע קאָן ניט אַרויספאָרן אויף אַ לענגערער צייט... פּאַני העלענע דאַרף האָבּן רויִקייט, איינזאַמקייט...

עקאָנאָם:

פּאַני העלענע, יאָ...

פ. סטאַניסלאַוו

מיט חשד:

וואָס דערלויבּסטו זיך צו מיינען דערמיט, בּראָניק?

עקאָנאָם:

איך מיין: אַלץ איז צוליבּ פּאַני העלענע.

פ. סטאַניסלאַוו

שטעלט זיך צאָרנדיק:

און אַז צוליבּ פּאַני העלענע? זי איז ניט מיין פרוי פאַר גאָט און פאַר לייט? זי איז ניט דיינע און אַייערע אַלע־ מענס פּריצטע אויף לעבּן און אויף טויט? גייט צערייצט הין און צוריק פאַרביי באַנק.

עקאָנאָם:

זאָל גאָט היטן, אַלמעכטיקער פּריץ! אַ פּריצטע אויף לעבּן

און אויף טויט. זאָל איר גאָט דערלענגערן די יאָרן. ווער האָט דען אַנדערש געטראַכט? אַוודאי אונזער פּריצטע, און אַ גוטע, וואָס מיר, די כלאָפּעס דיינע, דאַנקען גאָט אַלע טאָג פאַר אַזאַ גוטער באַרעמהאַרציקער פּריצטע. אָבער... פּאַן סטאַניסלאַוו! דערלויב דיין אַלטן כלאָפּ צו זאָגן דיר דעם אמת. מען קאָן ניט פאַרבאָרגן, מען קאָן גאָרנישט אויסבאַהאַלטן פון אַן איבערגעגעבענעם קנעכט. פאַרוואָס דאַרף עפּעס פּאַני העלענע איינזאַמקייט? — איך ווייס דאָך! איך ווייס דאָך אויך, וואָס זי טוט אַלע מאָל דאָרט, אין שאַלקע, אויבן...

פּ. סטאַניסלאַוו

שטעלט זיך אַפּ קעגן אים:

וואָס? דו ווייסט?

עקאָנאָם:

און דאָס... אָט דאָס, וואָס אויבן איצט, ווייס איך אויך און פאַרשטיי... אַי, ליכטיקער אַלמעכטיקער פּריץ! דאָס אויג פון אַ געטרייען כלאָפּ זעט אַלץ!...

פּ. סטאַניסלאַוו:

הער, בראָניק! אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז דו פּלוידערסט ערגעץ...

עקאָנאָם:

צוליב וואָס טויג מיר פּלוידערן? ס׳איז פאַר מיר גענוג, אַז איך אַליין ווייס, אַז איך אַליין זע אויף מיינע אַלטע יאָרן...

פּ. סטאַניסלאַוו

זעצט זיך צוריק:

שווייג, בראָניק. מ׳טאָר וועגן דעם ניט ריידן...

עקאָנאָם:

איך שווייג. ווי די וואַנט, שטום איך. אָבער דאָס איז ניט גוט... גאָט שטראָפט דערפאַר. גאָטס קללה איז אַראָפּ אויף

אונז... זינט... זינט מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט... שוין אַ יידישע שול ביים מאַגנאַט גזשעמביצקי אין שלאָס...

פון שאַלקע:

עוּרִי, עוּרִי, שִׁיר דַּבֵּרִי...

עקאָנאָם:

דער פּריץ הערט? צלמט זיך. עך־עך־עך...

פּאַני העלענע קומט צו.

פּ. העלענע:

איך בין געזעסן דאָרט אויבן. האָט מיר פּלוצלונג אויסגעוויזן דורך די פענסטער, אַז ס׳איז עפּעס זייער ליכטיק אין פּאַרק. ערשט ס׳איז אמת. אַך, אַזוי קלוג, וואָס מען האָט די פּאָקאָיעס באַלויכטן!... אַזוי גוט! ווען מענס אַיינפאַל איז עס געוועזן? — — וואָס שווייגט איר עפּעס אַזוי? וועגן וואָס האָט איר דאָ גערעדט?

עקאָנאָם:

וועגן דער ווירטשאַפט, פּריצטע. איך בעט איבער... גייט אַוועק.

פּ. העלענע

זעצט זיך לעבן סטאַניסלאַוון:

איך בין געזעסן אויבן, איבערן ווענטל, אין דער פינסטער... צוגעהערט זיך צו דעם אַלטנס ניגונים. שוין לאַנג ניט געהערט. געמיינט, אַז איך האָב זיי שוין פאַרגעסן. כאַ־כאַ־כאַ! איך געדענק אָבער אַלץ... דערנאָך האָב איך פאַרמאַכט די אויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אינדערהיים, ביי אונז אין שטיבעלע. מיר איז נאָך ערשט זיבעצן יאָר. איך וואַרט אויף דעם טאַטנס קומען פון שול. אין שטוב איז אַזוי גוט, גלייך מ׳פירט עמעצן צו דער חופה... און די מאַמע גרייט אין קיך צו דער וועטשערע. און אַ פּאַן סטאַניסלאַוו האָב איך ערגעץ אינדערווייטן...

אַך, סטאַס, דו וואָלסט וויסן, ווי גוט עס איז היינט געווען אָנצוצינדן די ליכט!

פּ. סטאַניסלאַוו

אומרויִק:

דו האָסט דען אָנגעצונדן פאַר אים די ליכט?

פּ. העלענע:

יאָ... עס טוט מיר אַזוי הנאה, וואָס די ליכט וועלן באַלייכטן אַן אמתן שבת, אַן אמתן שבת...

פּ. סטאַניסלאַוו:

און דו האָסט די תּפילה אויך געזאָגט? פאַר אים אין די אויגן?...

פּ. העלענע:

„גוטע מלאכים — צו די ליכט, בייזע מלאכים — פון די ליכט"... וואָס האָסטו מורא?

פּ. סטאַניסלאַוו

וויל זיך אויסהייבן, אַ צעררודערטער:

דו האָסט געטאָן אַ גרויסן פעלער, אַ גרויסן פעלער, העלינע!

פּ. העלענע

האַלט אים צו און זעצט אים אַוועק:

וואָס איז?

פּ. סטאַניסלאַוו:

איצט ווייס ער אַלץ...

פּ. העלענע:

כאַ־כאַ־כאַ! ער ווייס גאָרנישט. איך האָב אים דערציילט אַ מעשהלע. ער איז אַ פּשוטער מענטש, פאַרשטייט ניט קיין אייבערחכמהס, ער האָט מיר געגלויבט. ער האָט מיר צוגעזאָגט מתפּלל זיין פאַר דער יידישקע, וואָס האָט דאָ, כּלומרשט, אַמאָל, פאַרצייטן, געוואוינט אין שלאָס... יאָ, איך האָב אים געזאָגט אַ ליגן. נאָר דאָס איז גאָרנישט. גאָט

וועט מוחל זיין, ער אַליין האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ גוטן, אַ דערבאַרעמדיקן גאָט.

פּ. סטאַניסלאַוו:

און ער וועט קומען אין שטעטל און דערציילן?...

פּ. העלענע:

ניין, סטאַסיו, לאָמיר ניט מורא האָבן, לאָמיר היינט פאַרגעסן אַלע זאָרגן. היינט איז מיין פאַרכּישופטע מלכּה שבת אַראָפּ צו איר הויפדאַמע... זעסטו, איך בין פריילעך. איך זיץ לעבן דיר און קוק אויף די ליכט. די ליכט — מיינע, און דו — מיינער. גיב מיר די האַנט, סטאַס... אַזוי... הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן. דאָרט, אין שאַלקע, האָב איך געטראַכט, וואָס וואָלט געווען, ווען אַלע וואָלטן תּפילה געטאָן איין תּפילה צו איין גאָט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זיץ און וואַרט אויף אַייך, אויף דיר מיטן טאַטן... אויף ביידן. אָט, דאַכט זיך, עפנט זיך די טיר... „גוט שבת!"... אַזוי פריילעך... און איר — ביידע — גייט אַרום איבערן שטוב... דער טאַטע רייבט די הענט... דו גלעטסט די וואָנצעס... איר זינגט „שלום־עליכם"... די מאַמע קלינגט מיט די לעפל... מ'זעצט זיך באַלד צום טיש... דער טאַטע מאַכט קידוש, די מאַמע דערלאַנגט דיר אַ חלק פיש... „עס, מיין זון, זאָל דיר וואויל באַקומען!"... עס, מיין זון... מיין זון... לאַכט אין זיך, שטיל.

זון שאַלקע:

וּפְרוֹשׂ עָלֵינוּ סוּכַּת שְׁלוֹמֶךָ...

פּ. העלענע:

ווייסט, סטאַס? דער אַלטער האָט אַ טאָכטער, אַ כּלה. זיבעצן יאָר איז זי אַלט, פּונקט ווי איך דעמאָלט... איר חתן וועט אפשר זיין אַ רב... וועט זי זיין אַ רביצין. ער וועט פּסקענען שאלות און זי וועט אַרומגיין אויף די שפּיץ פינגער איבערן שטוב... איר פּנים וועט שטראַלן פון נחת.

און זי וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט גלעטן זיינע געקרייזלטע ציידענע פאות... לאכט שטיל. איך וואָלט אפשר אויך געווען אַ רביצין... כ'וואָלט געקוקט אַראָפּ, צו די מאַנסביל אין שול, זען ווי מיין רב גייט צו דער תורה... — — — ווייסט, סטאַס, וואָס איך מיין? — די ברכות אין שול, און די גוטע רייד, וואָס דו שעפּטשעסט מיר שטיל אין אויער, ווען מיר זיצן אַליין אינדערפינסטער, ווי איצט, ווערן גערעדט אויף איין אָנפן... — — אַך, סטאַס, סאַר אַ גוטע געדאַנקען עס קומען מיר היינט אויפן זינען!... לאָמיר גאָר זיצן שטיל. ששש. שווייג, רייד ניט... מ'דאַרף ניט... לייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און טוליעט זיך צו. פויזע. דיר איז גוט, סטאַס?

פּ. סטאַניסלאַוו

דריקט איר קאָפּ צו זיך. ווי ל עפּעס זאָגן.

פּ. העלענע:

שווייג, מ'דאַרף ניט... — — מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט... — — אַזוי גוט צו זיין רויק און גליקלעך... — סטאַס!

פּ. סטאַניסלאַוו:

וואָס, העליע?

פּ. העלענע:

גאָרנישט, אַזוי זיך. לאָמיר שווייגן. — — — אומעטום איז שבת. דאָס האַרץ איז פריי... די נשמה אַזוי פול... אַזוי גוט צו לעבן אויף דער וועלט... פּויזע. פּלוצלונג כאַפּט זי זיך אויף. פאַרוואָס זשע הערט מען מער ניט?

פּ. סטאַניסלאַוו:

וואָס?

פּ. העלענע

הייבט זיך שנעל אויף:

ער האָט שוין מסתמא געענדיקט זיין דאַווענען... כ'דאַרף גיכער גיין.

פּ. סטאַניסלאַוו:

וואוהין, העליע!

פּ. העלענע:

ס'איז גאָרנישט, סטאַס. ער וועט מיר נאָר אַרויפלייגן די הענט אויפן קאָפּ און בענטשן... איין רגע, איך קום תיכף צוריק. זי לויפט געשווינד אַוועק, פאַרשווינדט אין אַ זייטיק טירל פון שלאָס.

פּ. סטאַניסלאַוו

הייבט זיך אויף און מאַכט אַ טריט, ווי נאָך איר צו לויפן. ער פאַלט אָבער באַלד צוריק אויף דער באַנק.

עקאָנאָם

גייט אַרויס פון די קוכטע

די פריצטע איז ווידער אַוועק אַהין...

פּ. סטאַניסלאַוו:

אַוועק...

עקאָנאָם:

פריץ, גיי דו אויך מתפלל זיין! ניט גוט, וואָס די יידישע תפילה הערשט אַליין אין הויז פון די מאַגנאַטן גזשעמביצקי. גיי, פריץ, מען טאָר די הייליקע בילדער ניט באַליידיקן...

פּ. סטאַניסלאַוו גייט אַוועק אַ טרויעריקער.

פון שאַלקע

הערט זיך ניט דייטלעך דער ניגון פון פרייטאָג-צונאַכטיקן מעריב.

עקאָנאָם

זעצט זיך אויפן באַנק און צלמט זיך:

הייליקע מרים, באַשיץ אונז! גאָטס מוטער — דערבאַרעם זיך...

שטיל אַרום. די ביימער שעפּטשען זיך איינגעהאַלטן, פון שאַלקע שפּרייט זיך אַ שטילער ניגון. דער עקאָנאָם מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיפצט און שאָקלט מיט די ליפּן. פּלוצלונג רייסט זיך אין דער שטילקייט אַריין אַ לעבעדיק געזאַנג.

פ ו ן ש אַ ל ק ע:

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם!..

פ. סטאַניסלאַוו גייט ארויס פון דער פאַראַדנער טיר. פ. העלענע— פון דער זײַטיקער.

פ ו ן ש אַ ל ק ע:

בּוֹאֲכֶם לְשָׁלוֹם, מַלְאֲכֵי הַשָּׁלוֹם!

פ. ס ט אַ נ י ס ל אַ ו ו:

הייליקע מרים, זײַ איר מוחל!... גאָטס מוטער, דערבאַרעם זיך!...

פ. ה ע ל ע נ ע:

רבונו של עולם, זײַ אים מוחל!... האַרציקער פאָטער, דער־באַרעם זיך!...

י ו ס ף ד י ל ה ר י י נ ה

פּאָעמע אין 6 בילדער.

טרעטן אויף:

יוסף די לה ריינה — אַ מקובל פֿון אַ יאָר 40

1 תּלמיד
2 תּלמיד
3 תּלמיד
4 תּלמיד
} יוספס תּלמידים

לילית

שטן

מכשפים און מכשפות

דעם קיניגס הערטין

געשטאַלטן: { פֿון יוספס ווייב
פֿון יוספס זין
פֿון פּרנסים

ערשטע בילד

אַ קליין פֿליינדל אויף דער גרינער צווישן געדיכטע וועלדער, — פֿון איין זייט אַ הויכער, אָנשטעקנדן — אַ נידעריקער, קוסטעס. שפּעטלעך נאָך זונפֿאַרגאַנג. טונקעלע שאָטנס דורך דער ביימער־מאַסע, וועלכע איז באַפֿאַרבן מיט געדיכט־רויטע פּאַסן און אָנגע־זאַפּט מיט אין־זיך פֿאַרטייעטן צימצום. אַן איינגעהאַלטענער, מיט פֿאַרבאָרגענער אומרו, געמורמל פֿון די בלעטער.

אין משך פֿון דעם בילד ווערן די פֿאַרבן אַלץ טונקעלער, פֿינס־טערער, ביז זיי פֿאַרשווינדן. דאַן ווערט דער וואַלד פֿאַרזונקען אין איין דורכזיכטיקער פֿינסטערניש און גיסט זיך צונויף מיט דעם הימל.

די תּלמידים גייען אַרויס לאַנגזאַם, פּייערלעך פֿון צווישן די ביימער.

תּלמידים

קוקן זיך אַרום:

— דאָ איז דער באַשטימטער אָרט.

— דאָ.

— און דער רבי איז ניטאָ.

1 תּלמיד:

נאָך ניטאָ אים... ערגעץ וואו מתבודד.

2 תּלמיד:

לאָמיר וואַרטן און כּוונות האָבן.

זעצן זיך אויס, אומבאַוועגלעך, שטיל. דער וואַלד רוישט.

1 תּלמיד

ווי דערוואַכט:

אַלע בריטן, לענגען, טיפֿן, הייכן
און דער חלל פֿון די ש״י עולמות —
איז דער היקף פֿון דעם זיוו־השכינה.
און אַן עודף נאָך דערצו פֿאַראַנען...
די נשמה פֿון יעטווידער מענטשן
קומט אַרויס פֿון אונטער כּיסא־כּבֿוד אויבן —
איז זי שוין אַ חלק פֿון דער שכינה
און אַ טייל פֿון גאַנצן...
און וואָס ס׳איז אַ חיות פֿאַר דעם גאַנצן,
דאָס איז אויך אַ חיות פֿאַר דעם חלק.
וואָסער קראַפֿט אינגאַנצן איז פֿאַרבאָרגן —
איז זי אויך אין טייל פֿאַראַנען...
וואויל צום צדיק, וואָס ס׳איז זיין נשמה
מיט מחיצות ניט געשיידט פֿון מקור...

תלמידים

פרום:

— וואויל צום רבין...

— וואויל צו אונזער רבין...

3 תלמיד:

צוויי פאַר אַ נשמה ליגן וועגן
אין די וואַנדערונגען איבער וועלטן.
ס'איז דער וועג פון דר'ערד — דער ערשטער פון די וועגן,
און דער צווייטער איז — דער וועג פון הימל.
איז דער וועג פון ערד — די שוואַרצע זוהמא,
זינקט דאָרט די נשמה אין דעם קויט פון טומאה.
פול איז אויך דער וועג פון הימל מיט סכנות:
גריבער, בערג און טאָלן, שטרויכל־שטיינער, —
ס'שטייט אַ מזיק הינטער יעדן שטיין באַהאַלטן,
און פון יעדן באַרג־שפּאַלט — הונדערטער מזיקים
לויערן צו פאַנגען מענטשלעכע נשמות...
זאָל דער אייבערשטער דעם צדיק היטן,
וואָס האָט אויסגעוויילט דעם וועג פון הימל!...

2 תלמיד:

זאָל דער אייבערשטער דעם רבין היטן...

אלע:

זאָל דער אייבערשטער דעם רבין היטן...

שטיל. דער וואַלד זינקט אין שוואַרצן און מורמלט.

3 תלמיד

קוקט זיך אַרום:

האַלבע נאַכט באַלד, און דער רבי איז ניטאָ נאָך...
עפּעס זאָגט דאָס האַרץ מיר ניט קיין גוטס...

1 תלמיד:

דו האָסט מורא?

3 תלמיד:

אָפּטמאָל קומט מיר פּלוצלונג אויפן זינען,
און איך פיל מיט אַלע חושים דעמאָלט:
אומגליק לויערט נאָך אויף אונזער פוס־טריט...

2 תלמיד:

גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען...

1 תלמיד:

ווייניק גלויבן האָבן מיר אין האַרצן,
פלעכט דער ס"ם פאַר אונז אויס נעצן,
וויל ער אונז אין נעץ פון ספקות כאַפּן...

2 תלמיד:

גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען...

1 תלמיד:

לאָמיר אין דעם רבינס דרכים שעפּן פעסטקייט:
פערציק טעג שוין, אַז ער פאַסט תעניתים —
און ווער ווייס, אויף וויפיל ווייטער ס'גרייכט זיין וואָגן!

2 תלמיד:

ווען ביינאַכט איך טו פון שלאָף דערוואַכן,
ברענט אַלץ העל זיין ליכט, — ער שלאָפט ניט;
זיצט, דאָס פּנים אין די הענט באַהאַלטן,
אַ פאַרטיפטער אין רעיונות...
אָדער ער איז גאָר ניטאָ — ניטאָ אים...

3 תלמיד:

ווייסטו, וואו ער איז און וואָס ער טוט דאָרט?

2 תלמיד:

ווייס איך טאַקע ניט. ווער קאָן דען וויסן,
וואו און ווי דער רבי ברענגט די נאַכט צו?
כ'האָב גאָר מורא קלערן...

1 תלמיד:

מ׳טאָר ניט קלערן, מ׳טאָר ניט פרעגן.
גלויבן דאַרף מען, מערער גלויבן.

3 תלמיד

מיט צער:

מ׳טאָר ניט פרעגן, מ׳טאָר ניט קלערן...
אָפּגעגעבן זיך צו אים אינגאַנצן...
וואָס איז אויסער אים אונז נאָך פאַרבליבן?

1 תלמיד:

כ׳ווייס ניט, וואָס דו מיינסט דערמיט צו זאָגן.

3 תלמיד:

כ׳האָב געזוכט אַ וועג צום הימל
און געפונען האָב איך אים — דעם רבין.
זע איך איצטער אים אין אַ סכנה...
אָט איז האַלבע נאַכט באַלד;
ער האָט אונז אַהער געהייסן קומען,
און אַליין — ניטאָ אים.
וואָס האָט ער אַהער געהייסן קומען?
וואָס אַזוינס איז מיט אים דאָרטן,
וואו איז ער פון אונז פאַרבאָרגן?

דער וואַלד צערוישט זיך.

תלמידים:

ש־ש־שאַ...

האָרכן אָנגעשטרענגט.

4 תלמיד:

הערט איר? — וועלטן גאַנצע מיט חיילות
האָרכן פון דער פינסטער אונזער רייד.
ווער ווייס, ווער עס פאַנגט דאָרט אונזער שטימע,
און פאַר וועמען פלעכט מען פון איר קריינען.

לאָמיר בעסער מיט כוונות שטילע
דאָרטן, וואו ער איז, דעם רבין שטיצן.

לאָזן אַראָפּ די פנימער אויף די הענט, פאַרטיפן זיך און שאָקלען זיך ריטמיש. דער וואַלד־גערויש ווערט שטילער, איינגעהאַלטענער, זינגעוודיקער. יוסף די לה ריינה באַווייזט זיך פון צווישן די ביימער, בלייבט פונדערווייטן, די תלמידים באַמערקן אים ניט.

יוסף:

פעך און שוועבל האָט געשמעקט פונוייטן;
אין אַ שלאַנגען־רינג אַרומגענומען
האָט דעם פליין געשטאַנק פון טומאה.
אָבער איך האָב מיך אומזיסט געשראָקן.
ריחות קוויקנדיקע פון גן־עדן
פילן אָן דעם פליין פון אינעווייניק.
קדושה שטראָמט מיט די תלמידימס אָטעם,
ווי דער קטורת איבערן מזבח...
מיינע הייליקע תלמידים!
איז דען מעגלעך, אַז מיט אַייער שטיצע
זאָל איך ניט דערגרייכן מיינע צילן?

גייט צו די תלמידים.

פריד צו אַייך, תלמידים מיינע ליבע!

תלמידים

כאַפּן זיך אויף:

— פריד צום רבין!
— פריד צום רבין!

יוסף:

כ׳האָב אַייך לאַנג אויף מיר געלאָזן וואַרטן.
ווי איז אַייך די צייט געגאַנגען?

1 תלמיד:

אַלץ געטאָן, ווי איר האָט אונז באַפוילן, רבי!
זיבן טבילות זיך אין טייך געטובלט,

 פ. היילפּערין, תפילות (4)

און געהייליקט אונזערע רעיונות
מיט כוונות אַלע אויף די תּפילות,
וועלכע איר האָט אונז געלערנט.

י ו ס ף:

האָט איר עמעצן באַגעגנט?
צי ס'איז ווער צו אײַך געקומען?

1 ת ל מ י ד:

ס'איז די רביצין אין קלויז געקומען
און אַ תּפילה שטיל געבעטן...

י ו ס ף:

וועט גאָט הערן...

2 ת ל מ י ד:

די פּרנסים פון דער קהילה אויך געוועזן,
אײַך געוואַרט און ניט דערוואַרט זיך,
און געבעטן, גאָט זאָל העלפן...

י ו ס ף:

וועט ער העלפן... גאָט וועט העלפן...
שטאַרק אַזוי און כיטרע איז דער שונא,
מ'טאָר קיין רגע אײנע ניט פאַרגעסן,
אַז מען איז אין שטרייט אַ זעלנער...
האָט חלילה קײנער ניט געשטערט אײַך?
קיינזאַך ניט געמישט אײַך די רעיונות?

3 ת ל מ י ד:

אומרויִק געווען זיינען מיר דאָ...

י ו ס ף

דערשראָקן:

אומרויִק געווען, זאָגסטו? אומרויִק?

ת ל מ י ד י ם:

— זייט אונז מוחל, רבי!
— זייט אונז מוחל!

י ו ס ף:

מוחל זייט זיר מיר, דען איך בין אפשר שולדיק,
אָפּטמאָל איז אויך מיין האַרץ ניט גאָר רויִק.
אפשר האָט איר זינד אַנטפּלעקט אין מיינע וועגן?

ת ל מ י ד י ם:

ניין, חלילה, רבי! זייט אונז מוחל!

3 ת ל מ י ד:

איך בין שולדיק... דאָס האָב איך מיט ספקות
היינט געשטערט די רו פון די חברים.
כ'בין ניט משיג מער דעם רבינס דרכים.
איך זע טאָג־איין, טאָג־אויס,
ווי ס'דערווייטערט זיך פון אונז דער רבי —
אין אַזוינע פרעמדע ווייטן, הייכן —
וויי, וויי! — איך קען ניט צו זיי דערגרייכן...
ס'דאַכט מיר: אָט־אָט איך פאַרליר דעם רבין...

י ו ס ף:

זיי, מיין זון, מיר מוחל. איך בין שולדיק
קעגן דיר און די חברים דיינע. —
איך האָב לאַנג אַ סוד פון אײַך פאַרהוילן,
ווייל ניט רייף איז ער געווען נאָך פאַר אַנטפּלעקונג.
ס'האָבן בלעטעלעך געשפּראָצט נאָך בלאַסע,
ס'האָבן בלימלעך ערשט געקליבן פאַרבן...
אָבער איצט זיינען שוין פרוכט געוואָרן צייטיק...
כ'האָב דערפאַר אין וואַלד אַהער געבראַכט אײַך.

נאָך אַ קורצן שווייגן, אַנטשלאָסן.

הערט און עדות זייט: איך טו אַ נדר:
ווייב און קינד און היים ניט אָנזען,
ביז איך וועל דער וועלט די גאולה ברענגען...

ת ל מ י ד י ם

צערודערט:

רבי! רבי!

3 תלמיד:
זייט אײַך תיכּף מתּיר־נדר, רבי!

יוסף:
ניין, עס קאָן ניט אַנדערש זיין. פֿאַרפֿאַלן!
ניט דערפֿאַר האָב איך ביז איצט געשוויגן,
ניט דערפֿאַר בין איך אײַך איצט מיין סוד מגלה,
כּדי צו זוכן וועגן צו חרטה.
כ׳וויל אין אײַך געפֿינען טרייע העלפֿער,
אויסצופֿירן דאָס, וואָס איך האָב פֿאָרגענומען...
אַלע שווייגט איר...
אימה וואַרפֿט אויף אײַך מיין וואַגן.
אפשר... אפשר טראַכט איר,
אַז ניט איך בין ראוי צו אַזעלכער שליחות?

תלמידים:
— ווי זשע קאָן מען טראַכטן?!
— די רעיונות גליווערן אין מוח...

יוסף:
אפשר דאַכט זיך אײַך, אַז איך בין צו שוואַך
צו דערפֿילן ביזן סוף מיין נדר? — —
דאַן פֿאַרלאָזט מיך, ווי אַ נאַרישן בעל־גאווה,
און אַ ווערדיקערן מאַן פֿאַר מיר גייט זוכן.

תלמידים:
— קיינער איז ניט ווערדיקער פֿאַר אונזער רבין.
— קיינמאָל וועלן מיר דעם רבין ניט פֿאַרלאָזן...

יוסף:
אפשר שרעקט איר זיך, אַז איר זייט ניט בכּוח
איבערטראָגן די נסיונות שווערע,
וועלכע וואַרטן אײַך אויף מיינע וועגן?
דאַן אַליין פֿאַרלאָזט מיך מיט מיין נדר,
ווי אַ מענטשן אַ געפֿערלעכן פֿאַר לייטן.

3 תלמיד:
אָן אײַך זיינען מיר — אַ קנויט אָן בוימל.

תלמידים:
מיט אײַך זיינען מיר גלייך צום אש־תּמיד.

יוסף:
זאָלט איר זשע פֿון גאָט געבענטשט זיין!
כ׳האָב געוואוסט, אַז איר וועט מיך אַליין ניט לאָזן
אין דער גרויסער רגע פֿון מיין לעבן.
גייט זשע, זייט אין טייך זיך טובל נייע זיבן טבילות,
נאָכדעם קומט אַהער געהייליקט,
כּדי פֿאַרנעמען זאָלט איר קענען גרויסע וואונדער.

אַלע תּלמידים גייען אָפּ. דער דריטער תּלמיד בלייבט.

3 תלמיד:
רבי!

יוסף:
גיי, מיין זון, מיט די חברים דיינע,
שטאַרק דיין גייסט מיט רייניקונג און תּפֿילה,
כּדי צו קענען אויפֿנעמען אַ גרויסן גלויבן.

3 תּלמיד גייט אָפּ אין חשך. יוסף זעצט זיך אויף אַ וואָרצל, פֿאַרטראַכט זיך. דער וואַלד רוישט.

יוסף:
און אויב נאָר אַ שטראָם פֿון אייטל־גאווה
האָט פֿאַרפֿלייצט מיין שוואַכן רעיון?
וויי צו מיר... איך גיי נאָך שפּרייטן נעצן
צו די פֿיס פֿון די תּלמידים מיינע...
מיט געמיטער ריינע זיינען זיי געזעסן,
פֿאַר דער ליכט פֿון תּורה זיך געוואָרעמט,
און אָן זאָרג, ווי פֿרייע פֿייגל
אין דעם חלל פֿון אַ זומערדיק פֿרימאָרגן...
ווער קען זאָגן, צי איך דין ניט צו דעם שטן;

דער וואַלד רוישט, ווי מיט ווייסן געלעכטער.

ס'לאַכט דער שטן — כ'קען די שטימע זיינע,
גראַבלט וואונדן ניט פאַרהיילטע,
רייצט מיין גייסט און רייסט מיין גלויבן...
טרייבט דען זינד מיך פון מדרגה צו מדרגה,
רעדט מיך אָן צו עזותדיקע מעשים?
וואָס זשע טראָג איך אַ געפיל אין האַרצן,
אַז איך בין אַ חוב אַ גרויסן שולדיק?
די חלומות אין מיין קורצן דרעמל,
אויפן וואָר די הייזער און די גאַסן,
און פון ברוק די שטיינער אונטער מיינע זוילן —
עפּעס מאָנען זיי פון מיר מיט תקיפות:
„גיב אונז, וואָס עס קומט אונז"...
און איך שטיי אַזוי פאַר ערד און הימל —
אַ בעל-חוב, וואָס הינטערשטעליק איז ער...

דער וואַלדגעריוש גייט איבער אין אַ קלעגלעך ברומען.

טומאה לאַכט, די וועלט באַקלאָגט איר גורל...
טאָג און נאַכט — עס קלינגט אין וועלטן-חלל
דער געברום פון זיפצן און פון קרעכצן
מיט געבעט און לעכצן נאָך באַפרייונג.
אַזוי וויינט דער ווינט און מאָנט גאולה,
קלאָגט די שטילקייט פון דער נאַכט פאַרצווייפלט,
הימלען צאַפּלען זיך אין אַנגסטן,
שטערן פלאַטערן...
און ניטאָ נאָך פאַר דער וועלט קיין תיקון.
קיינער וואַשט ניט אירע פלעקן
און באַנייט זי ניט צו פרישע פראַכטן.
שיין גייט יעדן טאָג אויף אַ פרימאָרגן
מיט דער האָפענונג אויף אַ דערלייזונג
און פאַרגייט אין ווייטאָג און אין בענקשאַפט —
דער דערלייזער קומט ניט...

דער וואַלד רויסט איינגעהאַלטענער, יוסף שטרעקט אויס די הענט מיט תפילה.

האַר פון וועלטן!
כ'האָב צו דיר געבעטן הייסע תפילות,
טענות, תביעות;
ס'האָט מיין פּיין צו יאוש מיך געשטויסן.
בושה פלאַקערט אין מיין האַרצן.
אַלע סודות פון דיין שאַפן זייגען פאַר מיר אָפן,
איך בין אויסדערוויילט פון אַלע מענטשן —
צי דערפאַר נאָר, אַז איך זאָל מיט כוחות שפּילן,
ווי עס שפּילט אַ קינד מיט טויטע צאַצקעס?
צי דערפאַר נאָר, איך זאָל פאַר זיך רעטונג שאַפן,
ווען עס איז די וועלט געדריקט אין קלעמען?
האַר פון וועלטן!
זע, איך וואַג צו דיר צו קומען:
אויב ס'איז נאָך די רעכטע צייט ניט אָנגעשטאַנען —
גיכער הייס איר פליען!
אייב ס'איז נאָך דיין רצון ניט געצייטיקט —
גיכער הייס אים בליען!
זאָלן גיכער זיינע פרוכטן רייפן,
זאָל די וועלט באַפרייט זיין,
לאָמיך פון דער גאולה זיין דיין שליח!

פאַלט מיטן פנים צו דער ערד.

האַר פון וועלטן!
אויב נאָר עזות איז מיין שטרעבן —
הייס, עס זאָל מיין דמיון מער ניט רייצן
די געשטאַלט פון דיין דערלייזער!
אויב אָבער מיין וואַגן איז ניט גאווה —
זאָלן מיינע קרעפטן זיך דערהויבן
ביזן הימל, און ביז אָפּגרונט גרייכן...

ליגט אַזוי, ביז די תלמידים קומען.

תלמידים

בלייבן שטיין פונדערווייטן, מורמלען דערשראָקן:

וואָס איז מיטן רבין?

וואָס איז, ווי אַ צייטיק פרוכט מיט זאַפטן,
אָנגעפילט מיט זעליקייט געבענטשטער,
וועלכע גיט מיר, בלוט און פלייש, דעם כּוח
איבער קרעפטן ערדישע און הימלשע צו הערשן!
האַלט זיך פאַר מיין קלייד אָן,
כּדי דעם פּחד זאָלט איר ביישטיין קענען!..
איך בין פעסט און שטאַרק און זיכער!..

די תּלמידים האַלטן זיך אָן פאַר זיין מלבוש.

זאָל זיין אייער ווילן שטאַרק ווי מיינער!
זאָל ער לעצטער ספק אייך, ווי מיך, פאַרלאָזן!
זאָל י דעק פון אייערע אויגן, ווי פון מיינע, פאַלן!
און ערזעט, ווי איך, דעם ציל דעם לעצטן,
וואָס דער וועג פון גאולה ציט צו אים זיין שנור אַ גלייכן!

ווייט אויפן ראַנד פון הימל בלאַנקט־אויף אַ שטול פון גאָלד
און אויף אים — משיח אַ געשמידטער אין קייטן.

יוסף:
זעט משיחן אין קיניגלעכן פורפור!
זיינע הענט געשמידט זיינען אין קייטן,
און די פיס — צום טראָן געשמידט מיט רינגען;
ווי אַן אביון טרויעריק — אין מלכות!..

די תּלמידים פאַלן צו דער ערד.

קינדער! קומט מיט מיר משיחן באַפרייען!

יוסף
הייבט זיך שנעל אויף, ווי ער באַמערקט זיי:

איצטער בין איך פריי פון ספקות.
איצטער בין איך רייך מיט גלויבן,
פול מיט אומגעדולד און העלע פריידן.
גרויסע ליכטיקייט האָט זיך אין מיר צעגאָסן.
כ'זע אַזוינס, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרהוילן
פון די אויגן פון אַ מענטשן.
שטערן טאַנצן,
שרפים האַלזן זיך און קושן,
זינגען שירה, שפּילן מזל־טובֿן
אין דעם פאָרגעפיל פון גאולה.
כ'הער: די צייט — די לעצטע פון די צייטן —
פאָכעט מיט די פליגל פון די עקן אייביקייטן
און גענענט צו אונז מיט אימפּעט הייסן.
פילט אין אייער הארצן, ווי דער קץ וואַקסט
אין די רוימען פון די ווייטע ספערן
און ער טוט צו אונז זיך ציען מיט זיין וואָרצל!

תּלמידים:
— מיר פילן, רבי!
— אונטער אונז פאַרשווינדט דער באָדן.

יוסף:
טוט זיך אויס פון ערדישן לבוש אינגאַנצן,
ווערט צו גייסטער נאַקעטע געגליכן!

תּלמידים:
— אין־סוף־ווייטן עפענען זיך פאַר די אויגן.
— פּחד ברעכט די קניען.

יוסף:
זייט מכוון אייערע רעיונות
צו מיין איין־און־איינציקער מחשבה,

צווייטע בילד

הויכע פעלזן. די שפיצן הייבן זיך איינע איבער די אַנדערע. אומעטום קאַלך־גראַ. ברוך פון שטיינער. שטיקער טרוקענע ערד, צעשפּאָלטענער אָפּגעשוינדענקטער באָדן. קיין סימן פון קיין געוויקס. די זון שלאָגט אָפּ פון דעם קאַלך־באָדן, אַז עס בלענדט די אויגן. עס אָטעמט מיט היץ פון מדבר. אויף אַ באַלאַכן זייט פון

פעלז שטייט לילית. אַרום איר — מכשפים.

לילית:
פאָרויס, פאָרויס גייט יוסף די לה ריינה.
העכער שטייגט ער אַלץ און העכער.
טריט נאָך טריט פאַרנעמט ער אונזערע געביטן.
ס'וואַקסט אַלץ זיין געשטאַלט און ציט מיך פונדערווייטן...
ווי אַ הימן פון ניצחון...
ס'ציטערט אומגעדולד ביי מיר אין האַרצן,
גיכער זיך מיט אים צו טרעפן...
צי איז שוין ביי שדים מער ניטאָ קיין כוח
אים אין גאַנג אַ רגע אָפּצוהאַלטן?
צי דער ס'פעלט שוין כישוף אויס מכשפים
אויסצופלעכטן כיטרע נעצן?

1 מכשף:
ווי אַ שטורעם גייט פאַר אים די קדושה,
בלאָזט אונז אָפּ, ווי שטויב, פון זיינע וועגן,
קערט אַראָפּ, ווי בלעטלעך טרוקענע פון פאַראַיאָרן —
און ניטאָ צו אים קיין צוטריט.

2 מכשף:
אָפּגרונטן געגראָבן טיפע אויף די וועגן —
זיינען זיי פאַר יוסף די לה ריינה
ניט אפילו פאַר קיין מייזן־נאָרעס טיפער.
אָנגעקליבן קופעס שטיינער,
אַז ער זאָל אָן זיי די פיס צעברעכן, —
זיינען זיי ווי שניי אין זומער
פאַר דעם יוספן אין וועג צעגאַנגען.

3 מכשף:
אויפגעשטעלט אַ וואַנט פון אייזן —
האָט ער מיטן נאָגל זי געשנימן,
ווי אין וואַסער מיט אַ גאָלמעסער אַ שאַרפן.

לילית
אַנטציקט:
גרויסער יוסף די לה ריינה!

4 מכשף
קומט צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער:
מלכּה לילית! נאָענט זיינען זיי שוין —
ס׳כאַפּט שוין איבלען... די תּלמידים
האַלטן פעסט זיך פאַר די פאָלעס פון זיין מאַנטל
און אויך איינער פאַר דעם צווייטנס גאַרטל,
און זיי שפּרייזן איבער בערג און גריבער —
ער אַפּריער, זיי פון הינטן,
ווי די ווינטן.

לילית
אומגעדולדיק
נו? און ווייטער?

5 מכשף
אַ פאַרסאַפּעטער:
אָפּהאַלטן זיך וועלן זיי דאָ מוזן!
כ׳האָב מיט שאַרפן פון חלפים
זיי געגראַבלט אונטן אין די זוילן.
ברענען איצט די וואונדן,
לאָזן שפּורן בלוט און אייטער אויף די פעלזן...
אָט־אָ זיינען זיי שוין — גיכער!
פאַרשווינדן. פון הינטערן ראַג פון אַ פעלזנשטיין באַווייזט זיך
יוסף די לה ריינה מיט די תּלמידים.

יוסף:
דאָ־אָ וועלן מיר זיך זעצן רוען,

איבערבינדן אויף די פיס די וואונדן,
און — אין וועג מיט אָפּגעפּרישטע קרעפטן!

1 תּלמיד:
רוען, רוען... אָפּכאַפּן דעם אָטעם...
אויף אַ רגע צומאַכן די אויגן
פאַר די הייסע שטראַלן...

יוסף:
וועסט שוין איצטער אָפּכאַפּן דעם אָטעם,
צומאַכן די אויגן, שלאָפן...

2 תּלמיד:
כ׳האָב די נעגל פון די הענט און פיס פאַרלוירן,
דראַפּענדיק זיך אויף די פעלזן.

יוסף:
נעם דיר אייל פון לאָגל און באַזאַלב די וואונדן,
בינד מיט ריינעם ליינען איבער —
ס׳וועט דיר תּיכּף לייכטער ווערן.

3 תּלמיד:
ניט די אויסגעשעפּטע כּוחות
און אויך ניט דאָס בלוט פאַרלאָרנס
שוואַכן ניט דעם מוט אָפּ אין מיין האַרצן, —
כ׳האָב פאַר עפּעס אַנדערש מורא.

יוסף:
רייד אַראָפּ די מורא פון דיין האַרצן,
וועט דיר לייכטער זיין צו ליידן.

3 תּלמיד:
ס׳האָט דער גייסט, וואָס האָט די וועגן אונז געלוינט,
אייך פאַר מענטשלעכעס געוואָרנט:
„ס׳וועט די טומאה שפּינען נעצן

פון די מענטשלעכע געפילן אין דיין האַרצן —
טויט דעם מענטשן דעמאָלט אין דיין האַרצן".
אָבער ווער קאָן וויסן אַלע ווינקלעך,
וואו ס'איז מענטשלעכעס פאַרבאָרגן אין אַ מענטשן!

יוסף:

טרייסט זיך, קינד מיינס, מירן זיך באַקעמפן.

3 תלמיד:

בעסער וואָלטן מיר אין אונזער היים פאַרבליבן,
לעבן דאָרט ווי לייטן, שטילע, פרומע,
ביז ס'וועט גאָט זיך אויף דער וועלט דערבאַרעמען...

יוסף:

זון מיינער, די שוואַכקייט רעדט מיט דיינע ליפּן,
מיד געוואָרן איז דיין גייסט פון וועגן.
אָבער גאָט האָט שוין דערבאַרעמונג באַוויזן.
באַרג-שפּיצן פון אונטער הימל האָבן
מיט הכנעה קאָפּ פאַר אונז געבויגן.
אָפּגרונטן — פון טיפעניש זיך אויפגעהויבן,
זומפּן — מיילער אונטער אונז געשלאָסן,
וויסטענישן — אויסגעפלאַסטערט שטעגן.
וועלכע שטערונג האָט אונז דען פאַרהאַלטן?
וואָסערע נסיונות אונטערוועגנס
האָבן מיר דען ניט געקענט באַזיגן?
און וואָס איז דאָס בלוט פאַרלאָרנס
און די שטיקער פונם לייב צעריסן
קעגן די באַצוואונגענע שוין הייכן?
און ווי וואָלטן מיר דען קענען
אָן גענאָד פון גאָט ביז זיי דערגרייכן?
מיד ביסטו, מיין זון, דערשעפּט פון וועגן,
לייג זיך צו אין שאָטן פון דעם פעלזן —
לייגט זיך אַלע דאָ אין שאָטן רוען,
וועט זיך אייער מוט באַנייען.

איך וועל איבער אייך דאָ וואַכן,
אָפּהיטן פון בייזן...

די תלמידים גייען אָפּ הינטער אַ פעלז. יוסף זעצט זיך, פאַרזינקט אין מחשבות. פּלוצלונג כאַפּט ער זיך אויף: אַ דערשראָקענער: איבערן וועג קומט אָן אַ פרוי מיט קינדער.

יוסף:

דאָס איז אַ נסיון פון דעם שטן!

פרוי:

פריד צו דיר, מיין מאַן, פון מיר און דיינע קינדער!

יוסף:

ניין, דו נאַרסט מיך. זאָג, ווער ביסטו?

פרוי:

דו דערקענסט שוין, יוסף, ניט דיין יוגנטפריינדין,
וואָס געטיילט מיט דיר אי לייד, אי פרייד אין לעבן,
ס'לעצטע שטיקל ברויט און דעם געלעגער?

יוסף:

דו? מיין ווייב? און מיינע קינדער?
ווער האָט אייך אַהער דעם וועג געוויזן?
ווי האָט איר געקענט אַהערצו גרייכן?
ניין, ביסט ניט מיין ווייב, און די — ניט מיינע קינדער!

פרוי:

דיינע קינדער! דו דערקענסט דען אונזער בכור ניט —
די געבענטשטע ערשטע פרוכט פון מאַנשאַפט דיינער?
צי דערקענסטו דעם מוזיניק אונזערן ניט —
פון דיין לעצטן זאָט די פרוכט געליבטע?
דיינע, דיינע קינדער, יוסף,
פלייש פון דיין פלייש, קראַפט פון דיינע לענדן.

יוסף שווייגט אַ צעמישטער.

וואָס זשע שטייסטו ווי אַ פרעמדער, יוסף?
נעם אַרום און דריק זיי צו דיין ברוסט צו

און געפֿין אַ פֿריינדלעך וואָרט אין דיין נשמה
אויך פֿאַר מיר, פֿאַר זייער מוטער.

יוסף:

מיינע קינדער, מיינע...
וואָס זשע זייט איר נאָך מיר נאָכגעגאַנגען!
קנאַפּ האָב איך נסיונות פֿונם שטן,
וואָס פֿאַרמערן זיי זייט איר געקומען!

פרוי:

אָ, פֿאַרצייַ מיר, יוסף!
אומעטיק און עלנט איז צו זיצן אַן עגונה...
שמחה איז פֿאַריאָגט פֿון אונזער וואוינונג;
וואָכעדיק דער שבת און דער יום־טוב.
און ווער זאָל פֿון שלעכטס אונז שיצן,
קינדער מדריך זיין אין גוטע וועגן?
ס'האָט די עלנט אונז דעם וועג געוויזן
און נאָך דיר אין וועג געטריבן —
אונזער בענקשאַפֿט נאָך דער ליבע פֿון אַ מאַן אַ גוטן,
און דער לאַסקע פֿון אַ גוטן טאַטן...

יוסף:

ס'איז דער גורל אַייערער אַזוינער,
מיין גורל אַזאַ — וואָס קאָן מען מאַכן!

פרוי:

איך האָב אונזער הויז געוואַשן און גערייניקט,
אויסגעווייסט מיט פֿרישן קאַלך די סטעליעס
און מיט געלן זאַמד דעם דיל באַשאָטן.
ס'שמעקט אין יעדן ווינקעלע מיט היים און תענוג.
לאָז די גראָע וויסטע פֿעלזן, יוסף,
און די שוואַרצע תהומות־טיפֿן,
וואו עס טרייבט זיך ווילד אַרום דער שטורעם,
און עס יאָגן זיך די כמאַרעס!

יוסף:

אישה! וועק ניט אין מיין האַרצן קיין פֿאַרלאַנגען,
כ'האָב געטאָן אַ נדר, כ'וועל אים היטן.

פרוי:

אָלסטו גיין און זיין זיך מתּיר־נדר.
וואָס איז דען דיין נדר קעגן מיינע יונגע יאָרן,
וועלכע גייען דורך אין עלנט?
אין עגונהשאַפֿט פֿאַרדאַרט מיין יוגנט,
ווי אַ שפּראָצונג אויפֿן פֿראָסט אין ווינטער.

יוסף

קערט זיך אָפּ:

אָט איז ווייטאָג פֿון דער מענטשלעכער נשמה!..

דער עלטערער ייִנגל טרעט שנעל אַרויס מיט אַ פּאַרוויקלט טישטעכל אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

ייִנגל:

פֿאָטער! איך האָב דיר געבראַכט אַ לעקעך
פֿון בר־מצווה מײַנער. נעם...

שטרעקט צו אים דאָס פּעקעלע.

יוסף

ווי? בר־מצווה? איך האָב גאָר פֿאַרגעסן!..

ייִנגל:

איך האָב אויף בר־מצווה מיינער פֿיין געדרשנט,
ס'האָט דער רבי מיר געקושט אין שטערן,
שטאָטלייט האָבן מיך געבענטש מיט פֿריידנטרערן
און געזאָגט: איך גיי אין טאַטנס וועגן...
נעם דיין חלק, פֿאָטער, פֿון דער שמחה...

יוסף

גנעמט ניט:

ניט געהאַט די זכיה זען מיט מיינע אויגן,
און די זכיה ניט געהאַט מיין זון צו בענטשן!..

יינגל:

פאָטער! ווי יתומים בלאָנקען מיר אַרום אָן טאַטן!
קום מיט אונז!

יוסף:

ניין, דאָס קען איך ניט!...

פרנסים

קומען ארויס פון הינטער די פעלזן:

פריד צו אונזער רבין!

יוסף

איבערראשט:

ווער זענט איר?

פרנסים:

די פרנסים פון דעם רבינס קהילה —
ס'האָט דער רבי אונז שוין גאָר פאַרגעסן?

יוסף:

וואָס גייט איר מיר נאָך? וואָס ווילט איר?

1 פרנס:

שלעכטע צייטן אָנגעשטאַנען, רבי!
אָך, געבליבן ווי אַ טשערעדע אָן פאַסטעך
זיינען מיר, זינט איר האָט אונז פאַרלאָזן.
וויסט געוואָרן דער בית-מדרש,
יידן שמאַכטן נאָך אַ וואָרט אַ הייליקס,
וואָס זאָל זיי די רעכטפאַרטיקע וועגן לערנען, —
און ניטאָ צו וועמען קערן זיך און ווענדן.
גייען אום די זקנים אונזערע פאַרצאָגטע,
בלאָנדזשעט אום דאָס יונגוואַרג אַ פאַרגרעבטע;
אַ פאַרדאַרטע בלייבט די עדה,
ווי אַ בוים ביי קוואַלן אויסגעשעפטע.

יוסף

כאפט זיך פארן קאפ:

בעסער גייט אַוועק, פאַרלאָזט מיך!
ניין, איך קען ניט הערן, כ'וויל ניט הערן!

2 פרנס:

אָ, איר מוזט, איר מוזט אונז, רבי, הערן
און צו אונז אין שטאָט זיך ווידערקערן!
שווערע גזרות גרייטן אונז די שונאים,
שמדות ביטערע אונז אויסצוראָטן!

יוסף

צערודערט:

גזרות!? שמדות!?

2 פרנס:

און די הערצער זיינען פול מיט פחד,
און די גייסטער — וואַקלדיקע, שוואַכע.
ווער זאָל שטאַרקן אונזער מוט ביי אַ נסיון,
ווער מיט תפילה זאָל אַ גזר צערייסן?

יוסף:

וואָס זשע שווייגט מען? מ'טאָר ניט שווייגן!

3 פרנס:

מענטשן זינדיקע נאָר זיינען מיר דאָך,
און דעם שונאס האַנט איז מעכטיק,
ווייס ניט קיין רחמנות...
קינדער פון די מוטערס אָרעמס רויבט ער...
נאָר דער רבי איינער קאָן אונז העלפן!

יוסף:

וויי מיר, ווי עס ברענען מיר די זוילן
גיכער לויפן אייך צו העלפן!
נאָר — איך קען ניט! הערט — איך טאָר ניט!
איך מוז גיין מיין שליחות אויסצופירן!

1 פרנס:

אַייער שליחות — צי וועט זי געלינגען?

2 פרנס:

ביז איר וועט די שליחות אַייערע דערפילן,
גייט דערווייל דאָרט אויס אין פּיין די עדה!...

3 פרנס:

און אויף אַייער קאָפּ פאַלט דאַס אחריות!...

יוסף

קוקט זיי אָן צעמישט:

ס'האַרץ שניידט איר מיר, ווי מיט מעסערס,
ר'נעמט מיין רו אַוועק און מיין בטחון!...

קינדער

גייען צו נעענטער:

אָן השגחה פון אַ פאָטער, אָן זיין ברכה
אויב מירן פון גוטן וועג אַראָפּגיין,
וועט די זינד זיין — דיינע, דיינע!

1 פרנס:

אויב ניט יוצא זיינען מיר פאַר אייך געוועזן פריער,
וועל' מיר איצטער אונזער שולד פאַרריכטן.

2 פרנס:

גרייטע זיינען דאָרטן שוין פאַר אַייך די שענסטע שטובן!

3 פרנס:

און באַגעגנען אַייך וועט מען מיט פּויקן,
און מיט פידלען און מיט כלעךליי כלי־זמרים.

1 פרנס:

און אָט האָט איר שוין אַן אויפגאַב:
פון דער עדה אַ געשאַנק אַ בייטל רענדלעך!

פרוי:

איך וועל אָנהייצן דעם אויוון
און וועל צוגרייטן אַ מאָלצייט,

ליכט אַ פולע אָנצינדן אינאָוונט,
אַלע פריינד און גוטע פריינד פאַררופן,
און אַ טיש מיט וויין און פרוכטן גרייטן...
קום, וועסט זיין אַ טאַטע דיינע קינדער,
מיר — אַ מאַן!...

יוסף

דערשלאָגן:

ניין, עס קאָן אַזוינס מיין צנועה ניט פאַרלאַנגען...
די פרנסים פון מיין קהילה — ניט אַזעלכעס ריידן...
פרעמדע זייט איר, פרעמדע אַלע!...

פרוי

טרעט צו נעענטער:

ניין, מיט חופה און קידושין דיינע,
און די קינדער — דיינע קינדער!

אַלע רינגלען אַרום יוספן, אָנגרייפנדיק אים, און שרייען גלייכצייטיק.

קינדער:

דיינע, דיינע, דיינע קינדער!

פרנסים:

פאָרשטייער פון אַייער קהילה!

פרוי:

קום מיט אונז!

קינדער:

מיט אונז!

פרנסים:

מיט אונז!

יוסף

מערט זיך אָפּ:

ניין, איר זייט פון שטן!

מאַכט שנעל אַן עיגול אַרום זיך.

מער האָט איר קיין צוטריט ניט אין מיין מחיצה
און קיין שליטה איבער מיין נשמה!
כ'זע שוין, ווער איר זייט! איך הער דעם ריח —
פעך און שוועבל!
ווערט פאַרשוואונדן! ווי אַ רויך צערונען!...

זיי שפרינגען אלע אָפּ פון עיגול, ווי אָפּגעשליידערט, און ווערן נעלם מיט גרימאַסן און העוויות. יוסף פאַלט צו דער ערד אַ מידער. ביסלעכווייז קומט ער צו זיך. זעצט זיך אויף אַ שטיין, דעם קאָפּ צווישן די קני. — פון הינטער די בערג דערהערט זיך פּלוצלונג אַ ווייטער כאָר. וועלכער דערנעענטערט זיך ביס־לעכווייז. מיידלעך און בחורים קומען אָן שפּילנדיק אויף הארפעס און טאַנצנדיק.

כ אָ ר:

בלומען פול איז אונזער סאָד,
שיקט די זון אים שטראַלן.
ווערן צייטיק פרוכט ווי גאָלד,
פאַלן פרוכטן, פאַלן.

זאַמלען מיר אָן פרוכטן קערב,
טראָגן איבער וועגן.
שענקען, וועמען אונז געפעלט –
ווער אונז קומט אַנטקעגן.

אויב דאָס איז אַ יונגער מאַן,
שענקט מען אים אַ הויפן;
עסט ער, שלינגט ער און בעט נאָך,
טוט ער אונז נאָכלויפן.

קריגט ער, אויב אַ מיטעלער,
פרוכט אַ פולן טעלער.
עסט ער, נאַשט ער אונזער פרוכט,
ווערט ער בלאָנדער, העלער.

שענקען מיר אַן אַלטן מאַן
פרוכט אַ פולן קאָשיק;
ווערט ער יונג און ווערט ער פריש,
שפרינגט ער ווי אַ לאָשעק...

יוסף לאָזט זיך אראָפּ און פאַרגראָבט דאָס געזיכט אין דער ערד.

1 מ י י ד ל:

ווער ליגט עס אויסגעצויגן אויף די שטיינער,
אין שטויב אַ מידער איינגענורעט?
אַ שוואַרצע איז דיין באָרד, ווי סמאָלע,
עס ברענט אוודאי פייער אויך אין דיינע אויגן,
און ס'זידן אויך די בלוטן אין דיין האַרצן...
אָ, טו אַ בליק אויף מיר, וועט גלייך אַוועק דיין מידקייט;
זע מיין שמייכל, וועסטו, ווי אַ יינגל, לאַכן!

זינגט.

מיינע ציינער — ווייסע שמייכלען
אין קאַרעלן־רויטע ברעגן;
מיינע שמייכלען — זיסע ווייַנען,
שטילן דאָרשט, גלוסטן וועקן.
זאָלן טויזנט נאַשער קומען
לעקן פון מיין פורפור־בעקן;
ביז איך וועל אַן אַלטע ווערן,
וועט מיין יונגער וויין מיר קלעקן.

יוסף ווארפט זיך אין קאָנוואולסיעס, וועלנדיק זיך טיפער איינ־גראָבן אין דער ערד.

2 מ י י ד ל:

וואָס פאַרגראָבסטו דיין געזיכט אין באָדן,
ווען עס שיינט די זון אַזאַ אַ העלע,
און עס קאָכן הייס אין אָדערן די בלוטן?
הייב דיין בליק אויף מיט אַנטציקן!
ווי אַ סאָד אין פרילינג בליט מיין יוגנט.
אירע שאָטנס שמעקן, און ס'באַזויפן אירע פליינען,
ווי די ווייַנען!

זע די צאַרטקייט פון מיין לייב, ווי סאַמעט,
און די שטייפקייט פון די יונגע ברוסטן,
הער דעם ציטער פון מיין אָטעם אויף די ליפן!

זינגט.

איך האָב ליפן — רויטע קאַרשן,
צייטיקן ביי ברייטע שליאַכן,
ניט געצוימט פון קיינע פלייטן,
ניט געהיט פון קיינע וואַכן.
פאָרן טויזנט פאַרביי־פאָרער, —
אַלע — מיינע קאַרשן צופן.
פלאַצן מיינע פולע קאַרשן,
טריפן זאַפטן מיינע ליפן.

יוסף שפרינגט אויף, לויפט האסטיק הין און צוריק, רייסט זיך די האר, שלאגט זיך מיט די פויסטן אין קאפ.

3 מיידל

זוכט אלץ צו שטעלן זיך אים אנטקעגן פנים:

הייב דיין בליק צו מיר מיט פריידן,
טרייסל אָפּ פון זיך דעם טרויער.
קום, מירן זיך וואַלגערן אין בלומען
און אין קופּעס הייסע הייען.
מירן דאָרט זיך בעטן אַ געלעגער,
און מיט ווייסע יילעכער באַדעקן,
און מיט בשמים פריש באַשמעקן,
האַלזן זיך, אומאָרעמען און דריקן —

זינגט.

מיינע פיס — ליאַנען־שטאַנגען,
פלעכטן פעסט זיך אַרום שטאַמען;
מיינע אָרעמס — שלאַנקע רודערס,
שניידן כוואַליעס, טרייבן שאַמען.
מיינע ברוסטן, מיינע קוואַלן —
פלייצנדיקע פלאַם־פאַנטאַנען
שטילן־קילן טויזנט דאָרשטן,
טויזנט תאוות, טויזנט מאַנען.

יוסף

שטעלט זיך אויסגעגלייכט מיט אַ צעקרימטן פון פיין געזיכט געװענדט צום הימל:

גיב מיר כוח בייצושטיין אין דעם נסיון!
שיק אַראָפּ דיין צאָרן, האַר פון אויבן,
אַז זיי זאָלן, ווי אַ פולווער, זיך צעשיטן,
ס'זאָל פון זיי קיין שפור ניט בלייבן!

די מיידלעך מיט די בחורים צעלויפן זיך מיט אַ געלעכטער. יוסף בלייבט ליגן אָפּגעמאַטערט. ס'באַווייזט זיך לילית אַ שטראַ[l]קע.

יוסף

שפרינגט אויף מיט שרעק, ברומט:

אָ־אָ־אָ! אָ־אָ־אָ!
ווער ביסטו? דער גהינום איז מיט מיר געקומען!

לילית:

איך בין לילית, די מלכה פון די שדים.

יוסף

גלייכט [illegible] אויס, אנגעשטרענגט:

[illegible] ווען גאָטס הילף איז מיר נייטיק!

לילית:

רוף ניט גאָט אַנטקעגן מיר צו הילף זיך.
מיין שונא איז גאָט, אויך אָבער דיינער.
ביידע האָבן מיר אַ גייסט אַ רייכן —
ס'גרויסע גליק פון שאַפן צו באַגרייפן.
אָבער גאָט האָט אונז אין קלעם גענומען,
הייסט אונז שוואַכע קנעכט זיין פון זיין ווילן.

יוסף:

לייגסט דאָך, לילית!

לילית:

דו ביסט אַ גענאַרטער, יוסף.
ס'האָט דיין גייסט קיין פרייהייט ניט צו שאַפן,
גאָט האָט זי אַוועקגערויבט אינגאַנצן.

יוסף:

ער האָט מיר געגוג געלאָזן כּוח
פאַר דער וועלט די גאולה צו באַשאַפן,
און פאַר דיר און פאַרן שטן — די מפּלה.

לילית:

כ׳בין געקומען ניט מיט דיר צו קעמפן, יוסף.
ס׳האָט מיין שיינער חלום מיך צו דיר געצויגן.
כ׳האָב געזען אין חלום פון פאַרצייטן
שטיין אַ מאַן אינמיטן קאָך פון קרעפטן
מיט זיין וואַגן שטאָלץ אַנטקעגן גורל,
מיט זיין ווילן איבערצובאַשאַפן וועלטן.
ס׳האָט אין חלום נאָך מיין האַרץ געפלאַטערט
פאַר דעם פאָרגעפיל פון זיין דערשיינען
ווי פאַר אומגעהערטע גליקן.
און אָט זע איך דיך איצט, שטאָלצער מיינער,
אויסגעשטרעקט די הענט צו שמידן אייגן ווילן,
און איך פלאַטער פון אַנטציקן.

יוסף:

אייגן ווילן... ניין, ס׳אַ ליגן, לילית,
איך האָב דאָס וואָרט פון מרידה
קיינמאָל ניט געבראַכט אויף מיינע ליפּן.

לילית:

נאָר מיט גלות האָט עס געברענט אין דיין געהירן,
אין דיין בלוט — מיט פייער שוואַרצן,
בעת דו האָסט זיך אויף דער ערד געוואַלגערט
אין די נעכט פון צער ווערגנדיקן, וויסטן,
צוגעהערט זיך צו דעם טרויער פון גאָטס וועלטן,
און די האָר פון קאָפּ געריסן
און מיט אומגעדולד געמאָנט צום הימל:
עס זאָל קומען, קומען די גאולה!
איך האָב פונדערווייטן דאַן פאַרנומען,

ווי דו האָסט די הענט אין ווייטאָג זיך געבראָכן,
כּדי זיי קענגן הימל ניט צו הייבן, —
און געוואַרט, ווען דו וועסט צו מיר קומען.

יוסף:

פ׳דאַכט זיך, ווען איך הער דיין ריידן,
אַז ס׳איז ווירקלעך ווען אַזוי געוועזן;
ווי פאַר אַלטע שטומע ווייען
וואָלסטו אויסגעפונען קלאָרע ווערטער.
אַזאַ כּוח האָט מסתּמא שוין די קליפּה.
אָבער ס׳איז אומזיסט דיין טירחא, לילית.
כ׳האָב מיין ווילן אויסגעשמידט שוין אין גאָטס פורעם.
כ׳גיי מיט גאָטס קראַפט איבערשאַפן וועלטן.
גריבל זיך ניט אין דעם אַלטן אַש פון מיין נשמה!
גיי, עס איז דיין צייט נאָך ניט געקומען!

לילית:

זאָלסט מיך, יוסף, ניט פון זיך פאַרטרייבן —
נעם מיך אויף מיט פריידן —
אַ מתּנה פון די אייביקייטן.
יאָרן טויזנטער האָב איך באַגזלט,
דאַר און נאַקעט זיי געלאָזן וועלקן
און מיין חן געמערט מיט זייער שיינקייט.
וואו עס האָט אַ רייץ געשיינט אין אומשולד,
וואו אַ שמייכל — שטיל, באַשיידן,
וואו אַ קלינגענדיקער לאַך אין פריידן
אַלץ האָב איך געזאַמלט אין מיין אוצר
ס׳לעבט אין מיר דיין כּלהס האַרץ־צאַפּל פון וואַרטן,
און דיין מאַמעס ציטער פון פאַרלאַנגען,
גלוסט פון אַלע דיינע באָבעס־דורות,
ביז דער פּרוי דער ערשטער,
וואָס עס האָט צו איר אַ מאַן געגנעענט.
זע, ווי כ׳שטיי פאַר דיר אין שיין פון אייביקייטן!

ליידנשאַפטן פון מיליאָנען צייטן
ברויזן אונטער הויט אין מיינע אָדערן;
גלוט פון אַלע זינדן קאָכן אין מיין האַרצן.
צינד דיין לוסט אין בראַנד פון מיינע בלוטן,
זיי אין פלאַם פון שויס מיינעם דיין פייער!
און מיר ביידע וועלן לאָזן זיך ווי שטורעמס
ברעכן יעדער שפּראָצלינג פון אַ שאַפן,
וואָס איז ניט געטרוימט אין אונזער פורעם.
אויסראָטן, פאַרדאַרבן יעדער לעבן,
וואָס איז ניט מיט אונזער זאָט באַפרוכפערט,
חרוב מאַכן גאָטס אין צער געשאַפ'נע וועלטן.
גאָט וועט שאַפן — מיר פאַרדאַרבן...
ס'וועט דער הימל קאָרטשען זיך פאַר אונז אין סיפקו.

יוסף:
איך וויל שאַפן, ניט פאַרדאַרבן.

לילית:
מירן דאַרבן, ברעכן! דורך חורבונות
וועלן זיין באַפרייט די קרעפטן.

יוסף:
וועלן זיין באַפרייט די קרעפטן?

לילית:
אינגאַנצן, יוסף!
ס'וועט קיין צוים ניט וויסן אונזער שטרעבן,
דאַכטן וועט צונויפגעשמאָלצן זיין מיט קענען
אין איין הערלעך ניגון פון דערגרייכן.

יוסף:
און אַנטפלעקט וועט זיין דער סוד פון שאַפן?

לילית:
עס וועט זיין אַנטפלעקט דער סוד פון שאַפן!
און עס וועלן פראַכטן זיין אָן פגימות.

גאַנצע וועלן וועלטן זיין, אָן ריסן, —
אַלץ וועט זיין לויט אונזער אויסדערלייזטן ווילן!
גיב דיין האַנט מיר, יוסף, אויף אַ בונד צו שליסן!
שטרעקט צו אים די הענט.

יוסף
טרעט אָפּ:
אָ, וויפיל איז פאַראַנען נאָך אין מיין נשמה
פינסטערניש אַזעלכענע פאַרבאָרגן!

לילית
גייט אויף אים נעענטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט:
טרייב די וואַקלעניש פון דיין נשמה!
ווער וועט בייטשטיין קעגן אונז דען קענען,
ווען עס וועט פאַראיינס מיט ליליתן זיין יוסף!

יוסף
רוקט זיך אָפּ:
ניין!
נאָר איין רגע האָט געקענט מיין וואַקלעניש געדירן,
איצטער בין איך ווידער שטאַרקער פאַר דיין כישוף.
גיי!

לילית:
ניין, דו וועסט מיך ניט פאַרשטויסן, יוסף, —
דו, וואָס פילן קאָנסטו ס'גליק פון ברעכן
אויפגעצוואונגענע געזעצן;
דו, וואָס ווילן קאָנסטו ס'גליק פון געטער
און דעם אין־סוף פון אַלמאַכטיקייטן;
דו, וואָס דו ביסט פאַר דער אויסלייזונג געבוירן, —
דו ביסט מיר באַשערט פון גורל,
איידער ס'האָט די ערשטע צייט פון צייטן
נאָך איר פאָדעם אָנגעהויבן שפּינען!
דו ביסט מיינער, יוסף, איך בין דיינע,
שטעל זיך ניט אַנטקעגן!

יוסף

כאַפּט אַראָפּ אַ קייט פון זיינע לענדן און פאַרמעסט זיך:

שווייג, מרשעת! ס'איז דיין צייט נאָך ניט געקומען!

לילית:

כ'וויס, ס'איז אויף דיין קייט געקריצט דער שם —
אונזער ביידנס פיינדס פאַרהאַסטער נאָמען, —
שליידער זי אוועק אין העקן!
דין צו איר ניט, זי וועט דיך נאָר נאַרן!

יוסף

שליידערט די קייט אויף לילית'ן:

שטום! אויף אייביק ווער פאַרשניטן!

לילית פאַרשווינדט.

דריטע בילד

אַ באַרגיק לאַנד; חורבות אַלטע און עלטערע, גאַנץ־צעשטאַטענע, האַלב־צעשטאַטענע אין רייען, בילדן גאַסן, פּלעצער; פילן אָן דעם שטח, הייבן זיך איינע איבער די אַנדערע, טעראַסנאַרטיק, און ציען זיך אַוועק אין דער ווייט.

קיין גרעזל, קיין הייכער שאָטן, אַלץ האַרט, שטרענג, גראָ. עטלעכע מכשפים לויפן אַרום צעשראָקענע, פאַרצווייפלט, זוכן, וואו זיך צו באַהאַלטן, קוקן זיך אַרום פאַרלאָרענע.

1 מ כ ש ף
לאַכט, קאַרטשענדיק זיך:
וואו באַהאַלט מען זיך פאַר זיי?

2 מ כ ש ף:
אין איין שפּאַן די גאַנצע ערד צונויפגעשרומפּן,
אין איין שטעל פאַר מיינע קלוען!

3 מ כ ש ף:
וואו איז לילית, וואו דער שטן?

1 מ כ ש ף:
האַ־האַ־האַ! ס'איז אויך פאַר זיי די וועלט געשלאָסן.
ניט צו זינקען אין דער ערד אַפילו.
סיידן צו די הימלען שפּרינגען מיט אַ ווידוי...
האַ־האַ־האַ־האַ!

2 מ כ ש ף:
פּעך און שוועבל!

3 מ כ ש ף:
וואָס זשע שווייגן לילית מיט דעם שטן?
אויסגעטריקנט שוין דער קוואַל פון טומאה?

1 מ כ ש ף:
אַי, האָט יוסף זיי געטריבן!
אין זיין פויסט האָט ער אַריינגענומען
אַלע אונזערע מקומות.
גלייך ווי וואַלד־עפּל צעפאַלענע פון ווינטן
וועט ער אונז צוזאַמענעמען,

קופעס אָנשאַרן מיט רידלען...
און וואָס טויגן שוין אַזעלכע ווערעמדיקע פּירות —
האַ־האַ־האַ — מכשפים אָפּגעניצטע!...

2 מכשף:
תליות און מגפות!

1 מכשף:
אוי, איך פּאַל אַנידער!
ס׳אַווירט מיט דער קדושה, אַזש עס ווערגט מיך,
ווי די שלייף פון תליה...
ראַטעוועט זיך, ווער עס קאָן נאָך...

זיי צעלויפן זיך. די תלמידים 1 און 3 קומען אָן.

1 תלמיד:
חורבות, חורבות! וויפיל חורבות!
טויזנט שטעגן פּלאָנטערן זיך צווישן חורבות!
טויזנט וועגן פאַר דעם שטן צו אַנטרינען,
און באַהעלטענישן הונדערט טויזנט.

3 תלמיד:
טויזנט וועגן פאַר דעם שטן צו אַנטרינען,
טויזנט וועגן פאַר אַ מענטשן צו פאַרבלאָנדזשען,
טויזנט נעצן פאַר אַ מענטשן צו געפאַנגען ווערן...

גייען דורך. מכשפים ווייזן ארויס זייערע צורות פון הינטער די ווינקלען מיט גרימאסן.

1 מכשף
לאַכט:
האַ־האַ־האַ־האַ! שוין אַוועקגעגאַנגען?

2 מכשף:
ווידער גייט מען! גיך באַהאַלט זיך!

יוסף קומט מיט די איבעריקע תלמידים.

יוסף:
פרייט זיך, קינדער מיינע, מיט דער שמחה!
ס׳שלאָגט די לעצטע שעה פון אונזער שונא!

ס׳קומט די לעצטע שעה פון אונזער שטרעבן!
ס׳קלינגען מיר אין אויער שוין די שירות
פון קבלת־פּנים צו דער גאולה.
ס׳זינגט אין מיין נשמה שוין נצחון,
נאָך איין קרייז אַרום דעם ס״ם פאַרציען...
פּילט, עס קוקט אויף אונז מיט האָפענונג דער גורל
פון אַן אייביקייט מיט קומענדיקע דורות!

גייען אַוועק.

1 מכשף
שטעקט ארויס דעם קאָפּ פון הינטער אַ שטיין:
רויך און נעבל!

2 מכשף
פון הינטער אַ צווייטן שטיין:
טויזנט פּגירות!

פּלוצלונג הייבן אָן דורכצולויפן: מכשפים, מכשפות, שדים — פאַרצווייפלטע. אַ צייט — שטיל. פונדערווייטנס הערן זיך אומבאַשטימטע קלאַנגען פון קנאַקן, שאָסן, אָפּקלאַנגען פון געשרייען, באַלד באַווייזן זיך די תלמידים 2 און 4.

2 תלמיד:
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!

4 תלמיד:
לאָמיר תּפילות פאַר דעם רבין בעטן!

שטעלן זיך צו תּפילה. די איבעריקע תלמידים קומען אָן.

1 תלמיד:
זיך אין שוואַרצע הינט פאַרוואַנדלט
האָט דער שטן מיט דער לילית.
האָבן זיי אויף אים די ציין געשטשירעט
און געשפּריצט מיט פייער פון די אויגן —
וואו האָט ער גענומען כּוחות
זיי צו שטעלן זיך אַנטקעגן!

2 תלמיד:

גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!

3 תלמיד:

און נאָך זיי איז ער אַריין אָן מורא
מיט די קייטן אין דער חורבה —
איינער קעגן שטן, קעגן לילית...

הייבט אויף די הענט צו תפילה.

העלף אים, גאָט, אין דעם נסיון!
גיב אין זיינע אָרעמס גרויסע קרעפטן,
פעסטקייט אין זיין האַרצן!...

בלייבט שטיין מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

4 תלמיד:

לאָמיר אים מיט אונזערע כּוונות שטיצן...

פאַרטיפן זיך אין תפילה. באַלד קומט יוסף, פירנדיק אויף אַ קייט דעם שטן מיט ליליתן אין הינטישער פעל. הינטער זיי שלעפן זיך נאָך עטלעכע פאַרמאַטערטע מכשפים.

יוסף:

זייט געטרייסט און זייט דערפרייט, תלמידים מיינע!
שוין אַריבער איז דאָס שווערסטע —
איינגעבראָכן איז די טמאה מאַכט אויף אייביק,
מער וועט זי קיין קאָפּ ניט קענען הייבן,
און די וועלט שטייט רייף פאַר דער דערלייזונג!

צו די געשמידטע.

קלאָגט זשע, הערשער, פונם גיהינום!
אָפּגעלעבט אַן אייביקייט פון גאָט און לייט געפלוכטע —
איצט אָן רום און לויב געפאַלן.
וואָס זשע וועט איר זאָגן, שטייענדיק צום משפּט?
אייער בליק צו וועמען וועט איר הייבן נאָך רחמנות,
ווען פאַרמשפּטע וועט איר אויף עונש וואַרטן?

מכשפים:

ווייי און ווינד צו אונז!

יוסף

גיט די קייט איבער צו אַ תלמיד. זעצט זיך אויף אַ שטיין.

כ׳וויל באַגרייפן איצט דעם גאַנג פון נייע צייטן,
וועלכע שיינען פון דער רגע אויף פאַר וועלטן;
ווי אַ שוואָם זיך אָנזאַפּן מיט דער דערהויבונג
פון דעם זיג אין לעצטן קאַמף פון קאַמפן.
סאַר אַ גרויסע הערצער מענטשן דאַרפן האָבן
אויסצופרייען גאַנץ די שמחה פון דערלייזונג!
זאָלן אַלע האַרץ צו האַרץ באַהעפטן,
און זאָל שטורעמען איין וועלט-האַרץ
מיט דעם דופק פון דער גרויסער שמחה!
קינדער! נעמט אַ פאַרמעט, טינט און פעדער,
לאָמיר שיקן צו דער וועלט די בשורה,
אַז געקומען איז דער סוף צו טרויער,
אַז עס וועלן פון היינט אָן קיין קאַמפן
מער ניט רייסן ריסן אין נשמות;
אַז געקומען איז די ליכטיקע דערלייזונג,
און משיח ווערט באַפרייט פון קייטן

תלמידים גרייטן צו צום שרייבן.

1 תלמיד:

איך בין, רבי, גרייט.

יוסף:

שרייב:
מיט גאָטס הילף, איך יוסף די לה ריינה,
זאָג איצט אָן די בשורה פון דערלייזונג
צו אַלע לעבעדיקע אונטער הימל.
ס״ם און לילית זיינען שוין געשמידט אין קייטן.
ס׳וואַרט זיי שאַנד און שפּאָט פון אַלע וועלטן.
גרייט איז שוין פאַר זיי דער משפּט.
ס׳ציען זיך שוין פון דעם אין-סוף אומגעדולדיק
שאָטנס שוואַרצע איינצושלינגען
זייער לעצטן קרבן...

ש ט ן

רייסט פלוצלונג איבער:

האַהאַ, יוסף די לה ריינה!
ווען עס וואָלט דער גורל מיר געבראַכט נצחון,
וואָלט איך פון באַזיגטן שונא
בעסער וויסן ווי נקמה נעמען...

י ו ס ף:

שטום, דו שטן, שווייג!
ווילסט מיין האַרץ אין מיר מיט בייז צערייצן,
אין דער גרויסער רגע פון דערהויבונג!
עס האָט דען אַראָפּגערעדט פון מיינע ליפּן
דער געפיל דער אומווערדיקער
פון געמיינע לייט און פון טייוואָלים?

צו די תלמידים.

רייסט דעם פאַרמעט, וואַרפט אַוועק אים,
ס'האָט דער שטן אים פאַרמיאוסט
מיט דעם גיפט פון זיינע ליפּן.
ניט נקמה אומווערדיקע גלוסט איך, —
איך וויל איצט, נאָך לאַנגע שווערע וועגן
זאָל מיין גייסט זיין אויסגעלייטערט
פאַר די גרויסע פריידן פון דערלייזונג.
האַר אין הימל!
כ'וויל ביים ברעג פון ציל דערגרייכטן
ווערטער אויסזוכן דיר צו באַדאַנקען,
וואָס דו האָסט מיך אויסדערוויילט פון מענטשן
אייביקע און שיינענדיקע גליקן
פאַר דער וועלט צו שאַפן.

ש ט ן:

ניט דער הימל, יוסף די לה ריינה!
ווייסט אַפילו ניט דעם ווערט פון דיין נצחון.

גלייכט זיך אויס, אָראָפּוואַרפנדיק די פעל פון זיך.

זעסטו, ווער איך בין — דער שטן!
כ'האָב אַן אייביקייט באַאומרויִקט דעם הימל
און געבראָכן זיינע יאָכן,
און ס'איז קורץ געווען זיין האַנט מיך צו דערגרייכן, —
ביז דו יוסף ביסט געקומען
און באַזיגט מיך און געשמידט אין קייטן.
זאָל דער האַר פון הימל דאַנקען דיר פאַר דעם נצחון.

י ו ס ף:

ווילסט פון גאווה אויספלעכטן מיר נעצן?
איך האָב דען באַרימט זיך מיט מיין גרויסקייט?
ניין, ניט גאווה טוט מיין גייסט דערהויבן.
נאָר דאָס גליק פון אויסגעלייזטע וועלטן
וועלכע וועלן באַלד, געהייליקט און געריייניקט,
אויסטאָן דעם לבוש פון שרעק און ליידן
און אין שטראַלן פון גאולה גלאַנצן.
ס'וועט קיין פּיין מער זייער רו ניט שטערן,
און עס וועלן זיך אין שטויב צעשיטן
אויף משיחס הענט די קייטן.

צו די תלמידים.

ווער פון אייך ס'איז מיד — זאָל איצט זיך לייגן רוען,
ווער ס'איז הונגעריק — דאָס האַרץ זיך אונטערלעגען.
ס'שטייט אונז פאָר אַ לאַנגער וועג נאָך,
איך וועל היטן די געשמידטע.

די תלמידים טרעטן אָפּ. אייניקע גרייטן זיך לייגן, אנדערע נעמען זיך צום זאַק מיט עסן.

ל י ל י ת

גלייכט זיך לאַנגזאַם אויס, פאַרלירנדיק די הינטישע פעל, און פאַלט צוריק אַן אָפּגעשוואַכטע אויף דער ערד:

אוי, די קייטן!

הייבט זיך עטוואָס אויף.

ווען עס וואָלט אויף די פאַרהאַסטע קייטן
ניט געווען אויסגעקריצט דער נאָמען

פון מיין פיינט אין הימל — וואָלט איך זיי איצט
ווי פון זאַמד געקלעפּטע אין אַ שטויב צעבלאָזן.
וויי, זיי שלעפּן מיר אַראָפּ דעם קאָפּ צום באָדן,
בייגן מיינע קני צו פאַלן.

מ כ ש פ י ם:

וויי צו ליליתן אין קייטן...

ל י ל י ת:

כ'האָב געקליבן פאַרב פון אַלע מיידלעכס באַקן,
ווען געחלומט האָט זיך זיי פון גליקן,
ינט עס האָט אַ פרוי אין חלום זיך געררויטלט,
אין אַ פאָרגעפיל פון גליקן.
וואו מען האָט מיט איילן און מיט זאַלבן
ווען געצערטלט אַ בת־מלכה, —
האָב איך אין מיין לייב געזאַמלט
אַלדי צאַרטקייט פון בת־מלכהס.
וויי, מיין לייב איז איצטער איינגעשרומפן,
און פאַרוויאַנעט מיינע פאַרבן
אין אָן רום פאַרשפּילטע שלאַכטן.
ווי פאַרדאָרבן אונטער קייטן
איז מיין אייביק פרישע יונגקייט!
ס'שניידט זיך אין מיין האַלז דער ראָסט פון אייזן,
עסט מיר אין מיין לייב אויס וואונדן...
יוסף, נעם אַראָפּ פון מיר די קייטן!

י ו ס ף:

גיכער וועל איך מיר דאָס האַרץ אויסרייסן
און אין בלאָטע לאָזן עס צעטרעטן.
בעט ניט.

ל י ל י ת:

האַרט דיין האַרץ איז, ווי אַ שטיין אַ האַרטער...
ס'רירן עס קיין וואונדן אָפּענע ניט

אויף דעם פרויענלייב דעם ווייסן.
ווי דער שאַרף פון שווערד איז קאַלט דיין ווילן
און פאַרמאָסטן אויסצוראָטן.
אָך, איך בין אָן האָפענונג פאַרלאָרן...
אָפּגעשוואַכט פון קאַמף און פון מפּלה — —
גיב אַ שטיקל ברויט מיר, יוסף...

י ו ס ף

צו די תּלמידים, איבערראַשט:

ברויט בעט לילית! ברויט אַ שטיקל!

ל י ל י ת:

ברויט אַ שטיקל, יוסף,
איך זאָל האָבן קראַפט דיין קיים צו שלעפּן...

י ו ס ף

צו די תּלמידים:

ברויט אַ שטיקל בעט זי, הערט איר? —
ווען האָט זיך אַ מענטשנס האַנט דען ניט באַוואויגן
ברויט אַ הונגעריקן אויסצושטרעקן?

3 ת ל מ י ד

שטעלט זיך הינטער יוספן:

רבי! עס האָט דיך דער גייסט געוואָרנט,
וואָס האָט אונז דעם וועג געלערנט:
„ס'וועט די טומאה פאַר דיר וועבן נעצן
פון די מענטשלעכע געפילן"...

י ו ס ף:

הערסטו, לילית? — איך וועל דיר קיין ברויט ניט געבן.
ס'איז אומזיסט דיין בעטן!

ל י ל י ת:

וויי מיר! וואו זשע זאָל איך נעמען ווערטער
די אַכזריות פון דיין האַרץ צו רירן!
אַז עס טריקנט מיר די צונג צום גומען,

ס'שפּאַלטן זיך די ליפּן,
ס'דראָפּעט זיך מיין שטים אין האַלז, ווי איבער שטיינער,
הייזעריק ווי ביי אַ זקן...
גיב אַ טראָפּן ווײַן פון לאָגל, אָפּנעצן די ליפּן...

י ו ס ף:
ווי דו ווייסט דעם וועג צום האַרצן פון אַ מענטשן!
אָבער, לילית, זוך קיין וועג ניט צו מיין האַרצן,
איך האָב עס פאַרשפּאַרט אויף זיבן ריגלען
און אויף זיבן שלעסער פעסט פאַרשלאָסן!

ל י ל י ת:
גיב אַ ביסל וואַסער כאָטשי —
לעבלעכס, טריבס, פון אַ קאַלוזשע...

י ו ס ף
צו די תּלמידים:
הערט איר?
וואַסער פון אַ דאָרשטיקן פאַרמיידן!...
פון אַ דאָרשטנדיקן וואַסער...

3 ת ל מ י ד:
ס'האָט דער גייסט אונז דאַן געוואָרנט:
„טויט דעם מענטשן אין דיין האַרצן".

י ו ס ף
קוקט אויף איר אַ צעטראָגענער:
יאָ, עס האָט דער גייסט געוואָרנט...
לילית, כ'וועל קיין וואַסער דיר ניט געבן!

ל י ל י ת:
בעסער פיל פאַר דיר זיינען תּליונים,
וואָס דערפילן, איידער זיי די שטריק פאַרציען,
דעם פאַרלאַנג פון זייער קרבן.
ווען האָסטו אַ שטיין אָנשטאָט אַ האַרץ געגומען טראָגן?
צי האָסטו קיין מוטער ניט געהאַט אין לעבן?

י ו ס ף:
ריר ניט אָן דעם זכר פון מיין מוטער.
לאָז זי רוען אין איר רו בשלום.

ל י ל י ת:
צי ביסטו קיין ברודער קיינמאָל ניט געוועזן
צו אַ צאַרטער שוועסטער?

י ו ס ף:
ניט דערמאָן מיר, איך וועל אויסרייסן איר זכר
פון מיין האַרצן, אויב ער וועט מיך נויטן
טאָן דיין ווילן.

ל י ל י ת:
צי האָסטו קיין פרוי קיין יונגע קיינמאָל ניט געצערטלט?
צי איז קיינמאָל ניט ביי דיר אַ צאַרטע טאָכטער
אויפן קראַנקנבעט געלעגן —
בלאַס און מאַט, מיט אויסגעוועלקטע אויגן?

י ו ס ף:
דאָס, וואָס איך האָב לאַנג געלאָזט פאַרזינקען
אין די תּהומות פון מיין האַרצן,
ווילסטו ווידער אויפוועקן צום שיין פון לעבן —
אַלץ ניטאָ קיין סוף נאָך צו נסיונות...
רייד־זשע ווייטער. לאָמיך אויסטרינקען ביז ענדע
פון נסיון ביטערן דעם בעכער...
זאָג, וואָס ווילסטו?

ל י ל י ת:
אין דעם נאָמען פון די אַלע דיינע ליבסטע —
זע, ווי ס'הענגען קראַפּטלאָז מיינע אָרעמס;
ס'ברעכן זיך די קני מיר, ווי טשערעט אין שטורעם;
ס'בלאָנדזשעט אום מיין גייסט אין לעערן!
יוסף, גיב מיר איין שמעק ווייראַך פון דיין האָרן!

יוסף:

אײן שמעק װײַראַך?..
אײן שמעק װײַראַך בעטסטו, לילית?

לילית:

אײן שמעק װײַראַך...

יוסף:

װײ מיר, װײ מיר... אײן שמעק װײַראַך...
ס׳קאָן אַ גײַסט געפאַלענעם דערהױבן?
ס׳קאָן אַ קראַפט געבראָכענע צוריק אױפשטעלן?

לילית:

אײן שמעק װײַראַך, יוסף...

3 תלמיד:

רבי! ס׳האָט דער גײַסט אונז דאַן געװאָרנט...

יוסף

רײַסט איבער, צערודערט:

האַ? דער גײַסט האָט אונז געװאָרנט?
כ׳װײס, כ׳װײס: „טויט דעם מענטשן אין דײַן האַרצן",
„טויט דאָס האַרץ אין מענטשן". איך װײס.
אַזאַ פרײַז אַ גרױסן פאָדערט ער, דער מלאך!
צי איז דען דאָס האַרץ אין מענטשן
ניט דאָס שענסטע אין דעם מענטשן?
און צו װאָס איז שײנס אין מענטשן אײַנגעשאַפן —
אַז עס זאָל אָן פרוכטן דאַרן?
נײן, דאָס איז אַ טעות! ס׳איז ניט מעגלעך,
הערט: אָן האַרץ—דערלײזונג, גאולה—אָן דעם מענטשן!

לילית

שװאַך:

יוסף, אײן שמעק װײַראַך...

3 תלמיד:

רבי, לאָזט מיר זאָגן...

יוסף:

שװײַג! עס האָבן ניט קײן האַרץ מלאכים,
קאָנען זײ אין הימל האַרצלאָז לעבן.
אָבער ס׳איז דעם גײַסט פון מענטשן אָנגעצײכנט
װעגן אױף דער ערד צו גײן און היטן.
נײן, עס איז קײן זינד ניט מענטשלעכעס אין מענטשן!
ס׳קאָנען ניט דערפאַר דערגרײכטע צילן
צוריק פון מײַנע הענט איצט פאַלן!

לילית

שטרעקט די הענט אומגעדולדיק.

גיכער, יוסף!..

יוסף

צו די תלמידים:

גיט איר, גיט איר אַלץ!
גיט איר װײַראַך,
גיט איר װײַן, און ברויט, און װאַסער!..

דערלאַנגט איר אַן אױפגערודערטער דעם האַרן מיטן װײַראַך. לילית מיט דעם שטן טוען זיך האַסטיק אַ װאַרף צו אים און שמעקן. תיכּף גלײַכן זײ זיך אױס, קוקן זיך אַרום מיט שפּאָט, טוען אַ ריס די קײט. עס דערלאַנגט אַ קנאַל. ס׳װערט אַ געדיכטער רויך. אין דערזעלביקער רגע ברעכט אױס אַ שטורעם. אַלע װערן צעשלײדערט אין פאַרשײדענע זײַטן. אַ פינצטערניש דעקט אַלץ אײַן.

פערטע בילד

פאַרזעצונג פון דער דריטער בילד. צווישן די זעלביקע חורבות, דער זעלביקער אָרט. אַ גראָע ליכטיקייט, ווי בשעתן אויסלייטערן זיך פון די נאַכטשאָטנס. אַ טויטע אומבאַוועגלעכקייט. די תּלמידים 1 און 2 אויסגעצויגן אין אומגעלומפּערטע פּאָזעס, ווי געהרגע־טע, אויף דער ערד. די איבעריקע — ניטאָ. — באַלד הייבט זיך ביסלעכווייז אָן אויסצולייטערן, ס'ווערט ליכטיקער, ביז אין משך פון דער העלפט פונם בילד ווערט גאָר ליכטיק.

ווען עס ווערט ליכטיקער, נעמט דער תּלמיד 1 לאַנגזאַם אויפ־הייבן זיך. ער קוקט זיך ווילד אַרום. אויף זיין פּנים באַווייזן זיך פאַרשיידענע אויסדרוקן, וועלכע בייטן זיך איינער נאָכן אַנדערן. פּלוצלונג לאַכט ער זיך פונאַנדער, לכתחילה — שטיל, און וואָס ווייטער — אַלץ שטאַרקער. דער תּלמיד 2 כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך און קוקט אויף אים אַ דערשראָקענער.

2 תּלמיד:

גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען!

1 תּלמיד

מיט העוויות פון שרעק:

שאַ... שטילער... מ'טאָר ניט ריידן!
לילית האָט די וועלט אַוועקגעגנבעט...
אַלע קלאַנגען צוגענומען,
אַלע ווערטער אַיינגעשלונגען!...

2 תּלמיד:

ווי מיר, ביסט געווירט פון זינען!...

1 תּלמיד:

אַלע וועגן אויסגעשניטן און פאַרטראָגן,
און ניטאָ קיין אָרט די פיס צו שטעלן...
לילית האָט דעם באָדן אויפגעפרעסן,
און איך בין געשטאָרבן,
און ניטאָ קיין קבר, וואו צו גראָבן...

פאַרגייט זיך אין געלעכטער.

3 תּלמיד

קומט אָן פון אַ זייט אַ צעשויבערטער, אַ דערשראָקענער:

וואו דער רבי!?

4 תּלמיד

קומט פון דער אַנטקעגנדיקער זייט אויך אַזוי:

וואו דער רבי!?

1 תּלמיד

טוט אַ שפּרונג צו זיי:

הייסט דעם שטן שווייגן!
זאָל ער אונזער ערד צוריק אָפּגעבן!

3 תלמיד
קוקט אויף אים ניט:
וואו דער רבי? זאָגט!

4 תלמיד:
אפשר ליגט ער ערגעץ אין חלשות
אַ צעבלוטיקטער אין וואונדן.
לאָמיר תפילה טאָן, ער זאָל געהאָלפן ווערן!

3 תלמיד:
דו בעט גאָט, איך — קען ניט.
קיינע תפילות קומען מיר ניט אויפן זינען.
ס'איז מיין גייסט, ווי אַ צעבויטעטע קאַלוזשע,
אָנגעפילט מיט טריבקייט.
וואו איז אונזער רבי? וואָס האָט אים געטראָפן?
זוכן דאַרף מען גיין דעם רבין!

גייט, די איבעריקע גייען נאָך אים.

יוסף
קומט פון דער צווייטער זייט. אַ צעמישטער, וואקלט זיך. זעט ניט. הערט ניט, ווי לילית גייט נאָך אים נאָך ווי אַ שאָטן, גנבענענדיק זיך און הייבנדיק די הענט איבער זיין קאָפּ מיט כישוף־באַוועגונגען:

און די ערד איז גאַנץ אונטער די פיס געבליבן,
און אויף טויזנט ברעקלעך ניט צעפאַלן,
און אַ זון ווערט ווייטער שטראַלן,
און עס שלאָגט אַ דופק נאָך אין האַרצן...

קולות
פון דער ווייטן:
ר—בי! ר—בי!

יוסף
הערט ניט:
ס'לאַכט דער שטן, לילית שפּאָט...
דריי הונדערט מיט צען וועלטן וויינען
אויף דער שענדלעכער מפּלה פון אַ מענטשן...

קולות
פון דער ווייטן:
ר—בי!

יוסף
הערט ניט:
וואו זאָל איך מיין וויי פאַרבאָרגן?

קולות:
רבי! רבי!

יוסף:
וואו זאָל איך אַליין מיך הינטאָן?

לילית
שטיל, ליידנשאַפטלעך:
קום מיט מיר, מיט מיר...
באַפרייען ווילן..
קרעפטן אויסקעמפן פאַר שאַפן,
אויסלייזונג, דערלייזונג...

יוסף
ניט הערנדיק:
אָפּגעטרוימט אַ לעבן פון גאולה,
אָנגעזאַמלט כוחות פאַרן ווילן,
בלוטיקע געפירט מלחמות, —
און דער זיג — אַ פוסטער חלום...
גאָט האָט מיר געלאָזן הויך דערגרייכן,
כדי אַז נידעריק אַזוי זאָל זיין מיין פאַלן...

לילית
שעפטשעט:
ס'האָט דיך גאָט געמאַכט צום נאַרן...

יוסף
גייט פאַרטיפט אין זיך:
האָט אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן
אַלע וואונדער פון זיין שאַפן,

כדי צו ווייזן, ווי אַ מענטש איז נישטיק.
וואָס האָט ער געלאָזט בײַ מיר אין האַרצן
שטרעבן זידנדיקן וואַקסן,
אַז ער זאָל נאָר בריען, אײביק שמאַרצן,
ווי ניט אויסהײלבאַרע וואונדן!...
וואָס האָט ער געלאָזט דערל״זונג־טרוימען
אין מײַן דמיון שײנענדיקע מאָלן
און קײן קרעפטן ניט געגעבן צו דערגרײכן.

בלאָנדזשעט אַוועק, לילית נאָך אים.

קולות

פון דער אַנטקעגנדיקער זײַט:

ר—בי! ר—בי!

די תּלמידים קומען אָן.

2 תּלמיד:

אין אַ צויבערקרײַז אַרומגענומען
האָבן אונז דעם שטנס חורבות —
ווידער אויף דעם זעלבן אָרט געקומען,
וואו מיר זײַנען שוין געוועזן.
גאָט זאָל זיך מרחם זײַן...

3 תּלמיד:

טויזנט וועגן צווישן חורבות צו פאַרבלאָנדזשען,
טויזנט וועגן צו געשטרויכלט ווערן,
ווער ווייס, וואו דער רבי איז אין זיי געפאַנגען.

אַלע

שטעלן זיך אָפּ און רופן:

ר—בי! ר—בי!

גייען אַוועק רופנדיק, זייערע קולות הילכן אָפּ אַלץ מער פוני־
דערווייטן, ביז מען הערט זיי מער ניט. יוסף קומט. לילית
באַווייזט זיך נאָר און בלייבט צוריק הינטער אַ ווינקל.

יוסף

קוקט זיך לאַנג אַרום:

דאָ איז עס דער אָרט... באַקאַנטע חורבות...
אָט ליגט נאָך דער האָרן מיטן ווייראַך...

אָט — דער זאַק מיט שפּייז צעוואָרפן...

זעצט זיך אויף אַ שטיין.

און אָט פלאַקערט נאָך מײַן חרפּה
אויף די שטיינער אויסגעגאָסן...
און אָט קוקט דערזעלבער הימל
בלאָ און שײנענדיק אויף מײַן מפּלה...

פויזע.

איז אַן אָרט אויף דר׳ערד פאַראַן, וואו כ׳זאָל נאָך קענען
אויסמײַדן דעם לאַכעדיקן בליק פון הימל?

בלייבט זיצן דערשלאָגן, אײַנגעשרומפּן.

1 תּלמיד

לויפט אַרויס מיט אַ געשריי. נאָך אים—הוץ דעם דריטן—די איבעריקע תּלמידים:

רבי! לאָמיר לויפן!
כ׳בין געשטאָרבן,
און צו קבורה ניט געקומען.
לילית האָט מיך צוגענומען!

לויפט אַוועק. די חברים לאָזן זיך אים כאַפּן.

יוסף

האַלט זיי אָפּ:

וואַרט! משוגע? יאָ? געווירט פון זינען...
וואַרט זשע, לאָזט אים לויפן.
באַלד וועל׳ אַלע מיר משוגע ווערן...

3 תּלמיד

לויפט אַרויס אַ פאַרסאָפּעטער:

דאַנקען גאָט! מיר האָבן אײַך געפונען!

יוסף

הייבט זיך אויף:

ניין, איך האָב פאַר גאָט קײן דאַנק ניט.

3 תּלמיד:

ווי צו מיר, וואָס רעדט דער רבי!

יוסף:

ס׳קאָכט אין מיר אויף אים פאַריבל.
ער האָט מיר געטאָן אַ גרויסע עוולה.
ס׳יוירן אין מיר קרעפּסן, ווילן —
און אויף וואָס זאָל איך זיי איצט פאַרווענדן?
וואו זאָל איך אַהינטאָן גאָר מיין חכמה,
וועלכע האָט מיך ווי אַ קינד אַ שוטה
שטיין געלאָזט אינמיטן וועלטן?
כ׳האָב געטרוימט אַ טרוים פון גאולה —
ווי איז זי פון מיינע הענט אַרויסגענומען?

3 תלמיד:

זאָל באַרויִקט זיין דער גייסט פון רבין!
לאָמיר דאַנקען גאָט און לויבן צו זיין נאָמען,
וואָס ער האָט זיין ווילן אונז געלערנט
מיט דער מאָס פון רחמים ניט פון צאָרן, —
און אײַעקגיין גיך פונדאַנען,
וואו ס׳איז שטאַרק די שליטה פון דער טומאה.
מירן זיך אַהיים צוריק אומקערן,
צוריק צו טאַטע־מאַמע, ווייב און קינדער,
און צו אונזער שטילן בית־המדרש,
און צו אונזער לערנען תורה,
און צו אונזער דינען גאָט באַשיידן.

יוסף:

ניין! איך האָב ניט אויף צוריק קיין וועגן!
אַז עס וועלן זיפצן פון עינויים
מיר ווי וועספּעס־מחנות אַרום קאָפּ זיך טראָגן, —
וועלן פון מיין הויז די דינע ווענטלעך
מיך אַנטקעגן זייער גיפט ניט שיצן!
און אַז ס׳וועלן טרערן פון פאַרצווייפלונג
אויף מיין שטילן שלום־בית פלייצן, —
וועט מיין ווייבס געלעגער מיר ניט זיין קיין תיבה

איבער מבול קאָכיקן צו שווימען!
ווי וועט דעם געשריי פון גסיסה־וויי צו רחמים
קינדערס שמייכל ביי מיין טיש אין פרייד פאַרוואַנדלען?
און ווי וועל איך לייענען די ספרים —
יעדער אות — אַ סוד פון גאולה,
יעדער סוד — אַ ווערקצייג פון דערלייזונג —
און זיי בלייבן ניט פאַרווענדטע,
ווי די אוצרות־סריסים אין דער ערד פאַרבאָרגן,
וועלכע וועלן קיינמאָל ניט די שיין זען
און קיין גליקן ניט געבוירן!
און אַז ס׳וועלן מיינע טרוימען מיר ניט לאָזן שלאָפן
און מיט טענות־ריטער מיין נשמה שמייסן:
— גיב אונז לעבן! לאָמיר וואַקסן! —
זאָל איך זיי מיט חוזק שטילן:
— גאָט הייסט אַייער וואָרצל דאַרן?
ניין! ס׳האָט גאָט געמאַכט דעם רעיון פון דערלייזונג
גלייך צו פוסטער בליעכץ, וועלכע לאַכט מיט פאַרבן:
— כ׳בלי אָן פרוכטן!...
ניין! איך גיי ניט ווידער אין גאָטס וועגן!
אָט האָט ער גאולה נאָר וואָס מיר געגעבן,
און זי פון מיין האַנט אַרויסגעריסן...
איך וועל דאָס אים קיינמאָל ניט פאַרגעבן!

תלמידים:

— רבי! רבי!
— וויי, וואָס הערן מיר פון רבין!

יוסף:

איך בין מער ניט אַייער רבי.
און קיין קנעכט ניט מער צו גאָט אין הימל.
און ניט אונטערטעניק צו זיין ווילן.
אָפּגעגאַרט האָט גאָט מיך.
כ׳שליס מיט לילית אַ בונד היינט.

ל י ל י ת

באַווייזט זיך:

יוסף!

ו ס ף:

קום און נעם מיך, טאָכטער פון מרידה!
פון היינט צן פאַראייניקט אונז איין גורל —
ווידערשפעניקייט אַנטקעגן הימל!
אויסלייזונג פון קלעמען,
פון אויפגעצוואונגענע געזעצן!

ל י ל י ת

שטרעקט צו אים די הענט:

קום!

יוסף שליידערט אַראָפּ די הוט, דעם מאַנטל, דעם טלית-קטן. די האָר צעשיטן זיך ביים אים געדיכטע, שוואַרצע. ער גלייכט זיך אויס מענעריש. די תלמידים גייען לאַנגזאַם אַוועק מיט פאַרבראָכענע הענט, צוטמקוקנדיק זיך פאַרצווייפלט. נאָר דער 3 תלמיד בלייבט שטיין פון ווייטן אַ ציטערדיקער.

י ו ס ף

צו ליליתן:

טונק מיך אָפּ אין ים פון דיינע זינדן, לילית!
זאָלן זיינע קאָכעדיקע כוואַליעס
מיר אַריבער קאָפּ מיט שטורעם פליצן!
זאָל די זינד פון היינט אויף אייביק זיין געהייליקט
צו באַשאַפן שטראַלנדיקע גאולות!

ל י ל י ת

אין עקסטאַז:

אָמן!

זיי נעמען זיך פאַר די הענט.

פ י נ פ ט ע ב י ל ד

אַ פֿלײן אויפֿן האָרן־שפּיץ פֿון דעם לבנה־טערף. הינטער אים אין דער הייטער פֿינסטערניש זעט זיך די ערד־קויל אין פֿלאַמען, איבער וועלכע עס שטראָמען רויטע רויכעלעך פֿון שאַטירונגען, וואָס בײַסן זיך. בײַם ראַנד פֿון דער לבנה, צו דעם חלל צווישן לבנה און ערד, שטייען יוסף און לילית אין טונקעלן געקליידס. זייערע געשטאַלטן טיילן זיך אויס אויף דעם פֿאָן פֿון דער גליענדיקער ערד, ווי שוואַרצע שאָטנס אין אַ פֿײַערדיקער ראַם. זיי האַלטן אין די הענט פֿײַער־פֿאַנען, ווי די פּראַוואָסלאַווע קאַדילניצעס.

מכשפים און מכשפות אין צוויי רייען פֿון ביידע זייטן. עטלעכע מכשפות מיט צויבער־קעסלען. יוסף און לילית שפּרייען מיט דעם רויך פֿון די פֿײַער־פֿאַנען אויף דער ערד־קויל צום טאַקט פֿון די מישנדיקע מכשפות.

1 מכשפה

מישנדיק דעם קעסל:

איך מיש, איך מיש אין מיין קעסל —
שרפות!

יוסף מיט ליליתן שפּרייען; פֿון יעדער שפּריי רויך גליט די ערד־קויל אויף.

2 מכשפה

מישנדיק:

איך מיש, איך מיש אין מיין קעסל —
מגפֿות!

יוסף מיט ליליתן — דאָס זעלביקע.

3 מכשפה:

איך מיש, איך מיש אין מיין קעסל —
היץ פֿון פֿיבער!

4 מכשפה:

איך מיש, איך מיש אין מיין קעסל —
קברים־גריבער!

לילית

קערט זיך אום מיטן פּנים צו די מכשפים:

בינדט אָפּ פֿון די קייטן אַלע אימות,
וואָס כּון אייביקייט אָן האָבן
פֿריד און זיכערקייט פֿון זייער רו געטריבן!
עפֿנט אויף די אוצרות מיט שיגעון
פֿון פֿאַרדאַרבונג און פֿאַרניכטונג!
וואָס עס האָט אַ טייוול בייז אין חלום
ווען פֿאַרטראַכט, נאָר ניט דערטראַכט
און ניט געמאַכט,

אַליין זיך פאַר זיין בייז דערשראָקן, —
זאָל אַרויס פון חושך הינטער דמיון
אין ממשותדיקע אָנקליידן געשטאַלטן!
זאָל אויף גאָטס ערד ווילדעווען אויסראָטונג,
ביז עס וועט פון גליווער קאַלטן
גאָט אין הימל לויפן זיך באַהאַלטן!
ביז עס וועט דער הימל אויסברענען אין פלאַמען,
און ס׳וועט גאָט אַ נשרף בעטלען גיין צו ס״מען!

מכשפים און מכשפות טאַנצן אַ ראָד.

באָר:

ברייט צעכוואַליעט ווי אַ ים,
שליסט די וועלט אַיין אין אַ ראַם —
אין אַ שייד פון וויסט־און־לער —
אין די פויסטן פון דעם ס״ם.

ענגער, ענגער, האַנט־ביי־האַנט,
קרייזט אַרום די וועלט מיט שאַנד,
ביז עס ווערט דער קרייז אַ רינג —
אַרום פינגער פון דעם ס״ם.

ענגער, ענגער, פוס־צו־פיס,
ביז, ווי פולווער פון אַ נוס,
ווערט די וועלט אין ענגער שייד —
אויף די ציינער פון דעם ס״ם.

ענגער ציט צונויף די ראַם,
ביז ס׳גייט אויס, ס׳גייט אויס דער פלאַם,
ביז די וועלט אין רויך פאַרגייט —
איין שמעק רויך נאָר פאַר דעם ס״ם.

די ראָד רוקט זיך פונאַנדער, און די טענצער פאַרשווינדן פון ביידע זייטן פליין; עס בלייבן יוסף מיט ליליתן, און דער 3 תלמיד אָן אַ זייט, פון דער ווייטן, אַ צונויפגעקאָרטשעטער, כמעט אָן אומבאַמערקטער.

ליליתו

קוקט אויף דער ברענענדיקער ערד:

זע, ווי ס׳קאָרטשע[illegible] זיך די ערד אין קראַמפן!
ווי אַ הרוג, וואָס אין לעצטער ראַנגלעניש פון לעבן,
האָט זיין גאָט פאַרלאָרן.
ניט קיין בליענדיקע שוועבן אין צעהיטן קאָפּ חלומות —
אימות!
ניט קיין האָפענונגען ווערן אין דער הייסער ברוסט געבאָרן־
צאָרן!
און די פינגער גראָבן אַרום זיך אין שטויב צעקרימטע
און מיט צאַפּל פון קאָנוואולסיעס זוכן —
פלוכן!
ס׳בעטן ניט די ליפּן תפילות —
שטראָמען פיענע פלייצט דאָס מויל און ציינער־סקריען!
איין מחשבה פילט די גאַנצע ערד אָן —
גסיסה!
און גאָט שטייט אַ מאַכטלאָזער אַנטקעגן,
קוקט צו זיין מפּלה, און ער קען ניט העלפן!...

צו יוספן.

דאָס איז דער ניצחון אונזערער איבערן הימל!
זעץ דיך, יוסף.
איך וועל אויף דיין שויס מיין קאָפּ אָנשפּאַרן,
דו וועסט מיר די האָר מיט דיינע פינגער צערטלען,
און דעם גלוט פון לייב מיינעם מיר שטילן,
קוקן אויף דער ערד, און וואָס דו זעסט דערציילן.
איך וועל הערן און פאַרשיכּורט ווערן
מיט דעם ווייַן פון לאַשצען און דערציילן דיינעם.

זעצן זיך, ווי ליגט דעם קאָפּ צו אים אויף די קני.

נו, וואָס זעסטו?

יוסף

קוקט או[illegible] דער ברענענדיקער ערד:

ג[illegible]בנס, גראָבנס, גראָבנס —
ה[illegible], און הער, אין אַלע זייטן!

גאָר די ערד צעפּאַסעוועט אין נראָבנס,
ווי אַ יונגער כּרויס באַפּרוכפּערט בויך צעריסן
און אַרויסגעוואָרפן ס'איינגעווייט אין דרויסן
פּרוכטלאָז דאַרן, פּוילנדיק צערינען,
צו באַליידיקונג פאַר אויגן
און צו חרפּה פאַרן הימל!

ל י ל י ת:

כאַ־כאַ. נאָך וואָס זעסטו?

י ו ס ף:

פעלדער גרינען מער ניט מיט קיין קאָרן,
ניט קיין ווייצן כוואַליען זיך אין גאָלדן, —
גרינע מתים שפּראָצן פון די בייסן,
ברודער־קברים בערגלען זיך אויף לאָנקעס
ברוין־און־בלויע תּלויים צייטיקן אויף צווייגן אין די סעדער,
בינען זוי־ן זאַפט פון פגירות,
און עס פּאַשעט פי ז'ך ניט מיט גראָזן —
מיט נבלות, ווי שאַקאַלן!

ל י ל י ת:

כאַ־כאַ־כאַ!

י ו ס ף:

חורבות!
מער ניטאָ קיין בליענדיקע דערפער —
שפּענער פוילן!
מער ניטאָ קיין הילכעדיקע כּרכים —
ציגל־ברוך און קוילן!
און ניטאָ קיין מירמלנע פּאַלאַצן —
וויסטע גרוילן!
ס'קלינגען ניט קיין תּפילות פון קיין טעמפּלען,
קיין ניגונים פון קיין אָרגלען, —
וואָיעניש פון וועלף הילכט אויף בית־עלמינס!

קינדער־לאַכן פון די גאַסן האָט פאַרגראָבן זיך אין נאָרעס;
אויבן אויף די חורבות אָפן
שפּילן שטשורעס ליבעס, זינגען שירות!

ל י ל י ת:

כאַ־כאַ־כאַ!

י ו ס ף:

הונגער, הונגער, הונגער
קיניגט איבער חורבות, קעלערן און לעכער!
וואו עס צאַנקט נאָך ביי אַ ברייטל
ערגעץ אַ פאַרגעסן פלעמל פרידן, —
שטעלט זיין קיניגלעכן טראָן דאָרט הונגער,
און מיט אָפּגעהוילטע ביינער פּאָכט ער,
און מיט קאַלטן אָטעם לעשט ער...
און עס שלינגען שלינע מאַמעס ליבנדיקע,
גלייך צו וועלף אַרום אַ פגירה,
ביי דעם טויטנבעט פון קינדער,
וועלכע גוססן פון הונגער.
פריער קושן זיי זיי אויס די טויטע גלידער,
און דערנאָך צעטיילן זיי זיי אויף חלקים:
פאַר דער שטוב־קאַץ — נעגל, לעפּלעך, —
אַלץ וואָס ניט צום עסן פאַר קיין מענטשן, —
און די זייטלעך, בריסטלעך,
וואָס ס'איז זאַפטיק, מאַרכיק — אין די טעפּלעך.
שמאָקצען מאַמעס קינדערס מאַרכביין,
בעת די קעץ אין ווינקלעך נאָגן הויט פון קינדערס קעפּלעך...
שפּרינגט אויף.
און דער הימל זעט — און קאָן עס ניט פאַרווערן!

ל י ל י ת

אויפגעשטעלט זיך נאָך אים:

שליידער זי, די חרפּה, גאָט אין פּנים!

י ו ס ף:

כ'זע נאָך דאָרטן!

אומות שמידן איבער רידל, סערפ און אַקער;
עדות — האַמער, שער און קירכנגלאָקן —
אין געשליפֿטע שווערדן, שפּיזן!
קעמפֿן אומות איינע קעגן צווייטער,
יעדער איינע — קעגן אַלע,
אַלע — קעגן יעדער איינער,
אויסצוראָטן...
ס'שטעלן בערג הרוגים אָפּ דעם שטראָם פֿון טייכן,
טייכן בלוט באַפֿאַרבן רויט די ימען...
און אַז ס'ווערן הענט פֿאַרמאַטערט מאָרד צו שאַפֿן, —
לאָזט אַן עדה=זיגערין אַן עדה אַ באַזיגטע
פֿאַר זיך מיט די הענט די אייגענע אַ קבר גראָבן...

צערודערט.

אָ, עס האָט אַ דולער דמיון צוגעטראַכט דעם רעיון,
און צו טאַט געמאַכט האָט עס שיגעון:
ס'גראָבט אַליין פֿאַר זיך אַ פֿאָלק איין גרויסן קבר!
ס'גייען אַלטע, יונגע, פֿרויען, קינדער,
כּלות מיט חתנים, עופּעלעך אויף מוטערס ברוסטן
אויסלייגן זיך שורות אויפֿן אָפּגרונט
פֿון איין קבר פֿאַר אַ גאַנצער עדה,
לעבעדיקערהייט אַליין זיך צו באַגראָבן!

ל י ל י ת

אַנטציקט:

דאָס איז מיין און דיין נצחון!

י ו ס ף

צערודערט:

און עס האָט אַ מאָס זיך אויף דער ערד געפֿונען
לענג און ברייט און טיף צו מעסטן
פֿון איין קבר, וואָס עס גראָבט אַליין פֿאַר זיך אַן עדה!...
ס'האָט פֿאַר רידלען אייזן זיך געפֿונען!
זאַמדן, ליימען — אין אַ באָדן!...

ל י ל י ת

רייסט אים איבער קאַלט:

אָ, ווי ס'ציטערט דיר אין קעל די שטימע, —
פּונקט ווי ביי אַ נזיר פֿרומען
אויפֿן שיידוועג פֿאַרן צלם קרומען...

י ו ס ף

מיט פֿאַרביטערטקייט:

און די זון געקענט האָט קוקן,
און גאָט — שטיין אַ מאַכטלאָזער אַנטקעגן,
צוזען זיין מפּלה און דערלאָזן!...

ל י ל י ת:

נו, געַנוג. דו נעמסט שוין טראַכטן.
ס'קאָן אַ מענטשן אויך ווי יוסף די לה ריינה שאָדן...
קום, דער עולם וואַרט דאָרט מיט די שפּילן
אויף דעם גרעסטן פֿון מכשפֿים...

ציט אים אַוועק נאָך זיך. — דער 3 תּלמיד, וועלכער האָט זינט יוסף האָט אָנגעהויבן דערציילן, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, און ביי דער דערציילונג וועגן דעם גרויסן קבר זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן אין צערודערונג, — גייט שנעל צו צום ראַנד און שטעלט זיך גיריק קוקן.

ת ל מ י ד

מיט פֿאַרבראָכענע הענט:

וויי, ווי האָבן זיך עס קני געבויגן,
גלידער זיך באַוואויגן,
ווען אַן עדה איז געגאַנגען אין איין גרוב זיך לייגן,
וואָס זי האָט אַליין געגראָבן!...
און אויב מען האָט זיי געהויבן
און געוואָרפֿן אויפֿן דעק פֿון אויבן —
צי האָט מען געפֿילט אַ ווייטאָג פֿון צעמורשטע ביינער?!
ווי האָט אָרט גענוג געסטאַיעט פֿאַר אַן עדה
אין איין גרוב, אין איינער?!
צי האָט פֿאַר אַ שפּאַן פּלאַץ ניט געקריגט זיך,

ניט געשלאָגן, ניט געשטיקט זיך
איין משפחה מיט דער צווייטער?
ווײ! און אַז עס האָט געדריקט די ענגשאַפט —
האָט מען ניט געבעטן לאָזן גראָבן נאָך אַ טפח
ברייטער?!
ווײ, ווי האָבן קינדער כיבוד־אב דאָרט אָפּגעגעבן —
אָרט פאַר עלטערן געזוכט, וואו ברייטער, לענגער,
אָדער וואו גערדיכטער, ענגער?!
ווײ, ווי האָבן מוטערס דאָרטן
דאָס געוויין פון עופעלעך געשטילט?!
און ווי — עופעלעך דער מוטערס ברוסט געזויגן
און אויף איר מיט פינגערלעך געשפּילט?!
ווײ, ווי האָבן ציין אונטערן ליים געסקריעט,
ווי האָט ליים אַן עדה לעבעדיקערהייט פאַרדייט!
ווער וואַגט אויף דער ערד אין שיך צו טרעטן,
בעת זי ציטערט פון אַ לעבעדיקער עדה
וואָס זי טראָגט אין אירע אינגעווייטן?!

פאַלט אַנידער אויף דער ערד, פאַרגראָבט דאָס פּנים. — מכשפים און מכשפות גייען דורך טאַנצנדיק מיט טומל. אַן אַלטער יאָגט זיך נאָך אַ יונגינקער מכשפהלע.

אַלטער מכשף:
אוי, ווי ס'שמעקט מיט פרישע עפּל
פון דיין פרישן גאָרטן.
לאָז אַריין מיך אין דיין גאָרטן,
כ'וועל ניט זאַמען דאָרטן!

1 יונגע מכשפה
רייסט זיך פון זיינע הענט:
מיינע עפּל זיינען גרינע,
מאַכן הײַליק ציינער;
און אַ שלאָס הענגט אויף מיין גאָרטן,
עפ'נען קען ניט קיינער.

מכשף
כאַפּט זי אַרום:
כ'האָב פאַר הײַליקייט ניט מורא —
איך בין אַזאַ פרעסער.
און איך ווייס אַזאַ מין כישוף —
עפנט אַלע שלעסער.

שלעפּט זי צוועק.

2 יונגע מכשפה
במעט אַ קינד נאָך, בלייבט איינע נאָך דעם אַוועקגעטאַנצטן עולם. גייט צו צום תלמיד:
היי, ווער ביסטו אַזאַ איינער?
אַזוי איינזאַם אָן אַ זייט וואָס ליגסטו?
ס'פרייט דיך ניט דער טייוול־פעסט אויף דער לבנה?
דו ביסט ניט אַהער געקומען
פון לבנה שלאָגן גאָטס ערד דאָרטן?
שווייגסט? דו קענסט ניט ריידן? ביסט אַ שטומער?

מאַכט צו אים צייכנס אויף שטום־לשון. ער ענטפערט ניט, און זי רעדט ווייטער.

דו ביסט ברוגז? ס'האָט דיך ווער באַליידיקט?
ס'האָט אַ מכשפה דיך פאַרראַטן, —
צו אַ ציגן־באָק פון דיר אַנטלאָפן?
כאַ־כאַ! נעם זיך ניט צום האַרצן,
אויב זי האָט געהאַט אַ שיינעם אויסזען.
אפשר איז איר הונדערט יאָר שוין;
דורכגעפוילט לאַנג, ווי אַן אַלטע ווערבע,
אַז עס פייפן דורך איר ווינטן,
ווי דורך שימלדיקע פייכטע היילן.
אָ, עס קען אַן אַלטע מכשפה נאַרן!
ס'לוינט ניט טרויערן, זיי פריילעך.
זע נאָר, וויפיל שיינע מכשפות
זיינען דאָ אויף דער לבנה אָנגעפלויגן.
קענסט זיך צווישן זיי אַן אַנדערע געפינען.

צופּט אים פאַרן מאַנטל.

טו אויף מיר אַ בליק נאָר. אפשר איך געפעל דיר?
כ׳נאַר דיך ניט. מיין יונגקייט איז ניט אויסגעכישופט,
מעגסט מיר גלויבן.
זע, ווי שטייף מיין לייב; די נאָפּלען פון די ברוסטן,
ווי די שטעכעלעך, אויף רויזן־קוסטן.

ציט זיין האַנט צו איר ברוסט. ער לאָזט זיך ניט.

הער, ווי שמעקעדיק מיין אָטעם!

הויכט אויף אים. ער קערט זיך אָפּ.

דריי זיך ניט אַוועק. דו שעמסט זיך?
כאַ־כאַ! אַ מכשף שעמט זיך פאַר אַ מיידל

צופּט אים.

קום, מיר וועלן זיך צוזאַמען ליבן.
ווייסט, וואָס הייסט אַ מכשפהס ליבע? —
גאָט צולאָ־עס! אַ מלחמה מיטן הימל!
הייסער גלות, אַליין אַ גאָט צו ווערן!
קום דעם טאַנץ פון מכשפה־ליבע טאַנצן.

ער לאָזט זיך ניט.

ניין, ביסט קיינמאָל קיין מכשף ניט געווען!

גיט אים אַ שטופּ מיטן פוס.

פרוש, דו גאָטספאָרכטיקער, צעפוילטער!
תהילים־זאָגער! תחינה־בעטער!
או, דו!...

קרימט זיך אויף אים און אַנטלויפט. — דער תלמיד זעצט זיך צוריק אויפן ראַנד פון דער לבנה. קוקט. — פונדערווייטן דערהערט זיך ווידער אַ טומל פון קולות און געזאַנג. ס׳קומט אַ המון מכשפים מיט מכשפות, טאַנצנדיק צום יוספן.

כ אָ ר:

אין אַ חורבה פון אַ ווינטמיל
צווישן פּראָג און טראָק
ליבן זיך פיר מכשפות
מיט סמאָעלס באָק.

איינע נייט אים סאַמעט־הויזן,
איינע — זיידן־רעק,
איינע קושט אים אין שפּיץ בערדל,
איינע — אין שפּיץ עק.

נאָר דער באָק, דער אַלטער תּרח
רייסט זיך פון דער שטריק,
כאַ־כאַ־כאַ! דער באָק דער שוטה
רייסט זיך צו דער ציג.

טאַנצן אַוועק. יוסף טיילט זיך אָפּ, גייט צו צום תלמיד.

יוסף:

דו ביסט אויך דאָ, גאָטס געטרייער דינער?
דו ביסט אַזש אַהער מיר נאָכגעגאַנגען?
נו? דו זעסט, ווי גאָטס ערד פלאַקערט?

תלמיד:

העלער קאָן ניט פלאַקערן דער גהינום...

יוסף

זעצט זיך לעבן אים:

כאַ־כאַ־כאַ. עס קאָן ניט! אָט אַזוי־אָ.
נו, און מערער זעסטו גאָרנישט?

תלמיד:

גאָרנישט, רבי.

יוסף

מיט שטרענגקייט:

ווילסט מסתּמא זען דאָרט גאָרנישט!
בעסער קוק זיך צו. דו זעסט שוין?

תלמיד

קוקט:

זאָל דער רבי מיר פאַרגעבן — גאָרנישט.

יוסף
קוקט אנגעשטרענגט צו דער ערד:

איך זע אויך ניט...
אָבער דיינע אויגן זיינען יינגער.
פון די פלאַמען מוז אַ נייע ווערק אַרויסגיין,
ווי די סאַלאַמאַנדרע לעבט אַרויס פון פייער.
בעסער קוק, וואָס זעסטו אונטער פייער?

תלמיד:
קלאָגן, רבי, זע איך; פלאָגן...

יוסף:
ניט דאָס מיין איך...
הינטער קלאָגן מוזן שיינען פריידן,
ווי ביי קינדער הינטער טרערן — שמייכלען.
זאָג, וואָס זעסטו דאָרטן הינטער פלאָגן?

תלמיד:
חורבן...

יוסף
אומגעדולדיק:

חורבן — ווייס איך: דורך חורבונות
וועלן זיין באַפרייט די קרעפטן!
פון פאַרדאַרבונג אויפשטיין מוז אַ נייע שאַפונג!
ניט חורבונות, עפעס אַנדערש, —
זעסט ניט, ס'שפּראָצט דאָרט עפעס נייעס?

תלמיד:
כ'זע ניט... קופעס אַש נאָר...

יוסף:
גייט ניט דורך דעם אַש קיין נייע שיין אויף?

תלמיד:
איך זע גאָרנישט.

יוסף:
קיין שום טרייסטנדיקער אָפּגלאַנץ:
גאָר קיין סימן ניט פון נייער שפּראָצונג?
אפשר וואו אַ שטראַלעכל אַ יונגער?
צי אַ פרישע פאַרב, אַ נייע?...

תלמיד:
כ'זע ניט...

יוסף:
קיין שום שפור ניט פון גאולה?
דער תלמיד ענטפערט ניט.

ניין, מיין אומגעדולד איז צו אַ הייסע,
כ'וויל דעם גאַנג פון צייטן אונטערטרייבן.
אָבער אונטער אַש פון חורבן
צייטיקט זיך דאָרט אויס די בלום פון גורל!
זי וועט אויפגיין און די וועלט פאַרשיינען
מיט קאָלירן העלע פון דערלייזונג!
כ'פיל איר דופט שוין, ס'הענגען אירע פאַרבן
אויף די הערעלעך פון מיינע ברעמען.
גוט קוק, שטרענג אָן דיינע אויגן,
לאָז ניט דורך די רגע פון איר אויפגאַנג.
מירן זיין די ערשטע, ס'ליכטיקע געבוירן
פון דעם נייעם לעבן אויפצונעמען!

קוקן ביידע. לילית באַווייזט זיך, גנבעט זיך אונטער צו יוספן און טוט אים אַ טרייסל פאַר די אַקסלען, חי אַראָפּצושטופּן אין דער נידער. יוסף שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענער.

יוסף:
לילית!

לילית:
כאַ-כאַ! דו האָסט זיך דערשראָקן, יוסף!
ווען איך שטופּ אַזוי אַראָפּ דיך אונטן, —
וואָלסטו אין דעם וועלט-חלל געבליבן הענגען

מיט די הענט און פיס אַזוי צעפּלויגן,
אויף געלעכטער אַלע אייביקייטן!

גייט אַוועק, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו אים און לייגט אַוועק דעם פינגער אויף דער נאָז מיט אַ פּאַנאַק.

טראַכט ניט!

יוסף מיטן תּלמיד קוקן איר נאָך צעמישטע, ביז זי פארשווינדט.

יוסף:

האָסט געהערט?...
מ׳קען דאָך דאָס פון איר דערוואַרטן...

זעקסטע בילד

אַ הייל. די ווענט פאַרלוירן אין פינסטערניש. דער מיטן באַ-
לויכטן מיט רויטן שיין פון פאַקעלן. אויף דער ערד—טעפּעכער.
ביי די זייטן—נידעריקע דיוואַנען. אַלץ גלאַנצט און פינקלט מיט
גאָלד און זילבער און מיט טייערע בונטע געוועבן. טישן מיט
פרוכטן און מיט ווייַנען.

יוסף — האַלבליגנדיק אויף אַ דיוואַן. מכשפות טאַנצן פאַר אים.
ער קוקט ניט אויף זיי. זעט אויס מיד, פאַרביסן. פאַסמעס
גרויע האָר אין קאָפּ און אין באָרד.

כאָר:

ציטן דרייען זיך אין צייטן,
צייטן פלעכטן זיך אין ווייטן, —
ווייסע, בלאָע, ראָזע, רויטע,
און פון אַלע העלע פאַרבן —
און זיי שטאַרבן.

קומען נייע, אויסגעשפּונען
פון לבנהס און פון זונען
און אין שיינונג אויסגעפּרייטע,
בלענדן זיי מיט שטראַלן גאַרבן —
און זיי שטאַרבן.

ווערן צייטן ניי-געבוירן
און מיט פרישע כוחות יוירן,
שמעקעדיקע און צעקווייטע,
אַלטע צייטנס גוט צו אַרבן —
און זיי שטאַרבן.

שטייען מיר ביי קברים — וואַכן,
און מיר טאַנצן און מיר מאַכן
יאָרצייטן נאָך צייטן טויטע,
ביז עס ווערט די צייט אַ שאַרבן —
און וועט שטאַרבן.

1 מכשפה:

וואָס זשע שווייגסטו, יוסף די לה ריינה,
דאַנקסט אונז ניט אַפילו מיט קיין שמייכל,

ווען מיר ווילן אין דיר פריידן וועקן?
אפשר איז דיר אונזער שפילן ניט צום האַרצן?
וועלן מיר דיר פריילעכערע לידער זינגען.
היי, איר פריינדינס, מכשפות!
טאַנצט, אַז ס'זאָלן קני ווי פּאַקלען פלאַמען,
זינגט, אַז ס'זאָל געלוסט אין האַרצן שאַמען!

2 מכשפה:
ס'זאָלן פּיאַטעס אינדערלופטן פינקלען,
הילכן זאָל אין אַלע וועלטן־ווינקלען!

טאַנצן פאַרשייט מיט אַ הוקעניש און שפּרינגעניש.

כאָר:
לעבט אַ מכשפה
טויזנט יאָר אין שׂרפה.
יעדע נאַכט פאַרצערט צען תאוות.
בלאָזט אויף נייע צען התלהבות.
בעט איר הייס געלעגער
אויס אויף טויזנט העקן...

יוסף
רייסט איבער, הייבט זיך אויף, מיט אַ שטעקן אין האַנט:
לאַנגוויילִיק שוין מיר געוואָרן אייער הירזשען,
ווי די קלאַטשעס אַרום אָגערס אין די סטעפּעס.
מיאוס — אייער שפּרינגען היינט ווי נעכטן,
אַלע טאָג דאָסזעלבע:
זינד און טויט און חורבן...
איר האָט ניט קיין שענער פאַרב, ווי פון דעם טויט די גראָקייט,
און קיין ריחות פיינער, ווי דער רויך פון שוועבל.
צו די בעק גייט אין די שטאַלן,
צו די לאַפּיטוטן אין די בלאָטעס.

טרייבט זיי צונויף מיטן שטעקן, ווי אַ טשערעדע, און — אַרויס פון דער הייל. צום 3 תלמיד, וואָס זיצט אָן אַ זייט אויף דער ערד.

גיי דו אויך שוין.
וואָס ביסטו נאָך דאָ פאַרבליבן?

תלמיד
הייבט זיך אויף:
רבי, טרייבט מיך ניט פון זיך...

יוסף:
איך בין דיינער ניט קיין רבי,
דו ביסט מיינער ניט קיין תלמיד,
וואָס זשע דאַרפסטו דאָדערט? גיי זיך!

תלמיד:
כ'קאָן דעם רבין ניט פאַרלאָזן,
וועמען האָב איך נאָך אַחוץ דעם רבין?

יוסף:
שטענדיק שטייסטו דאָ פאַר מיינע אויגן,
ווי דער שטומענדיקער גורל,
וועלכער וואַרט געדולדיק אויף דער בייזער שעה.
מיינסט, אַז נאָך אַ קייט אַזאַ פון יאָרן
איז שוין אויסגעמעקט פון מיין זכּרון
יענע גרויסע בגידה פונם הימל,
וואָס האָט מיך אין טייוולס הענט געוואָרפן?
כ'ווייס, פאַר גאָט זיינען באַווּליקט
די געבראָכענע געמיטער פון בעל־תשובהס,
ווען זיי שאַרן זיך אין שטויב ביי אים צופוסנס,
און ער איז זיי מוחל גרויסמוטיק עוונות.
אָבער קוק אַריין אין מיינע אויגן —
זע דעם פלאַם, וואָס ברענט אין מיין נשמה, —
דאָס איז גלות פון אייביקער מלחמה,
פון מרידה ביזן לעצטן אָטעם!
האָסט ניט, וואָס צו וואַרטן —
כ'וועל ניט ווערן קיין בעל־תשובה.

תלמיד:
כ'וואַרט ניט, רבי. כוואַרט מער גאָרנישט.
כ'ווייס דאָך ניט, אויף וואָס צו וואַרטן.

כ'ווייס ניט מער, וואָס גוט, וואָס שלעכט איז;
כ'ווייס ניט, וואו איז הייליקייט, וואו — זינד איז.
כ'האָב געזוכט פאַר מיין נשמה לעבן —
איז מיין וועלט געוואָרן אין איין שטראַל מצומצם, —
דאָס זייט איר, מיין רבי...
ווי זשע זאָל איך פון מיין לעבנשיין מיך שיידן,
און — — ווי זאָל איך אייך פאַרלאָזן איצטער,
ווען עס טונקלען וואָלקנס איבער אייער שטערן?...

יוסף:

דו האָסט אויך שוין אַנגסטן פאַר די וואָלקנס,
וועלכע טונקלען אויף מיין שטערן?
אפשר וועסטו אויך באַלד איבער אַלע ווינקלען
לאָזן זיך ווי יענע מכשפות שפּרינגען?
כאַ-כאַ-כאַ! עס וויל דער פרומער תּלמיד
דעם באַטריבטן רבינס, דעם זינדיקן מכשף
יוסף די לה ריינהס האַרץ דערפרייען!

תּלמיד:

איך וואָלט וועלן...

יוסף:

רעכט. זאָל זיין ווי דו ווילסט, גיי און פריי מיך.
ס'ליגט די הערטין, וואָס דער קיניג האָט געפאַנגען
און צו זיך אין הערשער-שלאָס גענומען,
ווי אַ גאַרב פון פרישע זאַנגען,
אויף אַ קיניגלעך געלעגער,
פאַר דעם קיניג גרייט אין טוי פון יונגקייט.
ברענג זי מיר אַהערצו.

תּלמיד:

רבי!

יוסף:

וואָס — דו האָסט פאַר מיין נשמה מורא?

אָדער ציטערסט פאַר דיין אייגן פעלכן?
גיי, וואוהין מע שיקט דיך!

תּלמיד:

פול זיינען די וועגן מיט דעם קיניגס אַלנער,
מ'זוכט, מ'נישטערט, וואו פאַרבאָרגט זיך יוסף...

לילית באַווייזט זיך. הינטער איר אין שאָטן — מכשפות.

יוסף

באַמערקט זי ניט.

רייד ניט, גיי.
ברענג די הערטין תּיכּף דורך דער ערד אַהערצו.
דאַרפסט שוין קענען, וואָס עס קענען שדים.

דער תּלמיד גייט אַן אומעטיקער אַוועק.

לילית:

ס'קומט אַריין דער קיניג אינם אַלקאָוו,
פול דאָס האַרץ מיט אומגעדולד פון ליבע,
און ס'באַגעגענען זיך זיינע הייסע אָרעמס
מיט דער וויסט-און-לערער פוסטקייט, —
יאָ, יאָ, אַ גאַנץ ווילנדיק ליצנות...
וואָלסט נאָך אים שטאָט איר אַ מכשפה
צושיקן אַן אַלטע אויף אַ קוליע...
וואָס זשע שטייסטו אַ באַטריבטער, יוסף?

יוסף:

לאַנגוויילִיק.

לילית:

דאַכט מיר, אַז צו דיר אין דער נשמה
האָט אַריינגעגנבעט זיך די בייזע קללה,
וואָס דער מין פון מענטשן איז מיט איר געשלאָגן:
גריבלען זיך מיט די געדאַנקען,
ווי די שמאַטניקעס מיט הענט פאַרשמוצטע,
אין די מיסטקאַסטנס פון לעבן...

יוסף:

קען זיין... ס'איז אַ קללה...

לילית:

דער נסיון פֿאַלשסטער פונם הימל!
טרייב עס, ווי אַ פליג אַן עקלדיקע,
וואָס האָט אויפגעהויבן זיך פון אַ פגירה.
טראַכט ניט. קום צו מיר.
איך וועל מיט מיין פרייד די טריבקייט פון דיין האַרצן
אויסברענען, ווי פוילע וואָרצלען פון אַ לאָנקע.
כ'וועל ווי שלאַנגען־גיפט פון דיין נשמה
אויסזויגן די קללה מיט די ליפּן.
וועסט אין מיינע אָרעמס היילן זיך פון פלוכן,
שעפּן נייעם גלוט פון ליידנשאַפטן,
פרישן מוט צו קעמפן, פרישן לוסט צו זינגן!...

עפנט פאַר אים די אָרעמס.

יוסף

קערט זיך אָפּ:

ניין.

לילית:

ס'רייצט דיך שוין ניט מער מיין שיינקייט?

יוסף:

איך האָב אין דיין שיינקייט מיינע אויגן
טויזנט מאָל געבאָדן, ווי אין היילונגס־קוואַלן.
כ'ווייס די אָפּגרונטן פון אַלע
דיינע טויזנט רייצנדיקע חנען...

לילית:

האָסט חרטה, יוסף?

יוסף:

ניט חרטה, נאָר ס'איז יעדער האָר אויף מיר
געזעטיקט מיט דעם זייד פון דיינע גלידער;

יעדער טראָפּן בלוט — איז אָנגעטרונקען
מיט די ווײַנען פון דיין אָטעם.
כ'האָב געקאָכט מיט דיינע בראַנדן,
ווי אַ ים פון פלאַמען־פייער.
שריפות צוויי אין איין פלאַם־פייער
האָבן מיר געשטורעמט אין באַהעפטונג.

לילית:

דו געדענקסט עס, יוסף!

יוסף:

אָ, איך וועל עס ניט פאַרגעסן!
אונז האָט ניט געפעלט קיין מוט פאַר קאַמפן,
און גענוג געווען איז לוסט פאַר זיגן.
ווער האָט דען געקענט אַנטקעגן אונז זיך שטעלן?

לילית:

קיינער! קיינער!

יוסף:

אַלע עקן וועלט האָבן געפלאַטערט
פאַר דער קראַפט פון אונזער אָנפאַל,
ווי דער בלעטער־פאַל געשליידערט פאַרן שטורם.

לילית:

נאָך מער! נאָך מער!

יוסף:

יאָ. די שטערן האָבן פון דער שרעק פאַרלאָרן
זייערע פון אייביק אָן באַשטימטע וועגן
און געפלאָנטערט זיך אין חלל, ווי מטורף.
און דער באָדן פון פלאַנעטן
וועט נאָך אונטער פיס זיך טויזנט יאָרן הוידען
פון דעם פאַלן אין די שלאַכטן.
ס'האָט אַ שלאַכטפעלד זיך געצויגן
פון עק צפון ביז עק דרום.

ראָבן האָבן נאָך ביז היינט נים אויפגעגעסן
אַלע בערג נבֵלות פון די פעלדער.
ס'וועלן נאָך פגירות קלעקן
פאַר לאַנגע, לאַנגע דורות וועלף און שטשורעס.
הונדערט יאָר וועט נאָך דער רויך פון חורבן
הענגען אַ מחיצה צווישן ערד און הימל — —

ל י ל י ת:

אונזער זיג איז דאָס געווען!

י ו ס ף:

אונזער זיג.
ס'שפיגלט זיך אין זומפ פון בלוט אַ זון אַ שוואַרצע,
ס'בלויזט זיין שאַנד אַ באַרג הרוגים קעגן הימל.
שרפות בויען רויכן-הימלען איבער וועלטן,
חורבות שפרייטן שטויבן-הימלען אונטער רויכן, —
אָ-האָ-האָ — פון אונזער טרוים געטרוימטע
און פון אונזער גייסט געפורעמט —
שיינקייטן און פראַכטן: הימלען — רויכן, שטויבן!

מיט געלעכטער.

זאָג מיר לילית, ס'פערכעט דיר אין האַלז ניט
פון די אַלע וואָלקנס רויכן?
ס'רויטן נאָך ניט דיינע אויגן פון די זיילן שטויבן?
מ'דאַרף נאָך ניט, ס'זאָל קומען אַ מכשף
אויסלעקן דיר דיינע אויגן?

ל י ל י ת:

שפּאָט פון זיך אַליין ניט, יוסף!

י ו ס ף:

וואָס זשע זאָל איך?
כ'קוק מיך אום צוריק אויף שורות יאָרן.
וואו סע שפרייטן זיך פאַר מיינע אויגן וועגן,
וואָס מיר האָבן אויסגעטראָטן:

פראַכטן — אויסגעמיאוסטע אין איבל,
העלקייטן — פאַרפינסטערטע אין חושך, —
וויפיל חורבות אָנגעוואָרפן!
גאָט — ער האָט געשאַפן, מיר — פאַרדאָרבן.
אָבער מיין שאַפונג — וואו איז זי?
וואו איז מיין גאולה אויסגעטרוימטע?
וואו איז לעבן, וואָס פון מיר צו פרייד געאייביקט?
לילית! ניט באַפרייט מיט דיר געוואָרן זיינען
מיינע שמאַכטנדיקע שאַפונגס-קרעפטן,
וואָס פאַרקלעמטע ליגן אין דער תפיסה פון מיין האַרצן!
ווייז מיר, לילית, פון מיין ווערק אַ גייסט געשאַפן,
זאָל עס זיין אַ לויזן-גוס אַ נישטיקס,
נאָר מיט לעבנס-קראַפט און לעבנס-פרייד באַפרוכפערט —
וועל איך אויסגיין פון עקסטאַז אין דיינע אָרעמס,
ווי אַ לאַפּיטוט, פון דיינע פיס די שפורן קושן!...

ל י ל י ת

מיט פאַרצכטונג:

ס'רעדט דיין שוואַכע מענטשן-האַרץ...

י ו ס ף:

דו ווילסט אויך, ווי גאָט, מיין מענטשן-האַרץ באַקעמפן!

ל י ל י ת:

אויסטאָן פון זיך ווילסטו שטאָלץ און שטרעבן,
תשובה טאָן און קנעכטשאַפט דינען!
ווילסט אַ שטורעמדיק מרידה-לעבן פון אַ שטן
אויסטוישן אויף שטויב צופוסן ביי אַ האַר-גאָט,
וואָס האָט דיך געמאַכט צום נאַרן!
צי' דערצו האָב איך אין מילך פון מיינע ברוסטן
ווי אַן ערשטלינג דיך געבאָדן?
אין מיין שויס גענערט דיין גייסט מיט מיינע היצן,
אויסגעטרוימט דיך איינעם פון די וויסט-און-לעערן?

יוסף:

גאָט האָט מיך באַשאַפן, דו — געפורעמט, —
ביידע האָט איר מיך באַטראָגן...

דער תלמיד מיט לאַפּיטוטן ברענגען אריין דעם מלכס הערטין אויף א בלומען-געלעגער.

לילית

טוט נאָר א בליק און לייגט קיין אכט ניט.

קעגן גאָט האָסטו געקעמפט שוין,
ווילסטו איצטער קעגן שטן?

יוסף

ענטפערט ניט תיכף. מאכט א פּאָר טריט הין און צוריק. נאָכדעם אַנטשלאָסן:

קעמפן!

לילית:

קעגן ביידן?

יוסף:

ביידן.

לילית:

כאַ-כאַ! איינער, צי מיט וועמען שוין אַ בונד געשלאָסן?
כאַ-כאַ! אפשר מיט דעם מלכס הערטין,
וואָס דו האָסט ביי אים אַוועקגעגנבעט —
מיט אָט-דעם-אָ פאַרצעלאַנען מענטשל!?

ווייזט אויף דער הערטין.

יוסף

גייט צו צו דער הערטין:

קליינע שוואַכע הערטין מיינע!
פלאַטערסט ווי אַ גרעזעלע פאַר שטורעמס...
צאַרטע, שטילע...

לילית

בייסיק:

וויפיל חתן-צערטלעכקייט ס'איז אין דיין שטימע!

יוסף

צו דער הערטין:

אומשולדיקע, ריינע מענטשן-טאָכטער,
וויַיסט זיך, ווי אַ בלימעלע אין גראָזן...

לילית:

ס'איז אַ שפּאַס דאָך, יוסף די לה ריינה!
ס'בלאַסע מענטשן-מיידל
וועט דיך ניט אַרויסרייסן פון מיינע אָרעמס!

צו דער הערטין.

שטעל זיך!

די הערטין שטעלט זיך דערשראָקן.

ס'זיינען, יוסף, דיינע אויגן בלינד געוואָרן,
זעען שוין ניט מיינע העלע פראַכטן
קעגן אירע בלאַסע פאַרבן!
אירע פלאַכע אויגן-וועסערלעך פאַרטרייבן
מיינע אָפּגרונטיקע טיפענישן?
לאָכן זאָל די גאַנצע וועלט, ווי יוסף די לה ריינה
דאַרף אַן אויסוואַל מאַכן צווישן לילית און אַ מיידל!
לילית דאַרף אין קראַפט זיך מעסטן
מיט אַ גרעזל פון דער זון פאַרחלשט!

יוסף

איבער דער הערטין:

פון דער זון פאַרחלשט גרעזל;
זויגט אין שטילקייט קילע טויען;
ציטערט פאַר צערייצטע ווינטן;
זעט אין חלום פרילינג-מאָרגנס;
לעבט א זומער אָפּ אין פריידן;
טוליעט זיך צו דר'ערד אין אָסיען;
שליסט צו ווינטער צו די אויגן —
שטיל און זאַפטיק לעבן אויף דער ערד-ברוסט אָנגעוואַרעמט,
מיט אַ זעל, וואָס ניט פאַר דונערן און בליצן,

נאָר פאַר האַרצעדיקן שעפטשען פון אַ ברודער־גרעזל, —
ניט פאַר מיר ביסטו באַשאַפן!...

לילית:

היט זיך, יוסף, פאַר מיין צאָרן!

יוסף:

אָ, פאַר וואָס זאָל איך מיך היטן?

לילית:

שטערבלעכער, וואָס יעדע רגע קאָנסטו
אָן אַ שפור פאַרשווינדן...

יוסף

שפאָטיק:

אָן אַ שפור? אָן קיין שום סימן?
גלייך ווי קיינמאָל ניט געוועזן?
ניט געלעבט, און ניט געשטרעבט, און ניט געליטן?
ניט קיין אָנהייב, ניט קיין סוף און ניט קיין מיטן?
הער זשע, לילית:
כ'האָב געטרוימט אַ טרוים פון אויסלייזונג פאַר וועלטן,
איצטער זע איך, אַז איך האָב געבלאָנדזשעט,
און איך וואָלט געטרוימט אַ טרוים פון ניט־געוועזן
און גאָרנישט...
נאָר דו האָסט אַזאַ געשאַנק פאַר מיר ניט אין דיין אוצר!

לילית

קערט זיך אום אוועקצוגיין:

אין מיין אייביק לעבן האָב איך פריער
טויזנט מאָל געברענט מיט פלאַמען צו אַ מענטשן —
אויף איין רגע;
נאָכדעם ווי אַן אויסגעזויגטע ווייַנטרויב —
אויסגעשפּיגן...

גייט אוועק.

מכשפות

וואַרפן זיך צו דער הערטין, מיט דראָונגען:

— לעשט די צאַנקענדיקע ליכטלעך אויס אין אירע אויגן!
— דעקט איר שיטער לייב מיט בלאָטערס;
— אייטער־וואונדן מאַכט אויף אירע קאַרשן־ליפּלעך!

יוסף

שטעלט זיך צווישן זיי און דער הערטין:

אוועק!

די מכשפות צעלויפן זיך.

יוסף

זעצט אוועק די הערטין, און זעצט זיך אליין צו אירע פיס.

שרעק דיך ניט, מיין שטילע הערטין.
ס'וועט דיר קיינער ניט קיין שלעכטס טאָן.
כ'וויל נאָר מיינע בליקן אָנזעטיקן
מיט דער שיין פון דיינע ריינע אויגן.
כ'וויל דעם אומרו פון מיין האַרצן
שטילן אין דער אומשולד פון דיין ריידן.
כ'וויל דעם אייז פון גאָט־און־טייוול אין מיין זעלע
שמעלצן אין די שטראַלן פון אַ מענטשן.
זאָג, דערצייל מיר, וואו ביסטו געוואַקסן,
וואו האָסטו אַ קינד די וועלט געזען?

הערטין:

צווישן ביימער — טענען, ניס,
קווייטן — בלאָ און ראָז,
אין מיין מאַמעס צווייגן־בויד,
ביי אַ גרינעם גראָז.

מאַמע האָט מיט בלעטער־קרענץ
מיר דעם קאָפּ געצירט.
צווישן ביימער — טענען, ניס
זען די וועלט געפירט.

יוסף:
זאָג, דערציייל מיר, שטילע הערטין מיינע,
ווי האָסטו אַ קינד געשפּילט,
די צייט פאַרבראַכט?

הערטין:
האָב געהאַט אַ שעפּל קליין
אויף אַ שנור פון ליין,
האָב געפירט עס פיטערן
ווייט אין פעלד אַריין.

האָב צו קוואַלן עס געפירט
טרינקען וואַסער ריין,
האָב איך מיך מיט דעם געשפּילט,
מיט דעם שעפּל קליין.

יוסף:
זאָג, דערציייל מיר שטילע הערטין מיינע,
ווי האָסטו אַ קינד געלעבט,
ווי געטרוימט ביינאַכט?

הערטין:
אין חלומות האָב געזען
גרינע באַרג־און־טאָל;
טייכעלעך, געמורמלט שטיל,
קלאָרע ווי קרישטאָל.

פאַסטעכער אויף פייפעלעך
לידלעך שיין געפייפט;
פאַסטעשקעס אַ ראָד געטאַנצט,
פריי אין פעלד געריייפט

יוסף:
זאָג, דערציייל מיר, שטילע הערטין מיינע,
וואָס האָסטו פאַרלאַנגט, נאָך וואָס געבענקט
און וואָס געטראַכט?

הערטין:
כ'האָב געדאַכט, און האָב געטראַכט,
און אין פרייד געהאַרט:
קומען דער באַשערטער וועט —
אומאָרעמען צאַרט.

וועל' מיר יאָגן זיך אין פעלד
פון דער זון באַשטראַלט,
וועל' מיר רוען לייגן זיך
אונטער בוים אין וואַלד.

יוסף:
קוויקנדיקער קוואַל פון מענטשן־לעבן,
ווי וואָלט איך אין וואַסער דיינעם
אָפּוואַשן פון זיך דעם שטויב פון שלאַכטן...
קושט דער הערטין די פיס.

תלמיד
לויפט אריין צעטראָגן:
ס'איז דער צויבער פון דער הייל אַוועק...
אָפן און אַנטפּלעקט געוואָרן אַלע וועגן...
פריי פאַר יעדן...
רבי! גיכער לויפט, אַנטלויפט פון דאַנען!...

יוסף:
לויפן? ניין. ניטאָ, וואוהין צו לויפן,
און ניטאָ צו וועמען לויפן,
און ניטאָ נאָך וואָס צו לויפן.

דעם מלכס מענטשן רייסן זיך אריין באַוואָפנטע. די הייל הערט פול מיט מכשפים, שדים. א טומל, א גצפילדער, א קרימעניש.

תלמיד
מיט פאַרבראָכענע הענט:
רבי! רבי!

א מכשף קרימט אים איבער, שליידערט אים אום. ס'הערט פינסטער. א שטאַרקער ווינט פייפט, הײלט, רייסט, ברעכט. ביסלעכווייז ווערט שטילער... גאָר שטיל... טויט שטיל...

לאַנגזאַם חערט ליכטיקער; אַלץ איז צעשלײדערט, אומגעוואָרפן, ניט היימלעך, אַרומגעריסן, טונקל, דער תלמיד זיצט אין אַ ווינקל אַ צענויפגעדרייטער.

נאָך אַ לענגערער פּויזע.

תלמיד:

און ניטאָ מער גאָרנישט, גאָרנישט.
ניט קיין מענטשן, ניט קיין קאַמפן, ניט קיין שרעקן...
אַלץ פאַרווייט מיט ווינטן.
שטורעמס איינגעשלונגען אַלע שפּורן.
און מער גאָרנישט ניט געבליבן —
נאָר אַ מעשה וועגן יוסף די לה ריינה...

ק י נ י ג י ן   מ ר י מ י

טרעטן אויף:

הורדוס — קיניג פון יהודה

מרימי — פון דער משפחה חשמונאים, הירדוסעס פרוי

אַלעקסאַנדרע — מרימיס מוטער

שלומית — הורדוסעס שוועסטער

אלעקסאַנדער און **אַריסתבול** — הורדוסעס און מרימיס זין

שוהם — הורדוסעס פארטרויטער שר

שמאי — מרימיס סריס

שטח — אלעקסאנדערס און אריסתבולס דערציער

שומר פון דער תפיסה

1 סריס

2 סריס

אָן ווערטער: מרימי II — הורדוסעס ווייב נאָך מרימי דער חשמונאיתעס טויט. אנטיפאטער — הורדוסעס זון פון א פריערדיקער ווייב. חכמים פון ירושלים, שלוחים פון קאפאדאָקיער קיניג, קנעכט, דינסטן, זעלנער.

ערשטע בילד

פרימיס צימערן אין דער פעסטונג אלעקסאנדריאן. פון פארנט די טיר אין פאדערהויז. רעכטס א טיר אין מרימיס שלאף-צימער. לינקס — פענסטער.

דיזאנען, סעפיכער, סארהאנגען.

פאר זון-פארגאנג.

מרימי זיצט. פאר איר שטייט שוהם. - פונדערווייטנס, אפגעזונ-דערט — אלעקסאנדרע.

שוהם:

זאָל מיר די קיניגין מוחל זיין, וואָס איך דערוועג מיך צו ריידן, ווען מיר איז באַפוילן צו שווייגן. מיין האַרץ פילט, אַז איך בין דער שולדיקער אין דעם, וואָס די קיניגין וויל ניט אַרויסגיין צוזאַמען מיט דעם חייל און מיט די שרים אויפ-צונעמען דעם קיניג ביי די טויערן פון דער פעסטונג. קיניגין! ווען איך וואָלט פאַר דיר ניט אַנטפּלעקט דעם געהיימען באַפעל, וואָס דער קיניג האָט מיר איבערגעלאָזן, איידער ער איז אָפּגעפאָרן צו אָקטאַוויאַן אַווגוסטן, וואָלסטו איצט ניט געווען אַזאַ. זינט איך האָב דיר דעם געהיימען באַפעל באַוויזן, ביסטו פאַרשטיינערט געוואָרן. קיניגין מרימי! מונטער דיך אויף! באַקעמף זיך! פאָלג מיך! איך מיין נאָר דיין טובה און די טובה פונם קיניגלעכן הויז. קלייד זיך אָן און גיי אַרויס מיט דער מוטער-קיניגין צו באַגע-גענען דעם קיניג!

מרימי:

אומזיסט דיינע רייד, שוהם. איך ווייס, אַז דו ביסט מיר געטריי

שוהם

אויף די קני:

טאָ פאַרנעם דאָס געבעט פון אַ געטרייען דינער! צעשטער ניט הורדוסעס פרייד, ווען ער קערט זיך אום צו זיין היים און צו זיין לאַנד נאָך אַזוי פיל סכנות אין דעם לאַגער פון די רוימער? צעשטער ניט זיין פרייד, וועלכע דו קענסט מאַכן פאַר אַן אָנהייב פון פריידן, און ברכות פאַר דעם קיניגס הויז און פאַר גאָר דעם לאַנד!

מרימי:

שטיי אויף, שוהם! דעם קיניגס קאַראַוואַן קאָן אָנקומען, און דו ביסט דאָ ביי מיר. דיין אָרט וועט ליידיק בלייבן צווישן די שרים. זע, דו זאָלסט ניט אַרויסרופן קיין צרה אויף דיין קאָפּ.

שוהם

הייבט זיך אויף פאַרצווייפלט:

וואָס איז מיין קאָפּ קעגן דעם גליק פון דער קיניגין און דעם פרידן פון דעם קיניגס הויז! איך האָב שוין לאַנג מיין קאָפּ אַרויסגעשטעלט אונטער דער סכנה פונם תליונס האַק, ווען איך האָב פאַר דיר דעם קיניגס באַפעל אַנטפּלעקט.

מרימי:

רייד ניט וועגן יענעם באַפעל, שוהם! איך וויל ניט.

שוהם:

צי דען איז ער אַ קנאַפּער באַווייז, ווי שטאַרק הורדוס האָט דיך ליב? וואָס פאַר אַ באַווייזן זאָל איך דיר נאָך געבן?

מרימי:

מען דאַרף ניט, שוהם, איך ווייס.

שוהם:

און די קיניגין האָט דאָך אויך דעם קיניג ליב...

אַלעקסאַנדרע

דרייט אויס דעם קאָפּ צו זיי:

ליב... צו דער שאַנד פון פאָלק יהודה און חשמונאים הויז...

מרימי:

ניין, שוהם. איך וועל מיט דיר ניט גיין.

פון הויף דערהערט זיך אַ שאַל פון טרומייטן.

מרימי:

דו הערסט, שוהם? — מען שאַלט. דו וועסט פאַרשפּע-טיקן, גיי!

שוהם:

גיי דו אויך מיט מיר, קיניגין!

מרימי:

ניין.

שוהם:

ווי. סאַר אַ געוויטערן עס קלייבן זיך איבער אונזער קאָפּ!

גייט אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די טרומייטן הערן זיך אַלץ אָפטער און שטאַרקער.

אַלעקסאַנדרע

נאָך אַ לאַנגן שטיל-שווייגן:

ער קומט שוין אַוודאי אָן... מסתמא די גאַנצע משפחה אַנטיפּאַטערס, די פאַרפלוכטע, מיט אים... — — ווער איז דען איצט גלייך צו זיי, נאָכדעם, ווי אָקטאַוויאַן האָט אים אויך זיין פריינדשאַפט געשענקט און אויפן טראָן פאַרפעס-טיקט... — די ערד וואָלט געדאַרפט עפענען איר מויל און-טער זיי און איינגעשלונגען זיי, ווי קורחן מיט זיין עדה...

פון הויף הערט זיך מוזיק און פריידיקע אויסגעשרייען.

אַלעקסאַנדרע

רייסט פון זיך די צירונג און שליידערט אין צאָרן:

איך האָב מיך אויסגעצירט אין פערל און אין דימענטן, אין טייערע געוואַנטן... געמיינט, מיר וועלן גיין צו דער באַגעגעניש... אומזיסט גערעכנט, אַז דו האָסט נאָך פאַר-שטאַנד אין דיין קאָפּ!

מרימי:

מוטער! איך קען ניט... איך קען ניט גיין באַגעגענען הורדוסן...

אַלעקסאַנדרע:

דו מוזסט! דאָס איז דיין חוב! מען טאָר ניט וועקן קיין חשד אין הורדוסעס האַרצן!

מרימי:

איך קען ניט.

אַלעקסאַנדרע:

און איך קען? מיר איז לייכט, אַרויסגיין בענטשן דאָס אָנקומען פון דעם שונא פון אונזער שטאַם?

מרימי:

דו ביסט שטאַרקער...

אַלעקסאַנדרע:

אָבער דאָס איז אַן אָפענער קאַמף, מרימי! אַן אָפענער קאַמף קעגן הורדוסן! וואָס וועט אונז אַזאַ קאַמף איצט געבן? ווער איז אונז געבליבן פון אַלע אונזערע פריינד, וואָס זאָלן אונז העלפן? דאָס פאָלק ליגט ביי דעם רשע אין פויסט, ווי אַ צעדריקטע וויינטרויב. ניטאָ קיין מאַן, וואָס זאָל באַגייסטערן די פאַרקנעכטיקטע צום קאַמף. מיינע גוטע פריינד, וועלכע איך האָב מיט אַזויפיל מי דערוואָרבן אין משך פון לאַנגע יאָרן — אויך געפאַלן. ניטאָ קלעאָפּאַטרע, הורדוסעס שונא אויף טויט. ניטאָ אַנטאָני איר פריינד. איצט איז אָקטאַוויאַן אויך אויף הורדוסעס זייט. וואָס קאָן אונז דער אָפענער קאַמף געבן?

מרימי:

דו, מוטער, קענסט נאָך טראַכטן וועגן קאַמף און נצחון...

אַלעקסאַנדרע:

און דו — ניט? — וואָס שווייגסטו? זאָל די אַלטע משפחה פון די חשמונאים אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אירע ווידערשפּעניקע קנעכט? פאַר די ניי־אויפגעקומענע אַדומישע הערשער? — דער טראָן פון יהודה איז אונזער ירושה, מרימי!

מרימי:

יאָ, אונזער ירושה...

אַלעקסאַנדרע:

טאָ קעמף פאַר איר! מיט היץ. דיר, מרימי, איז געשענקט די גרעסטע מתנה, וואָס אַ מענטשן קאָן אויף דער ערד געגעבן ווערן: דו האָסט לייטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן. דו האָסט דעם כוח צו באַצווינגען אַלעמענס הערצער — פון יונג און פון אַלט, פון פריינד און אַפילו פון שונאים!

מרימי:

אַלע אונזערע פריינד האָבן פאַר זייער פריינדשאַפט באַצאָלט מיטן לעבן...

אַלעקסאַנדרע:

אין קאַמף מוזן אומקומען לעבנס. ניטאָ קיין אַנדער וועג צום נצחון, מרימי! אונזער שטאַם איז געבליבן אָן מאַנסביל... ווער זאָל אונז פירן צום נצחון, אויב ניט דו? דיין שיינקייט וועט מנצח זיין. זי מאַכט אונטערטעניק זיכערער, איידער שווערדן און שפּיזן! אָבער דיין שיינקייט און דיין חן געהערן ניט צו דיר, מרימי! דאָס איז ירושה פון דורות חשמונאים, און צום רום פון חשמונאים־שטאַם זאָל זי דינען.

מרימי:

איך קען מיט מיין שיינקייט גאָרנישט מאַכן, מוטער.

אַלעקסאַנדרע:

דו קאָנסט, דו מוזט קאָנען. לאָמיר לויפן צום קיניג פון ערב. לאָמיר אין די מדבריות אַרומוואַנדלען, ביז די צייט וועט קומען. שוהם וועט מיט אונז אויך גיין, אויב דו וועסט נאָר וועלן...

מרימי:

איך האָב ניט קיין ווילן...

אַלעקסאַנדרע:

דו האָסט ניט. דיין האַרץ איז דערווייכט געוואָרן.

מרימי:

ניין, ניט דערווייכט געוואָרן.

אַלעקסאַנדרע:

דערווייכט געוואָרן! זינט שוהם האָט דיר דערציילט וועגן הורדוסעס באַפעל! דערפון, וואָס הורדוס קען אָן דיר ניט לעבן, וויל מיט דיר צוזאַמען שטאַרבן... כאַ־כאַ! דעריבער הייסט ער דיך טויטן, אויב ער אַליין וועט אומקומען ביי די רוימער!... אַזאַ שענדלעכע ליבע איז דאָס!

מרימי

אומרויִק:

מוטער, שווייג, רייד ניט!...

אַלעקסאַנדרע:

פאַרוואָס זשע זיינען מיר ניט געלאָפן אַפילו קיין רוים? דו וואָלסט אָקטאַוויאַנס האַרץ אויך מנצח געווען אין עקסטאַז. ס'איז נאָך איצט אויך ניט שפּעט... דו קענסט נאָך אַלץ דערגרייכן... וואָס דו וועסט וועלן... ווייס נאָר, ווי צו שאַפן זיך פריינד צווישן הורדוסעס נאָענטע... זאָל אים אַרומרינגלען אַ קייט פון דיינע ליבהאָבער, ווי די רינגען פון אַ גיפטיקער שלאַנג...

א שטאַרקער אויסבּרוך פון פרייד־געטומל, מוזיק שפּילט.

אַלעקסאַנדרע

מיט געפאַלענער שטימונג:

געקומען...

מרימי

א צונויפגעקאַרטשעטע:

געקומען...

אַלעקסאַנדרע

קוקט צום פענסטער:

דער רויבער פון חשמונאַיס גדולה! מיט אָפענע אָרעמס גייט דאָס גוטס אַליין אים צו באַגעגענען. גלייך ווי כּון

זייטנוועגן האָט זיך דער הימל צו דער נאַכט אויסגעפאַרבט אין ראָז און פּורפּור. ברעכט די פינגער אַרומגייענדיק. וואָלט כאָטש אַ פינסטערניש אַראָפּ און אַריינגעבראַכט אַ מהומה אין דער דאָזיקער בייזער שמחה... וואָלט אַ וואָלקן איבער זיי אויסגעבראָכן מיט אַ שלאַקס־רעגן פון פייער און שוועבל...
פּויזע. שטיל געוואָרן... גייט איבערן צימער הין און צוריק, צופּנדיק די ברעגן פון אירע קליידער. מרימי!...

מרימי:

וואָס, מוטער?

אַלעקסאַנדרע:

לאָמיר אַרויס באַגעגענען אים...

מרימי:

כ'וועל ניט גיין. איך קען ניט.

אַלעקסאַנדרע:

דו ביסט צו אַ שטיין געגליכן?

מרימי:

איך ווייס ניט... אַלץ גליווערט אין מיר.

אַלעקסאַנדרע:

קום!

מרימי:

מוטער, איך קען ניט!

אַלעקסאַנדרע:

פילסט גאָרנישט אין דער רגע... מ'טאָר אין אים קיין חשד ניט וועקן. קום אַרויס!

מרימי:

ניין,

אַלעקסאַנדרע

גייט אויפגערעגט איבערן צימער:

אַן אָפענער קאַמף... אַן אָפענער קאַמף... שטעלט זיך אָפּ קעגן

מרימין. הער, מרימי! אָבער ער וועט דאָך קומען צו דיר...
איר וועט זיך באַגעגענען. ווי וועסטו אים אויפנעמען?

מ ר י מ י:

איך ווייס ניט, מוטער, איך קען ניט טראַכטן.

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

ליידנשאַפטלעך:

ווייז אים אַ פריינדלעך פּנים, מרימי! יעדער חשד אין אים זאָל אָפּגעמעקט ווערן. מען טאָר הינטער זיך דעם וועג ניט צעגראָבן, פאַר זיך — דעם וועג ניט פאַרצאַמען... פון דער גאַנצער משפּחה זיינען נאָר מיר צוויי געבליבן...

מ ר י מ י:

און מיינע קינדער...

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

האַלבע אדומים!... און נאָך קליינע. ווער ווייס, ווי זיי וועלן אויסוואַקסן!

מ ר י מ י

דריקט די שלייפן מיט די הענט:

ווער ווייס...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

מיר מוזן גרויסע מעשים אויפטאָן. פאַרגעס ניט דיין חוב צו דיין שטאַם, צו דיין פאָטערס הויז... קוקט זיך ארום דער־שראָקן. מען גייט... דאָס איז ער... פאַרריכט זיך שנעל, ענדערט דאָס געזיכט.

ה ו ר ד ו ס

באַגלייט פון שלומית. הינטער זיי די סוויטע:

פריד צו דעם הויז און צו דער ווירטין פון דעם הויז!

מ ר י מ י

שטעלט זיך אויף, צעררודערט, מיט פאַרגליווערטער שטים:

פריד...

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

זייער פריינדלעך:

פריד צום קיניג הורדוס!

ה ו ר ד ו ס

קוקט אויף מרימין, זיין פּנים ווערט חושך:

דאָ איז עמיצער געשטאָרבן, וואָס טרויער הענגט איבער די געזיכטער?

מ ר י מ י:

קיינער ניט געשטאָרבן...

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

פריד און רו הערשט אין קיניגס הויז.

ה ו ר ד ו ס:

עס פעלן דען אין מיינע אוצרות זיידענע און פורפורנע געוואַנטן, געהאָפטענע און געשטיקטע טיכער פון מצרים און פון פרס, איך האָב דען פון וועג ניט צוגעשיקט קיין קיניגלעך קלייד, באַפּוצט מיט פּערל און מיט קאַרעלן, — וואָס אין דעם טאָג, ווען איר מאַן האָט זיך צוריקגעקערט פון ווייטע וועגן, איז די קיניגין פון יהודה אָנגעקליידט אין לייוונט?

מ ר י מ י:

ניטאָ קיין געלוסטונג ביי מיר צו צירן זיך.

ה ו ר ד ו ס

צו דער סוויטע:

גייט. איר וועט מיר שיקן זאָגן, ווען די שׂרים וועלן זיך צום טיש זעצן. די סוויטע גייט ארויס. מרימי! גאָר קיין פרייד ניטאָ אין דיין האַרצן צו מיין צוריקקער אַהיים נאָך אַזאַ לאַנגער שיידונג?

ש ל ו מ י ת:

דער קיניגינס מוטער האָט איר טאָכטער דערצויגן פאַר טרויער אויפן שטאַם פון די חשמונאים.

אַלעקסאַנדרע:

די קיניגינס פון מיין שטאַם האָבן געהאַט פיל פרייד אין האַרצן פאַר זייערע קיניגלעכע מענער פון חשמונאיס הויז...

הורדוס:

שווייגט, ווייבער! טויט ניט אָפּ מיט דעם גיפט פון אייערע צינגער מיין האָפענונג אויף פריידן און אויף פרידן אין מיין הויז! *שלומית און אַלעקסאַנדרע קערן זיך אָפּ אין פאַרשיידענע זייטן.* ווען איך בין פאַרוואָרפן געווען אין דער פרעמד, האָב איך געבענקט נאָך מיין היים, ווי אַ זויג־קינד נאָך דער מוטער. איך האָב געטראַכט: איצט, ווען די געפאַר פון דער איבערקערעניש אין רוים איז פאַרביי, און דער שלום פון מיין יונגן טראָן איז געזיכערט, וועל איך פאַר יעדן איינציקן פון מיינע אונטערטאַנען שאַפן צופרידנקייט און גליק אין לעבן; און פריער פאַר אַלץ וועל איך אַריינ־ברענגען פרידן און באַפרידיקונג אין די הערצער פון מיינע נאָענטע. מרימי מיין פרוי! לייקן פון מיר ניט, אויב עפּעס האָסטו אַ פאַרלאַנג, וואָס איז ניט דערפילט געוואָרן. בעט אַלץ, וואָס דו ווינטשסט זיך, און זאָל דער טרויער פון דיין פנים פאַרשווינדן!

מרימי:

איך האָב קיין וואונטשן ניט.

הורדוס:

אפשר מיינסטו, אַז איך וועל ניט זיין אומשטאַנד דיך צו באַפרידיקן? מרימי! איך בין דער רייכסטער צווישן די מלכים פון גאַנץ מזרח, און דו ביסט מיין מלכה. ניטאָ אַזוינס, וואָס מיין מלכה זאָל פאַרלאַנגען, און ס'זאָל ניט געשען, ווען איך בין גוט צו איר.

מרימי:

איך וויל גאָרנישט.

הורדוס:

פאַרוואָס? וויל, מרימי, באַגער! עס וועלן פאַר דיר אויפ־

געבויט ווערן פּאַלאַצן, וואָס די שענסטע בנינים פון אתונא און פון אַלט־מצרים וועלן זיך קעגן זיי דאַרפן שעמען. דו וועסט אַרומגערינגלט זיין מיט לופט־גערטנער, שענער פאַר די לופט־גערטנער פון שמירמית די מלכה פון בבל. איך בוי אַ בית־המקדש, וואָס דער רוימישער קאַפּיטאָליום וועט זיין קעגן אים, ווי אַ שטאַל פאַר שעפסן. די אַלטע מלכים פון חשמונאיס הויז האָבן וועגן אַזעלכן אַפילו חלומען ניט געקענט. דו ווייסט, מרימי, אַז איך וועל עס קענען!

מרימי:

איך ווייס, דו וועסט קענען.

הורדוס:

מרימי! אויב דיין חשמונאיש האַרץ איז פון דורות אויס־געלאָשן, — וואַרף אַרויס דעם אַלטן אַש פון דיין ברוסט און ברען מיט מיין יונגן כוח, מיט מיין אומגעזעטיקטן פרישן שטרעבן. דו ביסט דאָך די מוטער פון מיין נייער משפחה — מיר גייען בויען אַ ניי לעבן. זאָל דיין געזיכט מיט אונזער נייער פרייד באַלויכטן זיין!

מרימי

שווייגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

הורדוס

אפשר ביסטו ניט געזונט, מרימי? זאָג מיר: אַ קראַנקהייט טרייבט לעבנספרייד און געלוסטונג פון דיין האַרצן? וועל איך שיקן נאָך רופאים פון יוון, נאָך חרטומים פון מצרים. שוויגער אַלעקסאַנדרע! וואָס איז דאָ געשען פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין וועג געווען?

אַלעקסאַנדרע:

גאָרנישט ניט געשען, קיניג. די טויערן פון אַלעקסאַנדראָן זיינען געווען פעסט געשלאָסן, די וועכטער האָבן געוואַכט.

הורדוס:

אפשר האָט מען דיך דאָ באַליידיקט, מרימי? ווער האָט געוואַגט?

מרימי:

קיינער האָט מיך ניט באַליידיקט... מיך האָט קיינער ניט באַליידיקט.

שוהם

קומט אריין:

די שרים וואַרטן מיטן אָנהייב פון דעם מאָלצייט אויף דיין קומען, קיניג!

הורדוס:

איך קום גלייך. גיי. *שוהם גייט אַרויס.* מרימי, דו גייסט מיט מיר צום טיש...

מרימי

שווייגט, קוקנדיק אַן אַ זייט.

הורדוס:

דו גייסט דען ניט?

מרימי

נאָך נידעריקער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן:

ניין, הורדוס, איך וועל ניט גיין.

הורדוס

פאַרוואונדערט:

דו גייסט ניט? *מיט טרויער.* זאָל איך גיין אַליין, און מען זאָל פון מיר דאָרט שפּעטן: אַ לעבעדיקער אַלמן?...

שלומית:

ברודער קיניג! מען דאַרף ניט צעשטערן די שמחה פון דיינע שרים. פאַרהאַלט זיי ניט. גיי.

הורדוס:

און מיין שמחה?...

שלומית:

ברודער קיניג! דו זוכסט זי מסתמא ניט דאָרט, וואו זי איז פאַר דיר גרייט.

הורדוס:

הער, מרימי! דאָ אין צימער בין איך דער מאַן פון מרימי. אויף דער גאַנצער וועלט אָבער בין איך הורדוס דער קיניג פון יהודה, דער באַזיגער פון די פּרתים און די ערבים. דער פאַרבינדעטער פון דעם גרויסן אָקטאַוויאַן אַווגוסט!

מרימי:

איך ווייס...

הורדוס:

וועסט מיט מיר גיין...

מרימי:

איך קען ניט... איך וויל ניט, הורדוס...

הורדוס

טרוקן:

קיניגין מרימי וועט קומען צום טיש... *גייט אַרויס, שלומית נאָך איר.*

מרימי בלייבט אומבאַוועגלעך. אַלעקסאַנדרע שטייט, נערוועז צופּנדיק די בגדים אויף זיך. פון הויף הילכן אַפּ קלאַנגען פון מוזיק און זעלנערישע אויסגעשרייען.

אַלעקסאַנדרע

נאָך אַ היפּשער ווײַלע:

מרימי!

מרימי דערוואַכט פון פאַרגליווערטקייט, לאָזט זיך גיין צום שלאָפצימער.

אַלעקסאַנדרע:

דו גייסט צום מאָלצייט?

מרימי:

ניין... *אריין אין שלאָפצימער.*

דער פייערלעכער טומל אין הויף דויערט, פאַלט, וואַקסט ווידער אויף. אַלעקסאַנדרע הערט זיך צו, צופּט דעם זוים פון טוך. באַלד קומט אַריין שמאי מיט אַן אייל-לאָמפּ, שטעלט אַוועק און גייט צוריק. פאַרהאַלט זיך לעבן דער טיר, קוקט אויף אַלעקסאַנדרען.

ש מ א י:

ניט גוט, קיניגין־מוטער...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

טוט זיך צו אים האַסטיק אַ קער:

ניט גוט, שמאי, ניט גוט! הורדוס איז פון דעם רוימער צוריקגעקומען צען מאָל שטאַרקער, ווי ער איז געוועזן פריער. ער וועט אונז אינגאַנצן אײַנשלינגען, קיין רעשט ניט איבערלאָזן. מען טאָר זיין מאַכט ניט לאָזן צעבליען זיך! און מרימי האָט איר פאַרשטאַנד פאַרלאָרן

ש מ א י:

איין טאָכטער ביי דער קיניגין־מוטער געבליבן — מרימי...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

יאָ, שמאי, אַלעמען אויסגעראָטן, ווי אַ נאַקעטער דאָרן געבליבן, אַלע צווייגן אָפגעהאַקט, און אַפילו קיין נקמה ניט גענומען...

ש מ א י

צוקט מיט די אַקסלען:

די קיניגין־מוטער האָט די טויטע ליבער, איידער די איינציקע לעבעדיקע...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

וואָס פלוידערסטו, שמאי! דו פאַרשטייסט אויך ניט!

ש מ א י:

אָך־אָך־אָך... ניט גוט... גייט אַרויס

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

גייט שנעל צו דער טיר פונם שלאָפצימער:

מרימי! קיין ענטפער. מרימי! דו טוסט זיך איבער? קיין ענטפער. מיט צערייצטקייט. ענטפער, מרימי!

מ ר י מ י

הייזט זיך אין טיר:

איך גיי ניט, מוטער. כ׳וועל מיך ניט איבערטאָן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

אויסגעבראַכט:

קיין הילף פון דיר ניט צו דערוואַרטן! דו האָסט דיין ברודער אַריסטָבול ניט פאַרהיט פאַר די וואַסערן פון ירדן, אין וועלכן הורדוס האָט אים פאַרעטעריש דערטרונקען!...

מ ר י מ י:

ניט פאַרהיט...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

דו האָסט דיין זיידן דעם קיניג און כוהן־גדול ניט געשיצט, ביז דער געזאַלבטער זקן איז ווי אַ פאַרברעכער געפאַלן אונטער הורדוסעס האַנט. דו האָסט אים אַלץ מוחל געווען, דעם רוצח פון דיין שטאַם. ביסט אים אויך מוחל דעם טויט־פסק, וואָס ער האָט דיר אונטערגעשריבן!...

מ ר י מ י:

אַז איך וואָלט געקאָנט מוחל זיין!...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

און אַז מען וועט פירן דיין מוטער צום קרייצבוים, וועסטו דעמאָלט אויך אין דיין נשמה ניט געפינען קיין צאָרן פאַר אירע פייניקער! וויי צו דער משפחה, וואָס דער לעצטער וואָרצל פון איר שטאַם איז אַ פרוי אָן ווילן ווי דו!

מ ר י מ י

גייט אַרויס און זעצט זיך:

איך קאָן ניט גיין פרייען זיך מיט די שרים און מיט הורדוסן. וואָס זאָל איך טאָן?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

ציטערט פון איינגעהאַלטענער אויפרעגונג:

טאָ הער, וואָס איך לערן דיך, אויב דיין אייגענער שכל שטומט. דו גייסט ניט. הורדוס וועט עס דיר ניט מוחל זיין. זיין מאַכט איז איצט גרויס. זיין עזות וועט אויסוואַקסן נאָך שטאַרקער. אָבער איצט ברענט ער מיט ליידנ־

שאַפט צו דיין שיינעם קערפּער. מ׳טאָר ניט דערלאָזן, ביז זי וועט זיך אָפּקילן. זאָל זיין געלוסטונג זיין די גרוב פון אַנטיפּאַטערס משפחה. שוין, היינט...

מרימי:

איך ווייס ניט, וואָס דו מיינסט, מוטער.

אַלעקסאַנדרע

שעפּטשעט פאַרפלאַמט:

ער וועט זיך דאָך ניט איינהאַלטן... אַ צעהיטער פונם ווייַן וועט ער קומען... עפן פאַר אים ברייט די טירן פון דיין חדר, דיינע אָרעמס... פאַרשיכור אים מיט די בשמים פון דיינע ליילעכער... זאָל ער דיך אויסצערטלען, ווי אַ שלאַנג אויף זיין ברוסט... נעמט ארויס אַ מעסער פון די פאַלדן פון איר קלייד, שטרעקט צו מרימין. נאַ... פאַר אונזער שטאַם... פאַר אונזער בזיון...

מרימי

שפּרינגט אויף דערשראָקן:

ניין! ניין! זאָלסט זיך ניט דערוועגן! רייסט ארויס דעם מעסער און פאַרשליידערט אין אַ ווינקל אויפן דיוואַן. מיט אָפּגעפּאַלענער ענערגיע. ניין. דערויף האָט מיר קיינמאָל ניט געקלעקט קיין שטאַרקייט... אין גרעסטן צאָרן ניט...

אַלעקסאַנדרע:

אים וועט קלעקן... ער האָט דיר איינמאָל געחתמעט אַ טויט־פּסק... ער וועט אַ צווייטן מאָל אויך...

מרימי

פאַרברעכט די הענט איבערן קאָפּ:

ער איז שטאַרק, זיין ווילן איז פרוכטבאַר; מיינער — ווי אַ פאַרדאַרט בלאַט...

אַלעקסאַנדרע:

טויט הערט זיך פון דיינע רייד... פּוילונג. אָך, ווען דו וואָלסט כאָטש אין אַ צענטן טייל געברענט מיט דעם פייער.

וואָס פלאַקערט אין מיר! ווען איך האָב צו מיין צאָרן דיין יונגקייט, דיין שיינקייט! ווען ניט דו, נאָר איך בין מרימי!...

שלומית

שטייט אין טיר, הויך לאַכנדיק:

כאַ־כאַ! אַז די באַיאָרנטע טאָכטער פון הורקנוס וואָלט געהאַט איר טאָכטערס חן — סאַר אַ שרעקלעכע מעשים זי וואָלט אויפגעטאָן מיט איר כישוף!

אַלעקסאַנדרע:

דעם קיניגס שוועסטער הערט אונטער ביי די טירן, ווי אַ דינסטמויד...

שלומית:

אָ, אָפּגעדאַרטע רעשטלעך פון חשמונאישן יחוס! מיט די דינסטן און מיט זייערע זין, קעגן וועלכע איר שטאָלצירט, גייט מיין ברודער הורדוס צום רום! צו מרימין. די קיניגין איז צום מאָלצייט ניט געקומען. די קיניגין האָט איר אָרט ביים שטול פון מלך יהודה געלאָזן ליידיק שטיין...

מרימי קערט זיך אָפּ.

שלומית:

דער קיניג איז געווען אויפגעבראַכט. דריי כוהנים מורדים האָבן שוין דערפאַר מיטן לעבן באַצאָלט.

מרימי

טוט זיך אַ טרייסל:

אַך!...

אַלעקסאַנדרע

גלייכצייטיק:

ווידער!...

שלומית

שפּאָטיש:

געווען אַוודאי קרובים אָדער גואלים צו דער קיניגין און צו איר מוטער?...

וועט זיין שיכּור... ער וועט ניט באַמערקן... מרימי זאָל ניט זען... און אַ סוף... אַ סוף... נעם!

ש מ א י

נעמט ניט, טרעט אָפּ אויף צוריק:

קיניגין מוטער! דאָס איז... גיפט?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

טויט... זיי דרייסט, שמאַי, וואָג! שוהם וועט זיין מיט אינז... דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיין מיט אונז. שטופּט אים אין האַנט אַריין. אַנטשליס זיך!...

ש מ א י:

ניין, קיניגין־מוטער.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

שמאַי! דאָס גאַנצע פאָלק יהודה וואַרט אויף דעם טויט פון דעם טיראַן. שטאַרק זיך! דו וועסט אונז אַלעמען באַפרייען פון דער אדומישער קנעכטשאַפט. דאָס פאָלק יהודה וועט דיר דאַנקבאַר זיין!

ש מ א י

דריקט מיט די אַקסלען:

וואָס איז מיר דאָס פאָלק יהודה? אַז איך ווייס ניט, ווער איז געווען מיין פאָטער, ווער — מיין שטאַם. אַ געבוירענער קנעכט...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

איך וועל דיך גרויס מאַכן. איך וועל דיך איבער די גרעסטע שרים דערהייבן. שמאַי! וואַג!

ש מ א י:

וועמען וועל איך מיין גרויסקייט ירושה לאָזן? אַ פרוכטלאָזער שטיין אין דער וועלט אַריינגעוואָרפן...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

דו ביסט פאַלש צו מרימין, שמאַי! דו האָסט זי אויף דיינע הענט אויסגעטראָגן. הורדוס וועט זי טויטן...

מ ר י מ י:

אַ פרידלעכע נאַכט דיר, מוטער!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

פריד צו מיין טאָכטער!

גייען ביידע אַרויס — מרימי אין שלאָפצימער, אַלעקסאַנדרע אין פאָדערצימער.

ש ל ו מ י ת

נאָך אַלעקסאַנדרען לאַכנדיק:

זאָל דער קיניגין־מוטער זיס זיין איר שלאָף! איבערגעריסן דעם געלעכטער אינמיטן. דרייט זיך אויס צו דער טיר, וואו מרימי איז פאַרשוואונדן, מיט אויפגעהויבענע פויסטן. דעם כּבוד ניט אָנגעטאָן אַ וואָרט צו ענטפערן אויף די רייד פון אַנטיפּאַטערס טאָכטער!... גייט הין און צוריק מיט באַוועגונגען פון צאָרן׳ נאָכדעם פאַטשט זי מיט די הענט. שמאַי קומט אַריין. צוגרייטן דער קיניגינס געלעגער. גרייטן אַ טיש מיט ווייַנען און מיט פרוכטן. ליכטיקייט מער. דער קיניג וויל פאַרווײַלן ביי דער קיניגין... גייט אַרויס.

ש מ א י

אַ צעררודערטער, כאַפּט זיך פאַר פאַרשיידענע זאַכן, לויפט נאָכדעם צו דער טיר פון דער קיניגינס שלאָפצימער:

האַרין קיניגין! קיין ענטפער. קיניגין מרימי! שטיל. שאָקלט מיטן מיטן קאָפּ, לאָזט זיך איילנדיק צו דער טיר.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

גנבעט זיך אויף די שפּיצן פינגער אַריין:

שמאַי! איך מוז מיט דיר ריידן... דו ביסט דער איינציקער מענטש, וואָס איז נאָך אין הורדוסעס הויז טריי דער קיניגין... מרימי וויל גאָרנישט... זי האָט אויפגעהערט צו פילן, ווי אַ חשמונאית... מיר מוזן אַליין טאָן. איצט קענסטו דערווייזן דיין איבערגעגעבנקייט, דערווייזן מיט מעשים... שטעקט אים אין האַנט אַ פּאַקעטל. אין הורדוסעס בעכער... ער

ש מ א י:

קיניגין־מוטער! גאָר מיין לעבן האָב איך געלעבט פאַר מרימין, און זי — ליבט הורדוסן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ווײ, ווײ! אַלע זייט איר קעגן מיר, אַלע! אַנטלויפט, כאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ.

שמאי שטייט אַ ווײַלע. גייט אַרויס און קומט גלייך צוריק מיט אַ פּאָר דינסטן. מען ברייט אַ טיש מיט פרוכט און ווײַן. די דינסטן פירן אַרויס מרימין פון שלאָפצימער. מרימי גייט ווי אַ פאַרשטיינערטע, באַמערקט גאָרנישט.

ש מ א י:

זאָל די קיניגין באַוויליקן צו זעצן זיך.

מרימי לאָזט זיך אַוועקזעצן. דינסטן פלעכטן איר די האָר, שפּריצן אויף איר בשמים.

ש מ א י

דערלאַנגענדיק דינע קליידער:

זאָל די קיניגין באַוויליקן איבערצוטאָן זיך...

מ ר י מ י

ווען די דינסטן נעמען זי אויסטאָן:

וואָס טוט איר? צו וואָס? קוקט זיך אַרום, באַמערקט אַלץ, פאַרשטייט פּלוצלונג. אַ! ניין! ניין! מען דאַרף ניט, איך וויל ניט! שמאי, דו הערסט — איך וויל ניט! שמאי און די דינסטן שטייען אָפּהענטיק. וואָס שטייסטו, שמאי? וואָס וואַרטסטו? הייס זיי אַוועקגיין.

שמאי גיט אַ וואונק, די דינסטן גייען אַוועק.

מ ר י מ י:

דו גיי אויך!

ש מ א י:

קיניגין מרימי! דער קיניג וועט באַלד קומען...

מ ר י מ י:

זאָל ער ניט קומען! איך וויל ניט! ער זאָל ניט קומען!

ש מ א י:

וויל, קיניגין! פאַרגעס אַלץ, אַלעמען... שטעל זיך ניט קעגן דיין גליק...

מ ר י מ י

ניט מיין גליק — זאָל ער ניט קומען!...

ש ו ה ם

קומט האַסטיק אַריין:

דער קיניג קומט באַלד... קיניגין מרימי! נעם אים אויף פריינדלעך, מיט אַ פריילעך פּנים! שמאי, ברענג דער קיניגין איבערצוטאָן זיך...

מ ר י מ י:

זאָל ער ניט קומען! איך האָב פאַר אים קיין פריילעך פּנים ניט. איך וויל ניט.

ש ו ה ם:

זאָל ער קומען! זאָל ער דאָ שטיין פאַר דיר מיט דער גאַנצער פּראַכט פון זיין גדולה. הורדוס איז פון צענדליקער טויזנטער אויסדערוויילט, און ער האָט דיך ליב! הורדוס איז דער גיבור פון יהודה — און ער האָט דיך ליב! הורדוס איז דער מעכטיקסטער פון אַלע מלכים אויף מזרח — און ער האָט דיך ליב. הורדוס איז דער שענסטער פון אַלע העלדן — און ער האָט דיך ליב. שטעל זיך ניט אַנטקעגן זיין ליבשאַפט. דו האָסט דאָך אים אויך ליב. דיין ליבע צו אים איז דאָך אַזוי שטאַרק!

מ ר י מ י:

שטאַרק...

ש ו ה ם:

לאָז זיך געליבט זיין פון אים. ליב אים מיט אויסגעלייטערטן האַרצן, דאָס גליק איז דאָך גרעסער פאַר אַלע אומגליקן!

מ ר י מ י:
גרעסער... פאַר אַלע אומגליקן.

ש ו ה ם:
דיין נשמה פלאַטערט פון בענקשאַפט נאָך אים, דיינע אָרעמס ציטערן מיט לעכצונג זיין קאָפּ אַרומצונעמען...

מ ר י מ י:
רייד נאָך, שוהם...

ש ו ה ם:
דיין האַלז צאַפּלט מיט אומגעדולד אַרום זיינעם אַרומצופלעכטן זיך. דיינע אַקסלען ברענען מיט דערוואַרטונג פון זיינע ליפּן אויסגעקושט צו זיין...

מ ר י מ י:
נאָך, שוהם...

ש ו ה ם:
נעם פון דיין געליבטן דאָס גליק, וואָס ער טראָגט צו דיר. באַגעגן אים ווי כּלהוויַיז האָסטו אים באַגעגנט — מיט דאַנקבאַרקייט..

מ ר י מ י:
אַך, שוהם...

ש ו ה ם:
ציר זיך אויס פאַר אים ווי צו דער חופּה, דו וואַרטסט דאָך אויף אים ווי אויף אַ חתן... שמאי טראָגט צו די קליידער.

מ ר י מ י
אַ פאַרצאַפּלטע
ניין, ניין! טראָג אַוועק! גיב גראָבע מאַנטלען צו אַ רעגנדיקן טאָג, צו אַ שניי, צו אַ וויַיטן וועג! ברייטע, דיקע! גיכער! ברענג, שמאי! שמאי שטייט. איך הייס דיר, שמאי! שמאי אָפּ. און דו, שוהם, קענסט אויך גיין. רייד ניט מער. איך וויל ניט הערן. גיי!

ש ו ה ם:
קיניגין! מיט וואָס זאָל איך דיך באַשיצן פון אומגליקן? בעסער וואָלסטו אַנטלאָפן פון דאַנען איידער הורדוס איז געקומען. בעסער וואָלט איך מיט דיר צוזאַמען געלאָפן... מיט וואָס זאָל איך דיר באַרויִקונג קויפן! קושט דעם זוים פון איר קלייד.

מ ר י מ י:
גיי. גיי. איך וויל בלייבן אַליין.

שמאי קומט אריין מיט גראָבע מאַנטלען. שוהם גייט ארויס פאַרצווייפלט.

מ ר י מ י:
גיב אַהער. העלף מיר אָנטאָן. אַזוי. נאָך איינעם. נאָך איינעם! איינער אויפן אַנדערן. דעם גאַרטל דערלאַנג. שטייפער פאַרצי. פעסטער דעם קנופּ. זאָל דער האַלז פאַרדעקט זיין. קיין אָפן אָרט זאָל ניט בלייבן. איצט גיי. איך דאַרף דיך מער ניט, שמאי. גיי. זעצט זיך. שמאי שטייט אַ דערשלאָגענער. איך הייס דאָך דיר גיין! גיי!

שמאי גייט ארויס, מרימי בלייבט אין אַ ווינקל פון דיוואַן אַ צענויפגעקאָרטשעטע. ס'הערן זיך שיכּורע קולות פון די אָנגעזויפטע זעלנער, טויבע אָפּקלאַנגען פון מוזיק.

ה ו ר ד ו ס
קומט אריין שיכּורלעך:
מרימי, מיין ווייב! גייט צום שלאָפצימער. מרימי!

מרימי הייבט זיך אויף מיט איבערגעשראָקענע אָפּגעריסענע באַוועגונגען.

ה ו ר ד ו ס
דערשפּירט, קערט זיך האַסטיק אום צו איר מיטן פּנים. שטרעקט אויס די הענט:
ביסט גאָר דאָ, מרימי! לאַכט הויך. ווי אַ פּויערין צו טרייבן די פיקסלעך פון וויינגאָרטן אויפדערנאַכט! לאַכט. דו האָסט אויף מיר געוואַרט?

מ ר י מ י:
געוואַרט.

ה ו ר ד ו ס

כיסרע:

גענאַרט?

מ ר י מ י:

ניין.

ה ו ר ד ו ס

לאַכט:

געדענקסט, אַמאָל, נאָך גאָר אַמאָל: פלעגסט זיך מאַכן כלומרשט ברוגז. נאָכדעם פלוצלונג מיך באַפאַלן. *האַלב-זינגענדיק.* „דערוואַך, צפון-ווינט, קום, דרום-ווינט, באַווייע מיין גאָרטן"... אָט איז אַפילו געטראַנק אין די קרוגן און פרוכט אויף די טאַצן...

מ ר י מ י:

ניט איך. דאָס האָט מסתמא דיין שוועסטער באַפוילן.

ה ו ר ד ו ס

זעצט זיך צום טיש:

אַלצאיינס... אפשר גלייכער, וואָס דו ביסט ניט געקומען צום מאָלצייט — אַהין, וועסטו איצט דאָ מיט מיר דאָרשטיקער טרינקען. *שטרעקט צו איר די האַנט מיט אַ בעכער.* טרינק, מרימי!

מ ר י מ י:

איך וויל ניט טרינקען.

ה ו ר ד ו ס:

צו וואָס טרינקען, אַז אָן וויין איז מען אויך שיכור — האַ-האַ-האַ! גיב מיר דיין האַנט, מרימי. זי איז אַזאַ בלאַסע, אַ שמעקעדיקע, ווי זי איז ביי דיר כלהווייז געווען...

מ ר י מ י

באַהאַלט די האַנט:

ניין.

ה ו ר ד ו ס:

איך האָב נאָך דיר געבענקט. זעסט, די גלוסטונג ברענט ווי פייער אין מיינע ביינער. זעץ דיך צו צו מיר. איך וועל דיך צודריקן צו מיין ברוסט... ווי אַמאָל. מירן אָפּרוען פון אַלץ. גאָרנישט געווען, אַלץ פאַרגעסן.

מ ר י מ י:

איך וויל ניט פאַרגעסן.

ה ו ר ד ו ס:

איך וועל מאַכן, דו זאָלסט פאַרגעסן.

מ ר י מ י:

איך וועל ניט פאַרגעסן.

ה ו ר ד ו ס:

וועסט פאַרגעסן, מרימי. איך בין דאָך צו דיר אַזוי גוט. אָט גיב איך דיר דעם רינג מיט מיין חתימה. נעם, חתמע, וועלכע דו ווילסט באַפעלן. קענסט טויזנט שונאים דיינע הייסן היינטיקע נאַכט קעפּן. *לאַכט.* ווילסט ניט? *ציט זיך אויס מיט צופרידנהייט.* דער גרעסטער פון מיינע נצחונות איז דער לעצטער — איבער אָקטאַוויאַנס גרימצאָרן. גענויט דעם רוימער צו ווערן מיר אַ גינציקער פריינד. איך האָב דאָרט ביי די רוימער אין לאַגער געטראַכט: אָט איז געקומען די צייט צו שאַפן יענע מלכות יהודה, וועגן וועלכער איך האָב געטרוימט... און איך וועל שאַפן — ניט ווי די חשמונאים! *שפרינגט אויף און גייט אויף און אָפּ.* וואָס האָבן זיי געקענט? — אויסראָטן איינע די אַנדערע! איך וועל שאַפן אַ מלכות יהודה אַ נייע, אַ גרויסע, פון ים ביז ים, אויף אַלע פיר זייטן! דו מיינסט, מרימי, איך וועל אַפילו אָקטאַוויאַנען גופא ניט איינשפּאַנען אין מיין רייטוואָגן?

מ ר י מ י:

וועסט איינשפּאַנען...

הורדוס:

איך וועל איבער די בערג און איבער די זומפן דורכלייגן געפלאַסטערטע וועגן, איבער דעם מדבר — וואַסער־רערן. איך קען, איך האָב פאַר אַלץ כּוח!...

מרימי:

דו האָסט...

הורדוס

לאַכט:

איך האָב — — — און דו האָסט מורא געהאַט, וואָס טוט זיך דאָרט... טאָמער טויטן מיך דאָרט די רוימער...

מרימי

מיט שרעק:

רייד ניט וועגן דעם! רייד ניט!

הורדוס

האָב ניט מורא, מלכּה מיינע. ניט אַזוי לייכט איז הורדוסן אומצוברענגען. איך וועל זיי די נאַרישע ערלים פריער הונדערט מאָל קויפן און פאַרקויפן... מיך טויט מען ניט... קוקט אויף איר כּיטרע מיט איינגעהאַלטענעם געלעכטער. און וואָס וואָלט געווען, ווען זיי טויטן מיך דאָרט?...

מרימי

צערודערט:

ווען זיי טויטן דיך... רייד ניט! שווייג, הורדוס!

הורדוס

לאַכט:

האַ, וואָס וואָלט געווען?

מרימי

ציטערט:

איך זאָג־דיר: שווייג! ניט לאַך! רייד ניט! פאַלט אַנידער אויפן דיוואַן.

הורדוס:

זע, ווי דו פלאַטערסט נאָך איצט אַפילו — — האַ־האַ־האַ! די הענט ציטערן ביי דיר. נו, נו, באַרויק דיך. איך בין דאָ. איך לעב. האָסט מיך ליב, מרימי?

מרימי:

איך האָב דיך פיינט! פיינט!

הורדוס:

האַ־האַ־האַ! קום. לאָמיך דיך אַרומנעמען. ציט זיך צו איר.

מרימי:

ניט דערנענטער זיך! אַוועק!

הורדוס

הייל זי אָנגרייפן, מיט צעשפּרייטע הענט.

שענסטע פון אַלע מלכּות אין דער וועלט! מרימי!

מרימי

כאַפּט דעם מעסער פון דיוואַן:

זאָלסט ניט צוגיין! מערדער פון מיין שטאַם! רוצח!

הורדוס

אויסגעניכטערט:

יואָס באַטייט עס, מרימי?

מרימי

צראַפּגעלאָזן די הענט:

איך קען ניט... גיי אַוועק...

הורדוס:

דאָס איז ניט קיין שפּאַס?

מרימי:

ניין. גיי.

הורדוס:

דאָס איז מלחמה? דו דערקלערסט מיר קריג, מרימי?

מרימי:

איך ווייס ניט. גייט שנעל צום שלאָפצימער, באַגלייט פון הורדוסעס פינסטערן בליק און אָנגעצויגענע הענט, ווי צום באַפאַלן. זאָלסט ניט נאָכגיין!...

הורדוס

נאָך איר:

טרייבסטו מיך ווי אַ שונא, מרימי? מרימי פאַרשווינדט. ווי אַ שונא!

צווייטע בילד

א זאַל פאַרפּוצט אין געשמאַק פון מזרח און מערב געמישט. אויף אָנגעזועצטע ערטער שטייען די ביוסטן פון אָקטאַוויאַן אווגוסט און פון אַנטיפּאַטער, הורדוסעס פאָטער.

די פּרינצן אַלעקסאַנדער און אריסטבול מיט זייער דערציער שטח קומען אריין.

ש ט ח:

דאָ וועט אַייך דער קיניג אַייער פאָטער אויפנעמען, און דאָ וועט איר מיט אים ביים טיש עסן, איידער ער וועט אַייך געבן זיין ברכה אויפן וועג.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:

איידער מען פאַרשיקט אונז...

אַ ר י ס ת ב ו ל:

איידער מען פאַרשיקט אונז קיין רוים.

ש ט ח:

איר טאָרט אַזוי ניט ריידן, פּרינצן! איר טאָרט ניט נאָכטראַכטן און ניט משפּטן דעם קיניג פאַר זיינע מעשים, וואָרעם מיר ווייסן ניט זיינע געדאַנקען, וואָס ער טראַכט וועגן דער מלוכה. געוויס מיינט דער קיניג נאָר אַייער טובה, ווען ער שיקט אַייך אָפּ קיין רוים.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:

מיר ווייסן שוין...

אַ ר י ס ת ב ו ל:

אָבער איך וואָלט אויך פון דער מוטער וועלן נעמען אַ ברכה אויפן וועג...

ש ט ח:

וועגן דעם טאָר מען אַפילו ניט טראַכטן. די קיניגין מרימי קאָן אַייך ניט אויפנעמען. די קיניגין איז קראַנק און וויל קיינעם ניט זען. דער קיניג הורדוס האָט פאַרבאָטן עמעצן אַריינצולאָזן אין אירע חדרים.

א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:
יאָ. זינט זי איז געקומען פון דער פעסטונג אַלעקסאַנדראָן, זאָגט מען אונז אַלץ, אַז זי איז קראַנק. זיי מיינען, אַז מיר זיינען נאָך קליינינקע.

א ר י ס ת ב ו ל:
מיר פאַרשטייען שוין, נישקשה. דאָס איז אַלץ דעם קיניגס שוועסטער, שלומית...

ש ט ח
דערשראָקן:
רעדט ניט הויך, קינדער! שווייגט בעסער! קיינער זאָל פון אייך מער אַזעלכע ווערטער ניט הערן. דער קיניג האָט זיין שוועסטער שלומית שטאַרק ליב. זי איז אים די גרעסטע העלפערין אין זיינע מעשים.

א ר י ס ת ב ו ל און א ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:
מיר ווייסן...

ש ט ח:
פּרינצן! וועמען דער־גורל האָט אויסדערוויילט צו לעבן אין קיניגלעכע פּאַלאַצן, יענע דאַרפן אַלץ וויסן, אָבער ניט וועגן אַלץ ריידן. וויי צו דעם, ווער עס קען ניט פאַר־זיך טראַכטן, ווער עס קען זיין מויל ניט היטן אין די פּאַלאַצן פון די הערשער!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:
זיי רויִק, שטח, מיר ריידן ניט וועגן אַלץ.

א ר י ס ת ב ו ל:
מיר ווייסן שוין, וועגן וואָס מען טאָר ניט ריידן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר
טוט זיך א צי אָן א זיפץ:
אוי — די קיניגין־מוטער!...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע
אַריינגעגנבעט זיך, א פאַרשלייערטע:
ש־שאַ, שטילער, טייערע, שטילער..

ש ט ח
אין טויט־שרעק:
די קיניגין־מוטער! די פיס בויגן זיך ביי אים אונטער. וואָס טוט די קיניגין־מוטער! דער קיניגין־מוטער איז באַוואוסט, אַז מיר איז שטרענג פאַרבאָטן צוצולאָזן זי ריידן מיט די פּרינצן! די קיניגין־מוטער ווייס, אַז איך וועל דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:
שווייג, שטח!

ש ט ח:
אָ, איך אומגליקלעכער!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:
גענוג, שטח, באַרויִק דיך.

ש ט ח:
אין די בעסטע יונגע יאָרן מיינע קום איך פון דער וועלט אום!... וויי, מיינע קינדערלעך!... אָרעמע יתומים מיינע!... אָן אַ פאָטער!...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:
שטילער זשע, שטח! דו נעמסט אָפּ צייט... ס'וועט דיר גאָרנישט זיין... קיינער וועט ניט וויסן. קיינער וועט ניט דערציילן... זיי רויִק, מ'וועט שוין שווייגן.

ש ט ח:
אָבער דער קיניג קאָן אַריינקומען, עמעצער פון דער משפחה... וויי מיר!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:
איך האָב אַנדערש ניט געקענט, שטח. כ'בין אייך ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען. פרעמדע אויגן האָבן געשטערט. אָבער איך מוז דאָך ריידן מיט די קינדער, כ'קען זיי דאָך ניט לאָזן אָפּפאָרן אָן מיין ברכה אויפן וועג. רוקט אים אַריין אין האַנט א בייטל, ער באַהאַלט עס געשווינט. נו, שווייג, אַלע וועלן

שווייגן, זיי—אויך. קושט די פרינצן. אַלעקסאַנדער, אַריסטבול, מיינע טייערע, איר ווייסט דאָך שוין, ווי צו היטן אַ סוד? יאָ?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:

זיי רויִק, שטח...

אַ ר י ס ט ב ו ל:

האָב ניט מורא, שטח, מירן שוין שווייגן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

אָרעמע קינדער מיינע! אַזעלכע יונגע דאַרפט איר שוין פאַרבאָרגן סודות שרעקלעכע אין אייער האַרצן. פון קינדוויַיז זייט איר שוין געשטעלט אינמיטן קאַמף פון משפחות..

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:

מיר האָבן גאָרניט מורא, קיניגין־מוטער!

אַ ר י ס ט ב ו ל:

מיר האָבן פאַר גאָרנישט קיין מורא. מירן זיין גיבורים, ווי אונזער פאָטער הורדוס! אָט ווי דער רוימער אָקטאַוויאַן! ווי דער זיידע אַנטיפּאַטער! ווייזט אויף די ביוסטן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ניין, ניין, ניט ווי אָקטאַוויאַן דער געצנדינער, ניט ווי אַנטיפּאַטער דער אדומי. זייט ווי אַייערע אורעלטערן יהודה דער מכבי און שמעון דער חשמונאי.

אַ ר י ס ט ב ו ל

קוקט פאַרחאונדערט:

די געשטאַלטן פון יהודה און פון שמעון זיינען דאָ גאָר ניטאָ!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

יאָ, קינד מיינס, ניטאָ. די חשמונאים זיינען פון דעם פּאַלאַץ פאַרטריבן. אַלץ, וואָס פאַרבינדט אונז מיט זייער אָנדענקען, איז דאָ פאַרבאָטן אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן. אַלע צווייגן פון אונזער גערימטן שטאַם—אָפּגעהאַקט. איר

ביידע נאָר זייט געבליבן — די לעצטע צוויי מאַנסביל פון דער גרויסער משפחה, די לעצטע האָפענונג פון לאַנד יהודה. און ווען איר וועט אויפוואַקסן, דאַרפט איר מיט אייער גבורה ווידער אויפשטעלן דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון די חשמונאים... מיט פאַרשטיקטע טרערן, ווישט די אויגן. דאָס... דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן... איידער איר ווערט אָפּגעריסן... פון אַייער מוטער... פון מיר... פון אַייער פאָלק... דאָס איז אייך מיין ברכה אויפן וועג. איר זאָלט עס אין דעם פרעמדן לאַנד געדענקען: איר דאַרפט פון דעם פּאַלאַץ אויסראַמען דעם זכר פון אַנטיפּאַטער דעם אַדומי. ער ער איז ניט אַייער זיידע, ער איז אַייער באַרויבער. ער האָט ביי אַייך דעם שיינעם נאָמען פון די אַלטע כוהנים אַוועקגערויבט, און געגעבן אייך אַ נאָמען פון אַ קנעכט; אַוועקגערויבט ביי אַייך דעם גאָט פון אַייערע עלטערן, געלאָזט אַייך דינען צום ערל, דעם רוימער... ווייזט אויף אָקטאַוויאַנס ביוסט.

ש ט ח

וועלכער לויפט די גאַנצע צייט צרום פון טיר צו טיר און הערט זיך צו, טאָמער גייט מען:

מיין האַרין !... קיניגין־מוטער!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

הערט אים ניט:

און איצט רויבט מען אַייך אַליין אַוועק ביי אַייער מוטער, ביי אַייער לאַנד... מען פאַרוואַנדלט אַייך אין היימלאָזע... מען מאַכט אַייך פאַר יתומים אין דער פרעמד...

ש ט ח:

מיין האַרין! ווי גאָט איז אַייך ליב!..

אַ ל ע ק ס אַ נ ר ע:

מען לאָזט אַייך אַפילו פון אייער מוטער קיין ברכה אויפן וועג ניט נעמען... מען לאָזט צו איר קיינעם ניט צו ווי צו אַ פאַרברעכערין.

ש ט ח:

ווי, מוטער קיניגין! איך בין פאַרלוירן... מען גייט... פאַר־לאָזט אונז... גיכער!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

חישט די אויגן, קוקט זיך שנעל ארום.

זייט געבענטשט, קינדער. געדענקט אין דער פרעמד, ווער איר זייט, געדענקט אַייער חוב... וואַקסט פאַר נקמה... פאַר אַייער מוטער, פאַר די חשמונאים... קושט זיי שנעל און פאַר־שווינדט.

אַ ר י ס ת ב ו ל

צו שטחן:

נו, שוין אַוועק. באַרויִק זיך...

ש ט ח

קוים וואָס ער אָטעמט אָפּ פון שרעק:

שאַ... האַלט זיך פיין... דער קיניג...

שלומית גייט אַריין. שטח פאַרנייגט זיך טיף. די פרינצן—נאָך אים.

ש ל ו מ י ת:

אַ, איר זייט שוין דאָ?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר און אַ ר י ס ת ב ו ל

צערעמאָניעל:

פריד צו דעם קיניגס שוועסטער!

ש ל ו מ י ת:

דאָ איז קיינער ניט געווען מיט אַייך?

ש ט ה:

חלילה, מיין האַרין! ווער האָט דאָ געקענט זיין מיט אונז? קיינער איז ניט געווען!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר און אַ ר י ס ת ב ו ל

אונטער שלומיתס פאַרשנדיקן בליק:

קיינער ניט...

ש ל ו מ י ת:

ווער ווייס — איר זאָגט אמת, צי ליגן... און אַייער פאָ־טער דער קיניג הורדוס וויל אַייך איבערגעבן די פירונג פון דער מלוכה, ווען איר וועט עלטער ווערן... דאָס איז אַ גרויסער חסד, וואָס ער טוט מיט אַייך. איך האָב מורא, אַ צו־גרויסער...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר

צערעמאָניעל:

זאָל אונזער פאָטער דער קיניג טאָן, ווי אים איז וואויל־געפעלן...

אַ ר י ס ת ב ו ל

אויך אַזוי:

ווי ס'איז וואוילגעפעלן אין זיינע אויגן...

ש ל ו מ י ת:

אַייער פאָטער דער קיניג האָט צוליב אַייך פאַרשטויסן אַייער עלטערן ברודער, זיין בכור אַנטיפּאַטער, און גאָר זיין ליבשאַפט האָט ער אַוועקגעשענקט אַייך. איר דאַרפט זיך באַמיען די דאָזיקע אומרעכט פון אַייער פאָטער קעגן דעם געזעצלעכן יורש פונעם טראָן אויסצוקויפן מיט גע־טרייהייט צום קיניג און צו זיינע פריינד... איר דאַרפט זיין איבערגעגעבן צו הורדוסעס משפחה. אירע שונאים—זיינען אַייערע שנאים — — — איר ווייסט, מען האָט אונטער־געוואָרפן גיפט אין דעם קיניגס עסן... מען האָט געכאַפּט דעם פאַרברעכער. ער איז אונטערגעשיקט פון די חשמונאים, די בוגדים... וואָס האָט איר פאַרגראָבן אַייערע בליקן אין דער ערד? — שטח! דאָס האָסטו זיי אַזוי דערצויגן, אָדער אין די צימערן פון זייער מוטער האָט מען זיי גע־לערנט, אָפּצוּווענדן די אויגן פון זייער פאָטערס קרובים?

ש ט ח

אין שרעק:

זאָל מיר מיין האַרין פאַרצייען!.. פרינצן! איר דאַרפט

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר:

א נזער פאָטער האָט אונז גערופן...

ה ו ר ד ו ס:

יאָ, איך האָב געהייסן ברענגען אַייך. זעצט זיך. די קינדער לעבן אים. ער לאַשטשעט זיי. איר פאָרט אָפּ אין אַ ווייטן וועג, צו פרעמדע מענטשן, אין אַ פרעמד לאַנד. איך האָב אַזוי ווייניק פרייד אין מיין לעבן, און אַייער נאָענטקייט גיט מיר אַזוי פיל טרייסט אין מיינע זאָרגן... מיר איז ניט לייכט מיט אַייך זיך צו שיידן, נאָר איך מוז. איך קען אַייך ניט דערקלערן, איר זייט נאָך צו יונג. אַלעקסאַנדער, מיין געליבטער בכור...

ש ל ו מ י ת

רייסט איבער:

דער קיניג מיין ברודער האָט פאַרגעסן, אַז זיין בכור איז דער זון פון דער אָן שולד פאַרטריבענער דאָריס, אַנטיפאַטער, וועלכן דו האָסט פאַרשטויסן צוליב די זין פון דער חשמונאית.

ה ו ר ד ו ס:

שווייג, שלומית! לאַשטשעט די קינדער. איך וויל מיך פאַר אַייער אָפּפאָרן אָנפרייען מיט אַייך. ווער ווייס, ביז ווילאַנג איך וועל אַייך ניט קענען זען. אַריסתּבול מיין זון! זאָלן מיר פונדערווייטן שיינען דיינע אויגן, ווי די ליכטיקע זון!

ש ל ו מ י ת:

ווי די אויגן פון אַ פאַרברעכער...

ה ו ר ד ו ס

קוקט אויף די קינדער פאַרשנדיק:

ווייזט די אויגן?

ש ל ו מ י ת:

חשמונאישע אויגן...

אויפהייבן דעם בליק פון אַייערע אויגן, ווען דעם קיניגס שוועסטער רעדט מיט אַייך!

אלעקסאנדער און אריסתבול הייבן אויף די קעפּ און קוקן שלומיתן אין פנים.

ש ל ו מ י ת:

פאַרוואָס זיינען אַייערע געזיכטער, ווי די פינצטערע וואָלקנס?

ש ט ח:

פרינצן! מיט פריינדלעכקייט אין פנים דאַרפט איר קוקן אויף דער געליבטער שוועסטער פון אַייער פאָטער דעם קיניג!

ש ל ו מ י ת:

גייענדיק צו אנטיפאטערס ביוסט. — אריסתבולס פויסטלעך הייבן זיך הינטער איר אויף. אלעקסאנדער ציט אים אראָפּ די הענט:

ווי שונאים קוקט איר. איר גרויסט זיך, ווי אַייער מוטער, מיט דעם ביסל חשמונאיש בלוט אין אַייערע אָדערן. אומזיסט. ווייזט אויפן ביוסט. אָט ד ע ר איז אַייער יחוס. מיט ז י י ן נאָמען זאָלט איר זיך גרויס האַלטן, אָדער... אָדער איר וועט, ווי אַלע שונאים פון זיין שטאַם, פאַרלאָרן ווערן!..

אַ ר י ס ת ב ו ל:

פאַרלאָרן ווערן...

אלעקסאנדער טוט אים א צי, ער זאָל שווייגן.

ש ל ו מ י ת:

זאָלט איר געדענקען...

ה ו ר ד ו ס

קומט אריין א פינצטערער, זיין פנים ווערט גלייך מילד, ווי ער דערזעט די קינדער. ציט צו זיי אויס די הענט:

קינדער! די פרינצן לויפן צו אים צו. אַלעקסאַנדער! אַריסתּבול! קושט זיי.

הורדוס

דריקט די קינדער צו זיך:

שלומית, גיס ניט קיין ביטערניש אין מיין פרייד!

שלומית:

דו ווייסט דען, וואָס עס פאַרבאָרגט זיך אין די אויגן פון אַ חשמונאַי? אפשר פלוך, אפשר גיפט... זיס איז דיר געווען דער גיפט, וואָס מען האָט דיר אונטערגעוואָרפן אין דיין עסן?

הורדוס:

שטופּט אָפּ די קינדער:

פיר זיי אַוועק, שטח. זיי וועלן עסן אין זייערע צימערן...

שטח פירט אײַלנדיק אַוועק די דערשראָקענע קינדער. אַ שווער שטילשווייגן. הורדוס גייט אַרום אַ צעררייצטער מיט פאַרדריקטע ליפּן.

שלומית:

הורדוס!

הורדוס:

איך וויל ניט הערן!

שלומית:

דו ביסט שוואַך, מיין ברודער... גיפטיק. אַ רחמנות מיר אויף דיר...

הורדוס:

וואָס רייצסטו מיין צאָרן? ער ברענט אַזוי אויך גענוג שטאַרק!

שלומית:

דיין צאָרן ברענט הייסער קעגן דיין שוועסטער, איידער קעגן דיין אומיעטרייער ווייב.

הורדוס:

אַלע פאַרסמט איר מיין רו — ווער מיט אומגעטריישאַפט, ווער מיט געטריישאַפט.

שלומית

גיפטיק:

כאַ-כאַ-כאַ! הורדוס האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך רויִקייט! נעמט אַרום אַנטיפּאַטערס ביוסט. פּאַטער! דו האָסט דעם בנין פון דיין משפחה צו פאַרענדיקן איבערגעלאָזן פאַר דעם יורש פון דיינע מעשים, פאַר דיין זון הורדוס; אָבער ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך רו. דיין געקרוינטער זון איז גרייט צו פאַרגעסן דיין גרויסן נאָמען, דעם געהויבענעם ציל פון דיין לעבן. ער איז שוין מיד געוואָרן.

הורדוס:

שווייג, רייד ניט מער, שלומית!

שלומית:

מאָרגן, פּאַטער, וועט מען דיין ווייב און דיין טאָכטער אַוועקשיקן אין קגעכטשטוב צוזאַמען מיט אַלע דינסטן שווערע אַרבעט טאָן — וועט ער שווייגן, ניט וועלן שטערן דעם פרידן פון זיין הויז. באַפריי אים, פּאַטער, פון דעם הייליקן חוב, וואָס ער האָט פאַר דיר און פאַר דיין שטאַם!

הורדוס

טופּעט מיט דער פוס:

שווייג, שלומית!

שלומית:

קיניג! אויב דיין גליק פאָדערט עס, וועלן מיר ביידע, איך מיט דעמדאָזיקן שטייגערגעם אָנדענקען פון אונזער פּאַטער, פאַרלאָזן דיין פּאַלאַץ און אַוועקוואַנדערן אין די בערג פון שעיר. דאָרט וועלן מיר אונזער חרפה באַהאַלטן אין די פינסטערע טאָלן צווישן די פעלזן. איך וויל ריין זיין פון אחריות פאַר מיין ברודערס גליק!

הורדוס

זעצט זיך אַ דערשלאָגענער:

אין ווייס, אַז איך דאַרף דיך, שלומית, לעבן מיר. אין

שלאַכטפעלד, אין אונטערהאַודלען מיט מעכטיקע הערשער איז מיר לייכט פעלקער צו באַזיגן, אָבער אונטער דעם דאַך פון מיין הויז בין איך מאַכטלאָז. זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס וויל מרימי?

ש ל ו מ י ת:

דו זאָלסט ביי איר זיין, ווי אַ געדונגענער באַרבאַר פון צפון, דו זאָלסט געבּרויכן דיין גבורה, כדי אָנצוצינדן פון ס׳ניי דעם פאַרלאָשענעם גלאַנץ פון די חשמונאים!

ה ו ר ד ו ס

שפּרינגט אויף:

אָבער דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין! איך בין קיניג פון יהודה! ניטאָ מער קיין חשמונאים — אויס!

ש ל ו מ י ת:

מרימי האָט דיך פיינט!

ה ו ר ד ו ס:

אַ ליגן! זי האָט מיר קינדער געבּוירן, און זיי זיינען פרוכט פון אונזער ביידנס ליבע, פון מיינער, ווי פון אירער!

ש ל ו מ י ת:

מרימיס ליבע! כאַ-כאַ-כאַ. אַזוי ליבּט מרימי! פאַרשפּאַרט זיך אין אירע צימערן. בעת איר מאַן, איר געליבּטער, קערט זיך צוריק צו זיין היים בשלום נאָך געפערלעכע וועגן! קליידט זיך אין לייוונטענעם טרויער. בעת איר מאַן, איר געליבּטער, קומט נאָך סכנות אַהיים צוריק אַ געזונטער!

ה ו ר ד ו ס:

גענוג, איך ווייס, רייד ניט...

ש ל ו מ י ת:

לאָמיר ניט ריידן, אויב דיר איז שווער פאַר דער טאָכטער פון דיין מוטער צו אַנטפּלעקן די סודות פון דיין ליידנ-שאַפט אין דעם חדר פון דיין פרוי דיין געליבּטער, אויב דיר איז שווער צו אַנטפּלעקן פאַר ד״ן שוועסטער די חרפה

פון דיין ניט באַפרידיקטער מאַנשאַפט, דעם בזיון פון דיין ליבע! לאָמיר ניט ריידן, אויב דיין פרוי באַגעגנט דיך אויף איר שוועל אַ פאַרבּונדענע און אַ פאַרגאַרטלטע און טרייבּט דיך מיט אַ מעסער אין האַנט ווי אַ נאַכט-גנב!

ה ו ר ד ו ס

גייט האַסטיק איבּערן צימער:

ווי אַ נאַכט-גנב... ווי אַן אומווערדיקן קנעכט...

ש ל ו מ י ת:

אויב זי זוכט דיין טויט...

ה ו ר ד ו ס

שטעלט זיך אָפּ. מיט ווייטאָג:

דו ביסט, ווי אַ בלוט-גיריקע חיה, שלומית!

ש ל ו מ י ת:

און שיקט דיר אונטערוואַרפן סם אין דיין עסן...

ה ו ר ד ו ס:

דו ווייסט עס ניט! קיינער ווייס ניט! קענסט ניט דערווייזן!

ש ל ו מ י ת:

כ׳קען. מען האָט געפונען דעם פאַרברעכער, וואָס האָט דיר דעם סם אונטערגעוואָרפן...

ה ו ר ד ו ס:

געפונען? דעם פאַרברעכער, זאָגסטו, געפונען?

ש ל ו מ י ת:

יאָ. דאָס איז מרימיס סריס...

ה ו ר ד ו ס:

שמאי!? מרימיס פאַרטרויטער סריס!?

ש ל ו מ י ת:

מען האָט אים געזען לעבן דער קיך... ס׳איז ער... איך האָב אים געהייסן ברענגען. פאָרש אים אויס... ער ווייס אַ פולע... ער וועט דיר אַלץ דערציילן...

הורדוס:

מרימס סריס... דו ביסט זיכער, שלומית? ניט קיין טעות?
שמאי! שמאי! זאָל ער אַריין... הייס אים גיכער אַריינפירן...

שלומית גייט שנעל צו דער טיר, באַפוילט. זעלנער פירן אַריין
שמאיען אין קייטן א פאַרפייניקטן. שוהם באַגלייט זיי. שמאי
פאַלט צו דער ערד.

הורדוס:

שטעל זיך און קוק מיר גלייך אין די אויגן. זאָל מיר דיין
צונג ניט פּלאָנטערן קיין ליגנס. דו ביסט דער קיניגינס
פאַרטרויטער קנעכט...

שמאי:

זינט איר קינדהייט איר היטער... אויף מיינע הענט אויס־
געטראָגן...

הורדוס:

ווייסט דער קיניגינס אַלע סודות...

שמאי:

די קיניגין האָט ניט קיין סודות, קיניג! די קיניגין האָט
ניט וואָס צו פאַרבאָרגן פונם קיניג.

הורדוס:

פאַרוואָס וויל זי מיך אומברענגען?

שמאי:

קיניג, ס'איז אַ בילבול, שונאים האָבן אויסגעטראַכט!...

הורדוס:

זי האָט דיך געשיקט אונטערוואַרפן מיר סם אין מיין עסן.

שמאי:

אַ בילבול! אַ בילבול!

הורדוס:

מיט וואָס וועסטו מיר דערווייזן, אַז ס'איז אַ בלבול?

שמאי:

דער קיניג קאָן מיך הייסן טויטן, — ס'איז אַ בילבול, די
קיניגין האָט דעם קיניג ליב.

שלומית לאַכט.

הורדוס:

ליב, זאָגסטו? דו ווייסט?

שמאי:

ווי גאָט איז וואָר! די גאַנצע וועלט איז פאַר דער קיניגין—
דער קיניג. אַלץ איז פאַר איר דער קיניג. זי האָט גאָר־
נישט אויסער דעם קיניג!

הורדוס:

זי? מרימי?

שמאי:

די קיניגין מרימי!

שלומית לאַכט.

הורדוס:

פאַרוואָס זשע האָט זי מיך מיט שנאה באַגעגנט אין אַלעק־
סאַנדראָן? שמאי שווייגט. פאַרוואָס האָט זי מיך געטריבן פון
זיך? זאָג! שמאי שווייגט. זי האָט שוין דאָרט געהאַט דעם
געדאַנק צו טויטן מיך? שמאי שווייגט. פאַרוואָס ענטפערסטו
ניט? איך פרעג דיך! ענטפער!

שלומית:

ער האָט ניט, וואָס...

הורדוס:

ענטפער, קנעכט! דו רייצסט מיך מיט האָפענונגען, טאָ
שווייג ניט. זאָלן ניט בלייבן קיין ספקות, קיין סודות.
ענטפער. אַלץ זאָג מיר, — וואָס דו ווייסט!

שלומית:

ער שווייגט!

ה ו ר ד ו ס

כאפט שמאיען פאר די אקסלען און טרייסלט אים:

רייד! פאַרוואָס האָט מיך מרימי געטריבן פון זיך, ווי אַן אומווערדיקן הונט? מרימי באוויזט זיך אין טיר. הורדוס זעט ניט. פאַרוואָס האָט דיר מרימי געהייסן אונטערוואַרפן סם אין מיין עסן?

מ ר י מ י

מאכט א טריט און שטרעקט שטרענג אויס די האנט:

הורדוס!! גייט צו שנעל. הורדוס לאזט דעם טריט אפ א צעמישטער. אַראָפּ די קייטן! תיכּף אַראָפּנעמען פון אים די קייטן! הורדוס שטייט א פארגליווערטער. איך הייס! איך, מרימי, באַפויל

ה ו ר ד ו ס

צו שוהמען ווילנלאז, הייזעריק:

גיי... הייס...

מ ר י מ י

גלעט שמאיען, בשעת שוהם גיט אפ א באפעל צו באפרייען שמאיען פון די קייטן:

אומגליקלעכער שמאי, וואָס מען האָט פון דיר געמאַכט! ווי מען האָט דיך פאַרפייניקט! אויך דיין טראָפּן בלוט פעלט נאָך אין די טייכן שוין פאַרגאָסן בלוט, וועלכע פלייצן אַריבער אונזערע קעפּ ביי דעם דאָזיקן אומגליקלעכן טראָן פון יהודה... צו הורדוסן. איך בין אַהער געגאַנגען בעטן, עס זאָל מיר דערלויבט זיין צו זעגענען זיך מיט מיינע קינדער, איידער מען רויבט זיי פון מיר אַוועק און מען פאַרשיקט זיי אין דער פרעמד. האָב איך דאָ געפונען מיין נאָענטסטן טריט אַ פאַרפייניקטן, און זיך אַליין אין אַ טויטזינד אַ באַשולדיקטע. הורדוס! וואָס פאַר אַ נעצן פון טויט וועבן זיך ווידער אַרום מיר און מיינע נאָענטע? הורדוס קוקט אויף איר שטאר, שווייגט. אַ סוף זאָל זיין צו די בלוטגיריקע פלענער פון דיין משפּחה! איך וויל ניט! גענוג!

הורדוס רירט זיך ניט. שווייגט. א שווערע שטילקייט, בשעת די מענטשן פארענדיקן אראפצונעמען די קייטן פון שמאיס הענט און לאזן זיך אוועקגיין צו דער טיר.

ש ל ו מ י ת

רייסט איבער די שטילקייט; שטרעקט די הענט צו הורדוסן:

קיניג! הייס זיי איצט די קייטן אָנטאָן אויף מיינע הענט.., מרימי די חשמונאית באַפוילט... הורדוס קוקט אויף איר און אויף מרימין א צעמישטער. דו באַפוילסט, קיניגין מרימי?

ה ו ר ד ו ס

ווענדט זי אפ אין א זייט:

לאָז... צו מרימין, הייזעריק, ניט זיכער. אָבער דו... דו האָסט אים, דעם טריס, ניט געהייסן אונטערוואַרפן דעם גיפט אין מיין עסן? דו האָסט מיך ניט געוואָלט סמען?

מ ר י מ י

לאכט:

אָרעמער הורדוס! דו דאַרפסט, איך זאָל נאָך אַליין קעגן זיך עדות זאָגן!

ה ו ר ד ו ס:

זינט איך בין געקומען פון אָקטאַוויאַנס לאַגער, האָסטו פאַר מיר גאָרנישט אויסער אָפענער שנאה... פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי פיינטלעך באַגעגנט אין אַלעקסאַנדראָן?..

מ ר י מ י

קארטשעט זיך צונויף, כּדי איינצוהאלטן זיך:

רייד ניט! איך וויל פאַרגעסן, אויסמעקן פון זיכּרון!..

ה ו ר ד ו ס:

אָבער דו האָסט שוין אין אַלעקסאַנדראָן געהאַט דעם גע־דאַנק מיך צו טויטן?

מ ר י מ י:

שווייג!.. איך זאָג דיר: דערמאָן ניט!..

ה ו ר ד ו ס:

דו האָסט שוין דאָרט געהאַט דעם סם גרייט פאַר מיר? צו שמאיען. זאָג דו, קנעכט! דו ווייסט. פאַרוואָס האָט מיך

די קיניגין אַזוי אויפגענומען אין אַלעקסאַנדראָן? שטום ניט! זאָג! וואָס איז געווען אין אַלעקסאַנדראָן?

שמאי:

גאָרנישט געווען אין אַלעקסאַנדראָן, גאָרנישט!

הורדוס:

דו לייגסט! דעם אמת זאָג!

מרימי

מיט פאַרביסנקייט:

מען פאָדערט פון דיר דעם אמת, שמאי! אפשר איז דאָס די לעצטע רגע פאַר דיין טויט — טאָ זאָג זיי דעם אמת. דו ווייסט אַלץ — דאָס גאַנצע לעבן מיינס, אַלע מיינע מחשבות אויפן וואָר, אַלע חלומות אין שלאָף. פאַרלייקן זשע גאָרנישט. רייד פאַר דיינע פרישע, פאַר מיינע אַלטע פייַנען. זאָג, וואָס איז געווען אין אַלעקסאַנדראָן!

שמאי:

אָך־אָך, אַ תּפיסה, אַ פינסטערע גרוב...

מרימי:

אַ געפאַנגענשאַפט. הונדערטער אויגן האָבן געלויערט אויף יעדן טריט אונזערן!

הורדוס:

ניט ריכטיק! שוהם! דו ווייסט. דאָס איז דאָך אַ ליגן! זי איז אין אַלעקסאַנדראָן געווען די קיניגין פון יהודה!

מרימי:

לייג דו אויך ניט, הורדוס! ווי לאַנג מיין נשמה איז אין מיין קערפּער, מוז איך זיין קיניגין פון יהודה. דאָס איז מיר ירושה פון מיינע עלטערן. ניט אָן דיין פאַרלאַנג, הורדוס, און ניט אָן דיין מאַכט איז עס געווענדט, די קיניגלעכע ווערדע פון מיר אַוועקצונעמען. אָבער די קיניגין פון יהודה איז אין אַלעקסאַנדראָן געזעסן אַ פאַרמשפּטע! זאָג, שמאי!

שמאי:

אָך־אָך, אַ פאַרמשפּטע...

הורדוס:

דו הערסט, שוהם? דו הערסט?

מרימי:

אַ רייטער, וואָס פלעגט אָנקלאַפּן אין דער טויער פון דער פעסטונג, איז פאַר מיר געווען, ווי אַ שליח פון טויט. יעדער קול, וואָס האָט זיך ביידערנאַכט דורכגעטראָגן איבערן הויף פון דער פעסטונג, האָט אין מיינע אויערן געקלונגען, ווי אַ האַמער, וועלכער בויט אַ תּליה. איך האָב מורא געהאַט מיין געלעגער צו באַשטייגן, טאָמער וועט מען מיך ביז טאָג אַוועקפירן צום שלאַכטן...

הורדוס:

דו רעדסט שרעקלעכע רייד, מרימי! וואָס רעדסטו? קנעכט, זאָג, וואָס רעדט זי? שוהם, וואָס רעדט זי?!

שוהם

גייט צו, בוקט זיך פאַר הורדוסן ביז דער ערד:

קיניג! זאָל מיר דערלויבט זיין אַ וואָרט צו זאָגן. איך בין שולדיק... אין אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדראָן בין איך שולדיק. איך האָב די קיניגין אויפגערייצט קעגן דעם קיניג, איך... הייס מיך איבערגעבן צום תּליון..

מרימי און שמאי שטייען פאַרציטערטע. שלומית רוקט זיך צו, ווי אַ חיה, וואָס האָט עפּעס דערשמעקט.

הורדוס

קוקט אויף אַלעמען איבערראַשט:

דו? דו? ביסט משוגע, שוהם?

שוהם:

איך האָב דער קיניגין באַוויזן דיין געהיימען באַפעל...

הורדוס:

אומגליקלעכער! וואָס רעדסטו! וואָס פאַר אַ באַפעל!?

ש ו ה ם:

יאָ... צו טויטן די קיניגין... אין פאַל פון דעם קיניגס טויט ביי די רוימער...

ש ל ו מ י ת:

פאַרראַט!..

ה ו ר ד ו ס:

דו... דו, שוהם, האָסט מיך אַרויסגעגעבן? דו האָסט מיין סוד אַנטפּלעקט?..

ש ל ו מ י ת:

פאַרראַט!

ה ו ר ד ו ס:

שוהם מיין געטרייסטער פריינד — אַ פאַררעטער! שוהם מיין פאַרטרויטסטער פריינד — אַ פאַררעטער! מרימי! מרימי! מיט וואָס האָסטו געניגט מיין בעסטן פריינד, ער זאָל פאַר דיר מיינע סודות אַנטפּלעקן? מיט וואָס האָסטו אים געצוואונגען צום שענדלעכן פאַרראַט? שוהם! מיט וואַסער כּישוף האָט זי ביי דיר דיין געוויסן פאַרשלעפּערט?

ש ל ו מ י ת:

האַ־האַ־האַ! לאַכט אַלע, ווער עס קאָן לאַכן! דער אומשולדיקער הורדוס ווייס ניט, מיט וואָס אַ פרוי קויפט אָפּ דעם געוויסן פון אַ מאַנסביל!

ה ו ר ד ו ס

צאַפּלט אויף:

שלומית!

ש ל ו מ י ת:

דער צויבער פון מרימיס שיינער קערפּער איז שטאַרקער פאַר הורדוסעס פריינדשאַפט! דו אַליין קענסט קעגן אים ניט ביישטיין!

מ ר י מ י

לאָזט זיך אָן כּוח אַראָפּ אויף אַ שטול:

ניין, זי איז שטאַרקער... אַזאַ גיפט האָב איך ניט...

ה ו ר ד ו ס:

אָבער דו האָסט מיך פאַרראַטן, מרימי? דו ביסט מיר פאַלש געווען? — — זאָג דו, קנעכט! דיין האַרין האָט מיך פאַרראַטן מיט שוהמען? דו האָסט זיי געהאָלפן אין זייער פאַרברעכן? זאָג!

ש ו ה ם:

קיניג! די קיניגין האָט געליטן... אַרומגערינגלט מיט אומצוטרוי, מיט פינסטערער שטרענגקייט..! איך האָב איר געוואָלט דערווייזן, ווי גרויס דיין ליבשאַפט איז צו איר! זי איז אומשולדיק! זי איז דיר געטריי!

ש ל ו מ י ת:

פאַררעטער!

ש ו ה ם:

זי האָט דיך ליב! איך אַליין בין דער שולדיקער! איך האָב ניט אויסגערעכנט, אַז דיין באַפעל וועט אַזוי באַליידיקן איר נשמה..

ה ו ר ד ו ס:

דיך וועל איך אַלצאַיינס טויטן, שוהם! אַלצאַיינס... צו שמאַיען. זאָג דו, דו ווייסט. אָן דיין הילף האָט גאָרנישט געקאָנט געטאָן ווערן. רייד.

ש מ א י:

די קיניגין איז ריין פאַרן קיניג! זי האָט שוהמען געגלויבט. דער געהיימער באַפעל האָט אָנגעצונדן אין דער קיניגין ניי גלויבן אין דיין ליבשאַפט צו איר, אויסגעלאָשן דעם לעצטן ווילן צו ראַטעווען זיך פון די פיינען. מיר זיינען שוין פון אַלעקסאַנדראָן ניט געלאָפן...

הורדוס:

ניט געלאָפן!! אַנטלויפן אויך געוואָלט! צו מיינע שונאים?
— — — אוי, מרימי! איך וואָלט וועלן, דו זאָלסט האָבן
צען קעפּ, איך זאָל זיי דיר קענען איינציקווייז אָפּהאַקן!

מרימי

שפּרינגט אויף א צעקאָכטע:

הור—דוס! רעזיגנירט תּיכּף. איר פּנים ווערט דערשראָקן, זי לאָזט זיך איינגאַנצן אַראָפּ. הייבט אָן קלאַמערן זיך אין הורדוסן. מיט אומבאַהאָלפנקייט. הורדוס... הורדוס... הורדוס...

הורדוס

שטויסט זי פון זיך אָפּ מיט גראָבקייט:

מיט צען יאָר צוריק ווי ביסטו מיט אַ הינטישן טויט ניט געשטאָרבן!

מרימי

דערשראָקן, צונויפגעקאָרטשעט, ביסלעכווייז גלייכט זי זיך אויס, ווערט ליכטיקער, און באַלד—באַגייסטערט, מיט הענט צונויפגעלייגט ווי צו תּפילה):

ס'איז דאָך גוט... גוט...

הורדוס:

מיט וואָס זאָל איך דעם פייער פון מיין צאָרן לעשן!

מרימי:

ס'איז דאָך דערלייזונג — טויט...

הורדוס:

האַ־האַ־האַ! די איידעלע פּרינצעסין פון חשמונאיס הויז, די שיינע מרימי, די טאָכטער און די אייניקל פון מלכים און כוהנים, די מוטער פון דער נייער קיניגלעכער משפּחה אין יהודה — אַ זונה!

מרימי:

אַזוי גוט פריי צו זיין פון סודות... פון אַלץ, וואָס ליגט ווי אַ שטיין אויף דער נשמה... איצט פרעג מיך, הורדוס, איך וועל פאַר דיר אַלע סודות אַנטפּלעקן, מיין גאַנצע נשמה עפענען.

הורדוס:

מיט וואָסער אומווערדיקער פּרייז האָסטו שוהמען געצאָלט פאַר זיין פאַלשקייט? און וואָס פאַר אַ נעץ פון שענדלעכע פאַרברעכנס האָסטו זיין נשמה געפאַנגען?

מרימי:

אָט דאָס אַרט דיך, נאַרישער הורדוס! איך האָב ערגערע זינד געזינדיקט! איך האָב דיך געוואָלט סמען. כ'האָב געזוכט מיטלען ווי צו מאַכן פאַרשווערונגען קעגן דיר! כ'האָב געוואָלט צו דיינע שונאים לויפן! כ'האָב דיין טויט געזוכט! כ'האָב אַלע זינד געזינדיקט! אַלע פאַרברעכנס געטאָן!

תורדוס:

דו לייגסט! זאָג, אַז ס'איז אַ ליגן, וואָס דו רעדסט! שוהם! זאָג דו! זי איז מיר געווען געטריי! איר האָט מיך ניט פאַרראַטן, מיין כּבוד ניט פאַרשוועכט!

שוהם:

די קיניגין מאַכט אויף זיך אַ בילבול, קיניג! זי איז דיר געטריי, ווי זי איז דיר געווען כּלהוויז געטריי. זי האָט דיך ליב, ווי זי האָט דיך כּלהוויז ליב געהאַט!

הורדוס:

דו הערסט, שלומית? דו הערסט?

שלומית לאַכט.

שוהם

פאַלט אויף די קני:

קיניג! צעשטער ניט דיין גליק! צעשטער ניט דאָס גליק פון דיין הויז! ליב די קיניגין אָן חשד, ליב זי מיט פרייד, מיטן גאַנצן האַרצן! דו קענסט דער גליקלעכסטער מאַן אויף דער וועלט זיין! דער גליקלעכסטער קיניג—אויף דער וועלט. און דיין פאָלק וועט דאָס גליקלעכסטע פאָלק אויף דער וועלט זיין! קיניג! עס קאָנען פרידן און פריידן הערשן אין קיניגלעכן פּאַלאַץ, אין גאַנצן לאַנד!

שלומית לאַכט.

הורדוס

שטופט אים אפ:

ניין... איך גלויב דיר ניט. דו ביסט אַ פאַררעטער! זאָג דו, קנעכט!

שמאי:

די קיניגין איז ריין, ווי אַ מלאך!

הורדוס:

זאָג אַנדערש, שווער זיך!

שמאי:

ווי דער טאָג איז וואָר! ווי גאָט איז וואָר!

שלומית לאַכט.

הורדוס:

דו לייגסט, נידערטרעכטיקער מענטש! מיט מופתים באַווייז! מאַך, איך זאָל דיר גלויבן, איבערצייג מיך! איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויסן שר. אָדער... איך וועל אײַך אַלעמען צום קרייצבוים אַוועקשיקן? *מיט אויפגעהויבענע פויסטן.* זאָג!

שמאי

קוקט אויף אים בייז, שווייגט אַ ווײַלע, נאָכדעם:

איך האָב מער ניט, וואָס צו זאָגן. דיין האַרץ איז אָפן נאָר פאַר שלעכטס. דו ביסט בלינד פאַר געהויבנקייט. דו פילסט ניט די ריינקייט פון אַ נשמה, דו באַגרייפסט ניט קיין גוטס. דו...

הורדוס:

גענוג!.

שמאי:

אויף רציחות און אויף עוולות שטייט דיין טראָן... אויף טייכן בלוט! דו ביסט אַ טיראַן!..

הורדוס

ציטערט פון צערייצטקייט, הייזעריק:

נעמט זיי אַוועק! *הייזט אויף מרימין.* זי — אויך, אַלעמען...

גלייכט זיך אויס. ווי אַ שווערע לאַסט אויף מיינע פליגלען הענגט זי. אָבער איך וועל מיך באַפרייען. איצט וועל איך מיך שוין באַפרייען. *גייט שנעל אַרויס.*

שוהם

קיניגין! פאַרגיב מיר... איך האָב געוואָלט מיין לעבן אָפּגעבן פאַר דעם קיניגלעכן הויז... אומזיסט... וויי, פאַרוואָס האָב איך דיר געשטערט צו אַנטלויפן?.. פאַרוואָס?..

מרימי:

איך וואָלט סיי ווי ניט געלאָפן, שוהם. איך קען מוחל זיין, אָדער שטאַרבן... ניט קעמפן... באַרויִק דיך, שוהם.

זעלנער פירן אַלעמען דריינען אַרויס. שלומית גייט נאָך ביז דער טיר, דאַן קערט זי זיך אום צו אַנטיפּאַטערס ביוסט.

שלומית:

פאָטער! אויב דו ביסט אַוועק פון דער וועלט, איידער דו האָסט פאַרענדיקט דעם בנין פון דיין שטאַם, וועל איך ניט רוען, ביז איך וועל אים צו אַ סוף דערפירן! איך וועל מיט די חשמונאים קיינמאָל ניט שלום מאַכן!

דריטע בילד

א תפיסה מיט געוועלבן. פון א קליין פענסטערל אינדערהויך פאלט א גארב לבנה־שיין אריין אין דער טונקלקייט פונעם צי־מער. מרימי זיצט אויף דער שטיינערנער באנק לעבן וואנט, א פארטרוימטע, מיט באגייסטערטן בליק קוקנדיק אנטקעגן זיך.

מרימי

האלבזינגענדיק:

דערוואך, צפון־ווינט!
קום, דרום־ווינט!
באווייע מיין גאָרטן.
זאָל ער פליסן מיט דופטן;
מיין ליבער זאָל קומען
געניסן זיינע פרוכטן!

שלעסער קלינגען. די טיר עפנט זיך. דער שומר פון דער תפיסה טראגט אריין און שטעלט אוועק א קרוג מיט וואסער. בלייבט שטיין, קוקנדיק אויף מרימין.

מרימי:

דו ווילסט מיר עפעס זאָגן, ליבער מענטש?

שומר:

האָרין קיניגין!

מרימי:

איך הער. וואָס פארלאַנגסטו?

זעלנער:

א שלעכטע נאַכט היינט...

מרימי:

ניט קיין שלעכטע, ליבער מענטש, מיט לבנה־שיין באלויכטן,
מיט שטילע ווינטן באווייעט...

שומר:

אין שטאָט איז ניט רויק. ירושלים רודערט...

מרימי:

זאָל אויף איר אַראָפּנידערן א גייסט פון בארויקונג.

שומר:

דאָס פאָלק פארלאַנגט, די קיניגין זאָל באפרייט ווערן.

מ ר י מ י:
דאָס פאָלק טאָר ניט פאַרלאַנגען פון קיניג. זאָל דער קיניג
טאָן, ווי אים איז וואוילגעפעלן.

ש ו מ ר
נאָך אַ קורצער פויזע:
מיר איז אַ רחמנות אויף דער קיניגין...

מ ר י מ י:
געבענטשט זיי פאַר דיינע גוטע רייד, ליבער מענטש.

ש ו מ ר:
די קיניגין איז גאָרניט ענלעך מיט איר אויסזען צו די
טעכטער פון איר פאָלק. דאָ זיינען אַלע מיט פאַרברוינטע
געזיכטער, מיט האָר, ווי שוואַרצע סמאָלע; און די קיניגין
איז אַ ווייסע, ווי אונזער צפון־שניי, אירע האָר זיינען ווי
שוואַרצגליענדיק גאָלד. איך קוק אויף דער קיניגין, דער־
מאָן איך מיך אָן מיינע שוועסטער פון צפון־לאַנד, אָן מיין
גאָלדהאָריקער ווייב, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אינדער־
היים.

מ ר י מ י
מיט הארציקייט:
פאַרוואָס זשע האָסטו פאַרלאָזן דיינע שוועסטער, דיין גאָלד־
האָריקע ווייב? דו בענקסט נאָך זיי?

ש ו מ ר:
איך זע זיי אָפט אין חלום — אויף די לאָנקעס צווישן אונ־
זערע וועלדער. אונזערע פרויען זיינען ניט איינגעשפּאַרט
אין די הייזער, ווי דאָ ביי אייך, ניט קיין שוואַכע און
אויסגעצערטלטע. זיי רייטן אויף אָקסן, וואַרפן שפּיזן,
שיסן פון בויגן. זיי קענען פאַרטיידיקן זייער לעבן...

מ ר י מ י:
לידער קענען זיי זינגען? ביי אייך זיינען פאַראַן וויינ־

גערטנער, ווו עס קלייבן זיך צונויף די יונגפרויען און די
בחורים צו טאַנצן די טענץ פון צוויי מחנות?

ש ו מ ר:
מיר האָבן אונזערע לידער און אונזערע טענץ, קיניגין. דאָס
האַרץ פרייט זיך פון זיי... — — קיניגין, אַנטלויף פון דער
תפיסה!..

מ ר י מ י:
וואָס רעדסטו! מען טאָר ניט!

ש ו מ ר:
די קיניגין דאַרף אַנטלויפן... אַנטלויף צו אונז אין די וועל־
דער פון צפון. איך וועל העלפן...

מ ר י מ י:
שווייג בעסער, אומגליקלעכער מענטש. דער קיניג וועט
זיך דערוויסן, וואָס דו רעדסט, וועט ניט גוט זיין פאַר דיר.

ש ו מ ר:
אָ! דער קיניג וועט זיך גוט באַדאַכטן, איידער ער וועט
לאָזן שטראָפן אַ אונזעריקן, אַ קריגס־געדונגענעם. גיכער
וועט ער לאָזן קעפן צוויי מיטגלידער פון דער קיניגלעכער
משפחה, איידער אָנרירן איינעם פון אונז... — — — קיניגין
מ׳וועט דיך אַזאַ צאַרטע, אַזאַ שטילע אַוועקשטעלן אונטערן
געווער... מרימי קערט זיך פון אים אָפּ. ער גייט נאָך. דער קיניג
וועט דיך טויטן, אויב דו וועסט ניט אַנטלויפן. איך גיי
מיט דיר צוזאַמען, אויב דו ווילסט. איך וועל דיך ברענגען
אין מיין לאַנד. אונזערער אַ פירשט וועט דיך נעמען צו
זיך אין געצעלט...

מ ר י מ י:
שווייג. איך וויל ניט הערן.

ש ו מ ר:
איך קען דיך איבערגעבן צו דיינע פריינד. זיי וועלן דיך
פאַרבאָרגן אין אַ זיכערן אָרט.

מרימי:

ניין, רייד ניט.

שומר:

דאָס פאָלק איז אויפגערעגט... המונים קלייבן זיך ביי די טויערן, אויף די מערק... איך האָב שוין אַן ערפאַרן אויג. איך זע: די מרידה הייבט זיך אָן... דער ערשטער קרבן וועט פאַלן די קיניגין. אַנטלויף, כל־זמן עס איז נאָך דאָ צייט. נאָכדעם וועט שוין אפשר צו שפּעט זיין...

מרימי

מיט געבעט:

ליבער מענטש, אויב דו ווילסט מיר גוטס טאָן, גיי אַרויס צום פאָלק און זאָג אים, אַז איך, מרימי די חשמונאית, בעט מען זאָל זיך באַרויִקן! זאָל דאָס פאָלק שוינען דאָס בלוט פון זיינע פאָטערס און זין...

שומר:

האַרין קיניגין...

מרימי:

טו מיר דעם חסד, ליבער פריינד. גיי זאָג: מרימי די חשמונאית וויל ניט קיין אויפשטאַנד!

שומר

אין פארצווייפלונג:

אַז איך בין אַ פשוטער קריגער! כ'קען ניט ריידן גענוג שיין, אַז מיינע רייד זאָלן אַריינדרינגען אין דיין האַרצן. אָבער פאָלג מיר: אַנטלויף! אָט עפן איך פאַר דיר פריי די טירן! עפנט. — — אפשר געטרויסטו מיר ניט? — טאָ נאַ דיר מיין געווער! דערלאנגט איר זיין געווער. טויט מיך אויפן אָרט, אויב איך וויל דיך נאַרן!

מרימי:

ניין. גיי טו דיין חוב צו דיין קיניג.

שומר:

וואָס איז מיר דער קיניג! ווער עס צאָלט מיר, יענער איז מיין קיניג. ווער עס האָט מיין פריינדשאַפט געוואונען, יענעם בין איך געטריי. איך בין אַ פרייער זון פון מיין צפון־לאַנד... וואַרט... עפעס אַ גערודער אין הויף... לויפט ארויס, פארמאכנדיק די טיר.

מרימי שטייט א ווייֵלע צעמישט. נאָכדעם זעצט זי זיך צוריק אויף דער באנק. ביסלעכווייז ווערט איר געזיכט אויסגעלייטערט און ווידער באגייסטערט.

מרימי

זאלבזינגענדיק:

דערוואַך, צפון־ווינט!
קום, דרום־ווינט!
באַווייע מיין גאָרטן!
זאָל ער פליסן מיט דופטן;
מיין ליבער זאָל קומען
געניסן זיינע פרוכטן!

די שלעסער קלינגען. די טיר עפנט זיך. אלעקסאנדרע ווערט אריינגעלאזן.

אלעקסאַנדרע:

מרימי! טאָכטער· מיינע!

מרימי

בלייבנדיק זיצן, מיט א באוועגונג פארויס:

מוטער!

אַלעקסאַנדרע:

אין וואָס פאַר אַן אָרט, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך זע דיך!

מרימי:

אַזוי גוט, וואָס הורדוס האָט דיך צו מיר צוגעלאָזן...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ניט צוגעלאָזן, איך האָב די וואַך אונטערגעקויפט.

מ ר י מ י

לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ מיט אנטטוישונג, איז זיך תיכף גובר:

איך האָב געמיינט, איך וועל דיך שוין מער ניט זען.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ניין, ניין טאָכטער! מיר וועלן זיך נאָך זען. דו וועסט לעבן. דער פסק־דין וועט ניט אויסגעפירט ווערן.

מ ר י מ י

מיט פרייד:

הורדוס האָט מבטל געמאַכט דעם פסק?!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ניין. אָבער צו גאָרנישט וועלן ווערן די מחשבות פון דעם פאַרפלוכטן אדומי.

מ ר י מ י

שטעלט זיך צו דער וואנט, הוי צו באַשיצן זיך:

שעלט ניט, מוטער!..

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

פאַרשאָלטן זאָל ער זיין, פאַרשאָלטן!

מ ר י מ י

ווי בעטנדיק זיך:

געבענטשט, מוטער, געבענטשט... ער האָט מיר געגעבן פריידן... ער האָט מיר געשענקט גליק...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ער האָט דיך פאַרמשפּט צום טויט!

מ ר י מ י:

טויט איז גוט. טויט איז באַפרייונג. טויט איז דערלייזונג.. איך בין צופרידן, וואָס דער טויט קומט צו מיר.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

אָבער דו וועסט לעבן, דו וועסט לעבן, טאָכטער! מוטיק דיך. הורדוסעס האַנט וועט דיך ניט דערגרייכן...

מ ר י מ י:

דאַרפסט מיך ניט טרייסטן, מוטער, ניט וועקן קיין מוט אין מיין האַרצן. איך האָב קיין מורא ניט. איך וועל דעם טויט באַגעגענען אַזוי מוטיק, ווי אַלע חשמונאים.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ניט קיין פוסטע טרייסט־ווערטער רייד איך צו דיר, מרימי. אונזערע פריינד שווייגן ניט. זיי וועקן אין די המונים פון פאָלק אומצופרידנקייט. די אויפרעגונג אין פאָלק איז אויס־געוואַקסן. די פאַרביטערטקייט איז גרויס. המונים קלייבן זיך אויף די גאַסן... די מרידה איז שוין צייטיק. אפשר היינט וועט זי נאָך אויסברעכן... היינט...

מ ר י מ י:

מוטער! זאָג דעם פאָלק, מען זאָל זיך ניט קלייבן! זאָל דאָס פאָלק אומזיסט זיין בלוט ניט פאַרגיסן!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

דאָס בלוט פון דער חשמונאית איז טייערער! דו ביסט די האָפענונג פון פאָלק. פון אונדז אַלעמען. זאָל אין טייכן בלוט דערטרונקען ווערן די ממשלה פון דעם אדומי! דער נצחון פון די חשמונאים מוז קומען! און דו וועסט זיין די הער־שערין איבערן לאַנד, אַ מוטער צו דיינע קינדער!

מ ר י מ י

לעבט אויף:

מוטער! גייט צו מיט אַ צעשמייכלטן פּנים. דו האָסט געזען מיינע קינדער? זיי זיינען געזונט? פריילעך? זיי איז גוט? ווי לעבן זיי? וואָס טראַכטן זיי וועגן מיר? זיי בענקען נאָך מיר? דערצייל מיר, וואָס ווייסטו וועגן זיי?

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

לעבעדיקע יתומים, אָן אַ מוטער, מיט אַ רשע אַ פאָטער...

מ ר י מ י

קערט זיך אָפּ פון איר:

דו ביסט פאַר מיר ווי אַ כלי, אַ פולע מיט ביטערניש... וואָס דו זאָגסט מיר, איז אָנגעזאַפּט מיט גאַל און פיין...

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

אַנדערש האָב איך פאַר דיר ניט, ביז מיר וועלן דערגרייכן צום נצחון.

מ ר י מ י

שאָקלט מיטן קאָפּ:

דאָס וועט שוין קיינמאָל ניט זיין. די חשמונאים קענען שוין מער גאָרנישט. אויסגעלעבט זייער קראַפט.

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

מרימי! די פאַרצווייפלונג האָט דיך אין תפיסה באַהערשט. די חשמונאים וועלן מנצח זיין! וועגן דעם זאָלסטו טראַכטן, דערצו יאָלסטו מיט דיין נשמה שטרעבן און פון דער תפיסה אונז העלפן. מיר דאַרפן דיין הילף, מרימי! דאָס בין איך אַהער געקומען דיר זאָגן.

מ ר י מ י:

ניין, איך קאָן גאָרנישט העלפן.

א ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

דו קאָנסט! דו האָסט אויך איצט אין דער תפיסה איבער הורדוסן אַזאַ שליטה, ווי פריער אויף דער פרייהייט. ער קומט צו דיר אַהער אַלע טאָג. ער וועט אויך באַלד קומען. איך ווייס. האַלט אין אים איין די וואַקלעניש פון זיין גייסט, פאַרהאַלט אים... ביז די וואָך אין הויף וועט זיך בייטן, לאָז אים ניט אָפּ... אין דער נייער וואָך האָבן מיר אונזערע מענטשן, צו די חשמונאים איבערגעגעבענע פריינד...

זאָל אים, דעם רוצח, אויף זיין צוריקקער פון דער תפיסה דער שאַרף פון זייער שווערד באַגעגענען...

מ ר י מ י:

איך וויל ניט! מוטער! איך וויל ניט!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

נאַריש קינד! ס'איז גוט אַזוי! דאָס וועט זיין דער צייכן צום אויפשטאַנד אין גאַנצן לאַנד! ביז דער פרימאָרגן וועט קומען, וועט דער רשע ליגן אַ טויטער פגר, זיין ממשלה— אויס... און די מרידה — געוואונען...

מ ר י מ י:

ניין. הורדוס וועט לעבן. הורדוס דאַרף לעבן!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

ער דאַרף שטאַרבן! ער מוז! און אַ סוף צו דער ממשלה פון שלעכטס... אַ סוף! און דו וועסט זיין באַפרייט, מיר אַלע, דאָס גאַנצע לאַנד—באַפרייט און דערפרייט!

מ ר י מ י

שאָקלט מיטן קאָפּ:

ניין...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

יאָ, מרימי, יאָ! אַלץ וועט זיך פרייען און לאַכן ווי אַמאָל. דער קיניגלעכער פאַלאַץ אין ירושלים און גאָר דאָס לאַנד יהודה וועלן ווידער פול ווערן מיט יונגקייט און מיט ליבע. יונגפרויען און בחורים וועלן טאַנצן אין די גערטנער. לידער וועלן קלינגען פון לבנון ביז די גרענעצן פון ערב, פון ים־הגדול ביז די גרענעצן פון סוריא. אַ נייער הימל וועט זיך אויסשפרייטן איבער אונז. און דו וועסט אין אים שיינען מיט באַנייטן גלאַנץ! נעמט מרימין ארום, דריקט צו זיך. טאָכטער מיינע! אַ ניי לעבן, נייע גדולה!

שומר

באַווייזט זיך אין טיר:

קיניגין־מוטער! דער קיניג איז שוין פון זיינע צימערן אַרויס...

אַלעקסאַנדרע:

שוין, איידעלער קריגער! איך גיי שוין. געדענק זשע, מרימי: פאַרוועב אים אין אַ נעץ פון כישוף — ניט אַרויסלאָזן, ביז די וואַך וועט זיך בייטן. *קושט זי, לאָזט זיך גיין. קערט זיך אום מיטן פנים צו מרימין.* געדענק! און זיי מוטיק! אונזער נצחון איז נאָענט...

מרימי:

אַך, מוטער! דו נעמסט ביי מיר אַוועק מיין רויִקייט... איך וויל ניט קיין נצחון... איך וויל שיינקייט, דערהויבנקייט אין די לעצטע רגעס פון מיין לעבן...

אַלעקסאַנדרע:

רייד ניט... טו, ווי איך האָב דיך געלערנט! *גייט שנעל אַרויס, באַגלייט פונם שומר.*

מרימי בלייבט שטיין אַ באַטריבטע. דער שומר קערט זיך אום.

שומר:

קיניגין! פאַרוואָס ביסטו ניט אַוועק מיט דער קיניגין־מוטער? פאַרוואָס האָט די קיניגין־מוטער דיך ניט מיטגענומען מיט זיך? די מרידה הייבט זיך אָן אין שטאָט. ראַטעווע זיך, איידער דער קיניג איז נאָך אַהער געקומען.

מרימי:

ליבער מענטש! דו ביסט צו מיר אַזוי פריינדלעך. טו מיר אַזאַ חסד, איך וועל דיר אייביק ניט פאַרגעסן! גיי, זאָג דעם קיניג, ער זאָל זיך אומקערן אין זיינע צימערן! איך וויל ניט, ער זאָל קומען אַהער!

שומר:

טראַכט ניט וועגן קיניג, קיניגין! אַנטלויף, שוין!

מרימי:

איך וועל בעטן דעם קיניג פאַר דיר. ער וועט דיך רייך מאַכן, ער וועט דיר אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד! גיי, זאָג אים, ער זאָל היינט ניט קומען. ער דאַרף היינט ביי מיר ניט זיין!

שומר

האָרכט זיך צו צום דרויסן:

ער איז שוין דאָ!... פאַרפאַלן... *לויפט אַרויס.*

מרימי בלייבט אַ צערודערטע, קוקט מיט שטאַרע אויגן צו דער טיר. הורדוס קומט אַריין.

הורדוס

קוקט אַ רגע:

מרימי!

מרימי:

צו וואָס ביסטו געקומען אַהער? גיי צוריק!

הורדוס:

מרימי! איך בין געקומען זעגענען זיך מיט דיר...

מרימי:

אַ, זעגענען זיך... גוט. *גייט צו, טוט אים שנעל אַ קוש.* פאָר מיט גליק... איצט גיי.

הורדוס:

דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן, אין דער רגע?

מרימי:

מער האָב איך ניט. אַלץ. *הורדוס שטייט.* וואָס זשע וואַרטסטו נאָך? מיר האָבן זיך שוין געזעגנט, קאָנסט שוין גיין. *הורדוס רירט זיך ניט פון אָרט. מרימי אויפגערעגט.* גיי אַוועק צו זיך, אין דיינע צימערן, זאָג איך דיר! פאַרוואָס גייסטו ניט?

הורדוס:

דו טרייבסט מיך, מרימי?

מ ר י מ י:

יאָ. איך וויל דיך ניט זען. היינט וויל איך דיך ניט. היינט לאָז מיך.

ה ו ר ד ו ס:

דעם לעצטן מאָל זעען מיר זיך... היינט ווערט דער פסק אויסגעפירט...

מ ר י מ י

טוט זיך א צאפּל:

היינט... היינט...

ה ו ר ד ו ס:

דאָס פאָלק בונטעוועט זיך. המונים ווידערשפּעניקע קלייבן זיך אויף די גאַסן ביי די טויערן פון ירושלים... זיי פאָדערן, איך זאָל דיך באַפרייען...

מ ר י מ י

מיט קראַפט:

גוט! הייס אויספירן דעם פסק. תיכּף. לייג ניט אָפּ. און זאָג אָן אין די גאַסן פון ירושלים: זאָל מען זיך שוין באַרויִקן. איך בין שוין ניטאָ. מרימי די חשמונאית איז שוין ניטאָ... ניטאָ מיך, הורדוס! ניטאָ קיין חובות אויפן געוויסן, קיין קאַמף אין דער נשמה. אַלץ, אַלץ פאַרגעבן... דערלייזט! כאַפּט זיך. דו שטייסט נאָך אַלץ דאָ, הורדוס? דו גייסט ניט? גיי אַוועק, גיכער! ס׳וועט זיין שפּעט! די צייט איז קורץ. גיכער!

ה ו ר ד ו ס:

דו ווילסט בעסער גיכער דעם טויט, איידער זען מיך לעבן דיר — אַזוי פיינט האָסטו מיך, מרימי?

מ ר י מ י:

איך האָב דיך פיינט... פאַרלאָז מיך... איך וויל בלייבן אַליין...

ה ו ר ד ו ס:

דיר איז לייכט צו בלייבן אַליין, מרימי. דו ווילסט שטאַרבן. און איך האָב מורא. אַ שוואַרצע אימה נידערט אויף מיר אַראָפּ, ווען איך בלייב אַליין...

מ ר י מ י

פאַרצווייפלט:

וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן... ער גייט ניט אַוועק... הורדוס! טו מיר דעם לעצטן חסד, איידער מיר שיידן זיך אויף אייביק: גיי אַוועק! ס׳וועט זיין שפּעט! ווי מיר... די וואַך וועט זיך באַלד בייטן!...

ה ו ר ד ו ס

הערט זיך צו: פון הויף דערטראָגן זיך ווייטע אויסרופן, ריטמישע טריט, אַ קלאַנג פון מעטאַל:

די וואַך האָט זיך שוין געביטן...

מ ר י מ י

דערציטערט:

געביטן... קוקט אויף אים שטאַר דערשראָקן.

ה ו ר ד ו ס:

גיי איך, מרימי... לאָזט זיך גיין צו דער טיר. קענסט עפּעס פון מיר פאַרלאַנגען, מרימי...

מ ר י מ י:

דו גייסט? טוט זיך אַ ריס פון אָרט אַ צערודערטע. ניין, ניט גיי. זאָלסט זיך ניט דערוועגן! דאָ בלייב... דאָ!

ה ו ר ד ו ס:

דו טרייבסט מיך ניט? ווילסטו ניט, איך זאָל אַוועק?

מ ר י מ י

קלאַמערט זיך אין אים:

ניין. איך וויל ניט, דו זאָלסט אַוועקגיין! דו זאָלסט מיך ניט פאַרלאָזן! איצט זאָלסטו מיך ניט לאָזן אַליין. פאַרבלייב!

הורדוס:

דו האָסט מיך ליב?

מרימי:

איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך ליב... גיי ניט!

הורדוס

קוקט איר אין די אויגן:

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דו האָסט מיך טאַקע ליב... ווען איך וואָלט געקענט זיכער זיין אין דיין ליבשאַפט צו מיר, ווי אין מיין ליבשאַפט צו דיר!... אַז קיין חשדים זאָלן ניט פייניקן מיין אויסגעמאַטערטן דמיון...

מרימי:

איך האָב דיך ליב... זעץ זיך מיט מיר... דו זאָלסט מיך ביז דער לעצטער רגע ניט פאַרלאָזן... איך זאָל דיך ביז דער לעצטער רגע האָבן לעבן זיך... איך וועל דיך ניט אַוועקלאָזן, הורדוס... ביז דער טאָג וועט ליכטיק ווערן... ביז מענטשן וועלן קומען... דיינע געטרייע מענטשן... דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזן, הורדוס?

הורדוס:

ניין... זעצן זיך ביידע.

מרימי

מיט דערלייכטערונג:

אַך... גוט אַזוי... באַרויִקט זיך ביסלעכווייז. נאָך אַ לענגערער פויזע.

דערצייל מיר... זאָג עפּעס. רייד.

הורדוס:

דאָס לעצטע מאָל זיץ איך מיט דיר צוזאַמען, מרימי.

מרימי:

זיי שטאַרק אין גייסט, ווי איך, הורדוס.

הורדוס:

ביז היינט, אַז די בענקשאַפט פלעגט אָנפילן מיין האַרצן,

בין איך געגאַנגען צו דיר אין דער תפיסה, זען דיך, קוקן אין דיינע אויגן. און ס'פלעגט מיר ווערן לייכטער. כ'האָב ביי דיר גענומען מוט ביז אַ צווייטן טאָג, ווען אַ נייע בענק־שאַפט האָט זיך אין מיין האַרצן געצונדן... וווהין וועל איך מאָרגן קומען שטילן מיין בענקשאַפט?

מרימי:

צו מיין קבר... מוטיק זיך, הורדוס...

הורדוס:

צו דער קאַלטער ערד...

מרימי:

דו וועסט לאָזן איבער איר אויפשטעלן אַ מאַוזאָליי.

הורדוס:

וואָס פאַר אַ טרייסט איז דאָס, מרימי?

מרימי:

וועסט אים באַפּוצן מיט בלומען, מיט טאָקעריי פון העל־פאַנדביין, מיט אויסהאַקונג פון מירמלשטיין...

הורדוס:

טויטער ביין... קאַלטער שטיין... ווי וועלן זיי מיר שטילן מיינע אַנגסטן?.. — מרימי, זאָג, וואָס וועט זיין מאָרגן?

מרימי

גלעט אים די האָר מיט רחמנות:

אָרעמער הורדוס... דו וועסט זיצן פאַר מיין קבר און אויס־דערציילן אַלץ, וואָס עס פייניקט דיין אומרויִקן גייסט...

הורדוס

אויפגערעגט:

ניין, איך וועל דיך ניט אָפּגעבן צו דער ערד. איך וויל ניט! ביי מיר וועסטו בלייבן אויך מאָרגן און אַלע מאָל, אייביק!

מ ר י מ י:

אַלע מאָל, אייביק, יאָ, הורדוס... אַך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען!..

ה ו ר ד ו ס:

יאָ. איך וועל דיך האַלטן אונטער אַ חופּה אין מיין צימער, אונטער אַ זיידענעם כּפּורת. אין דעם לויטערסטן האָניק פון אַקאַציעס... איך וועל דיך ניט אַוועקגעבן, קיינעם ניט!

מ ר י מ י:

יאָ, יאָ, זאָלסט מיר קיינעם ניט אַוועקגעבן...

ה ו ר ד ו ס:

איך וועל דיך שטענדיק, בייטאָג און ביינאַכט האָבן לעבן מיר. איך וועל דיך מיטנעמען אין מיינע וועגן, ווען איך וועל מוזן דעם פּאַלאַץ פאַרלאָזן. אין אַ קאַסטן פון ריינעם קרישטאָל וועל איך דיך האַלטן. און אַז די בענקשאַפט וועט נעמען דריקן מיין האַרץ, וועל איך קומען צו דיר. איך וועל אויף דיר קוקן, זעטיקן דעם הונגער פון מיין גייסט מיט דיין אָנבליק...

מ ר י מ י

מיטגעריסן:

און איך וועל הערן, ווען דו וועסט ריידן צו מיר. און וועל דיר ענטפערן...

ה ו ר ד ו ס

אָפּגעלאָשן:

אַך, מרימי! דו וועסט דאָך אָבער שוין ניט זיין מרימי. דיין טויטער קערפּער וועט מיר בלייבן. דיינע אויסגעלאָשענע אויגן, דיינע פאַרוועלקטע ליפּן...

מ ר י מ י:

ניין, הורדוס. דו וועסט מיך רופן, וועט זיך מיין קערפּער לעבעדיק באַוועגן. מיינע אויגן — אָנצינדן, מיינע ליפּן — אויפבליען...

ה ו ר ד ו ס:

וואָס האָסטו מיר געטאָן, מרימי! וואָס האָסטו געריצט מיין צאָרן? וואָס האָסטו אין מיר געוועקט קנאה פון אַ מאַנסביל? וואָס האָסטו אין מיר געצונדן אומצוטרוי, איך זאָל מיך ניט פילן זיכער אויף מיין טראָן? פאַרוואָס האָסטו מיר געוויזן אַזוי פיל פיינטשאַפט, ווען דו האָסט מיך ליב? פאַרוואָס האַלטסטו אין מיר איצט אונטער מיין חשד אין מיין צאָרן? פאַרוואָס בעטסטו ניט, איך זאָל דיר מוחל זיין? פאַרוואָס וועקסטו אין מיר ניט קיין חרטה אויף דעם פּסק־דין פון מיין געריכט? מרימי! גיב מיר דיין וואָרט אויף פרידן! פאַרענטפער זיך מיט איין קלאַנג פון דיין מויל! זאָל איין וואָרט פון געבעט קומען אויף דיינע ליפּן. איך וועל אַלע געריכטן צעטרייבן, אַלע גזרות בטל מאַכן, איך וועל הייסן אַ נייע תורה מיט נייע געזעצן שרייבן. שטרעק מיר אויס איין האַנט דיינע... דו פאַראַכטסט דאָך מיך ניט, דו ביסט מיר דאָך ניט קיין שונא...

מ ר י מ י

שטיל לאַכנדיק, ווי פון חלום:

איך האָב דיך ליב... אַזוי גוט פריי זיין צו זאָגן דיר, זיך אַליין: „הורדוס, איך האָב דיך ליב"...

ה ו ר ד ו ס:

דו האָסט מיך ליב... מרימי! איך האָב געבויט אַ מלוכה־ ווער וועט מיט מיר טיילן מיין הערשאַפט? כ'האָב אויפגעשטעלט אַ טראָן — ווער זאָל מיט מיר אויף מיין טראָן זיצן?

מ ר י מ י

לאַשטשעט זיך צו אים:

אָרעמער הורדוס...

ה ו ר ד ו ס:

זאָל איך דיר מוחל זיין? אונטערגעבן זיך? לאָזן די

מורדים אויף די גאַסן דאָרט זאָלן זאָגן, אַז איך האָב מיך פאַר זיי דערשראָקן?

מרימי:

מען דאַרף ניט. *שטופּט אים אָפּ פון זיך.* איך וועל דיך פיינט האָבן. איך וועל דיר ניט מוחל זיין, וואָס דו האָסט מיך צוויי מאָל פאַרמשפּט צום טויט! *ווערט אַלץ מער צעהיצט.* וואָס דו געטרויסט מיר ניט! וואָס דו האָסט אַלע מיינע קרובים פאַרדאָרבן! וואָס דיין מוטער זיצט אויף דעם אָרט, וואו מיין מוטער האָט באַדאַרפט צו זיצן. דו ביסט דער שונא פון מיין שטאַם, דער רוצח פון מיין פאָטער, פון מיין ברו־דער, פון מיינע זיידעס! דו ביסט דער רויבער פון זייער גדולה! דיין ליבשאַפט צו מיר איז מיט בלוט צעמישט! אַ וואַנט פון צאָרן און פון פיין שטייט צווישן מיר און דיר! *הייבט די הענט מיט צונויפגעדריקטע פויסטן.* איך וועל דיר קיינ־מאָל ניט מוחל זיין!

הורדוס:

מרימי! איך וועל דיר מוחל זיין, דו — מיר. אונזער טראָן איז פעסט, אונזער לאַנד — רייך. ווער פון קיניגין וואָלט צו אונז גלייך געווען?

מרימי:

איך וויל ניט! אַוועק, שונא מיינער!

הורדוס:

דו טרייבסט מיך ווידער פון זיך, מרימי?.. ווילסט, איך זאָל אַוועקגיין?

מרימי

אַ דערציטערטע:

ניין, ניין, ניין! מיט מיר בלייב! איך וויל ניט, גיי ניט.. דאָרט איז שרעקלעך... *קלאַמערט זיך אין אים.* דאָרט איז טויט, דיין טויט...

הורדוס

שמייכלט פיינלעך.

אַמאָל, גאָר אַמאָל פלעגסטו אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אַזוי פלאַטערנדיק אין מיר זיך קלאַמערן...

מרימי:

יאָ. גיי ניט. פאַרגעס, וואָס איך האָב געזאָגט. אַ פינסטער־ניש האָט מיך אויף אַ רגע איינגעדעקט. ס'איז גאָרנישט... גיי ניט אַוועק. זעסטו? — אָט איז שוין אַריבער, איך בין ווידער רויִק. מיין גייסט — לויטער. פאַרגעסן אַלץ, וואָס וועקט שנאה, צאָרן. הורדוס! מיר ווילט זיך חלומען, גליק־לעך זיין אין די לעצטע רגעס פון מיין לעבן. איך וויל אַ גליקלעכע קומען צו מיינע עלטערן. זייַ לעבן מיר. זיי מיר אַ קוואַל פון ליכטיקייט און געהויבנקייט! זיי מיין ליבער, מיין געגאַרטער, מיין דערוואַרטער, ווי אַמאָל...

דערוואַך, צפון־ווינט,
קום, דרום־ווינט
באַווייע מיין גאָרטן.
זאָל ער פליסן מיט דופטן;
זאָל קומען מיין ליבער
געניסן זיינע פרוכטן!

הורדוס:

ווי אַמאָל...

מרימי:

רייד ניט. זייַ שטיל און הער, איך וועל דיר דערציילן: אַמאָל, אַמאָל בין איך געווען אַ יונגע טאָכטער אין מיין מוטערס הויז. מיינע אויגן האָבן נאָר געשמייכלט, מיינע פיס נאָר געטאַנצט. האָט מיך איינמאָל אין גאָרטן אויפן ברעג פונעם ירדן דעריאָגט אַ בחור און גערעדט מיר וועגן מיין שיינקייט. ער האָט מיר געזאָגט: „אַלע מייד־לעך פון יהודה האָבן די שוואַרצע נאַכט אין זייערע אויגן,

און דו—דעם ליכטיקן פרימאָרגן. אַלע מיידלעך פון יהודה זיינען בייגעווידיק און צאַרט, ווי די הינדינס פון די בערג, און דו באַוועגסט זיך, ווי די ווינטן פון פרילינג. אַלע מיידלעך פון יהודה האָבן קרענץ פון רויזן און פון ליליעס אויף זייערע קעפּ, נאָר דיין קראַנץ באַפּוצט דעם שענסטן פון מיידלשע קעפּ". איך האָב אים געענטפערט — געלאַכט צו אים. האָט דער בחור אַראָפּגענומען דעם רינג פון זיין מינדסטן פינגערל און אויף מיין פינגער אָנגעטאָן. זיין האַנט איז נאָך ניט אַזוי פאַרגרעבט געווען פון האַלטן זיין שווערד. זיין פינגער איז געווען צאַרט, און זיין רינג איז פון מיין פינגער ניט אַראָפּגעפאַלן, און איך האָב אים ניט אַראָפּגענומען, איך האָב אים פעסט־פעסט צו מיין ברוסט צוגעדריקט. האָט מיך דער בחור געפרעגט, צי זאָל ער מיך בעטן ביי מיין משפחה. איך האָב אים געהייסן גיין צו איר. האָט ער מיך געפרעגט: „און אויב דיין משפחה וועט מיך ניט וועלן?" האָב איך אים געזאָגט: „וועל איך קענען זייער ווילן אַנטלויפן צו דיר אין הויז"...

הורדוס:

דאָס בין איך דאָך געווען, מרימי!

מרימי:

וואָרט, שלאָג ניט איבער. הייבט זיך אויף מיט ריטמישע באַוועגונגען. דעמאָלט האָב איך ביינאַכט ניט געשלאָפן, מיין האַרץ איז מיר וואַך געווען, און מיין נאַכטוואָגלען—זיס. מיין האַרץ האָט געזונגען: „גוט צו זיין אַ בת־מלכּה, די בת־מלכּה פון יהודה, און די כּלה פון דעם ליבן, פון דעם גיבור פון יהודה!" נאָכדעם... נאָכדעם האָבן אויף אונזער קנס־מאָל חברטעס געטאַנצט. חברטעס האָבן געטאַנצט, און איך האָב געטאַנצט, און די טאַצן האָבן געפּויקט. כּמעט טאַנצנדיק.

קער זיך און ווענד זיך, שולמית!
קער זיך און ווענד זיך און לאָז זיך אונז אָנזען!...

הורדוס:

און איך מיט מיינע געזעלן האָבן זיך אין פלינקייט געפּרוווט!

מרימי:

און מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעזונדערט אויף די ווייטע שטעגעלעך פונם גאָרטן. די גרויסע שטערן פון יהודה האָבן געברענט, ווי בינטלעך פלאַמען אין דעם אָוונטיקן הימל פון יהודה...

הורדוס:

דו האָסט מיך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אויף מיינע ליפּן געקושט!

מרימי:

דו האָסט מיך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל צו דיין ברוסט געדריקט!

הורדוס:

איך האָב נאָך דעמאָלט, וואָס מיר איז שפּעטער באַשערט, ניט געוואוסט. איך האָב שוין אָבער געפילט, אַז איך וועל גרויסע זאַכן אויפטאָן!

מרימי:

מיין טרוים איז געווען: די קרוין פון גאָר דער וועלט צו דעם קאָפּ פון מיין געליבטן! מיין תּפילה איז געווען: צוויי גרויסע מלכים האָט מיין פאָלק געהאַט—מיט טויזנטער יאָרן צוריק — שלמה דער קיניג פון ישראל, מיט הונדער־טער—אַלעקסאַנדער דער קיניג פון מוקדון. זאָל מיין הורדוס זיין אַ דריטער צו זיי — דער קיניג פון יהודה!

הורדוס:

איך וועל זיין, מרימי! איך בין יונג, מיינע כּוחות — פריש!

מרימי:

מיין ליבער איז יונג, זיינע כּוחות — פריש!

ס'הערט זיך אַ גערודער פון דרויסן.

הורדוס
באמערקט ניט:

איך וועל שטעלן מלכות־יהודה העכער פאַר אַלע מלוכות אין דער וועלט! ניט אומזיסט האָב איך אַרויסגענומען די ממשלה פון די הענט ביי די פריערדיקע הערשער, און ניט אייביק וועל איך דינען קנעכטשאַפט צו די רוימער. איך קלייב כּוחות. איך לערן מיך ביי זיי, ביז איך וועל זיי אַריבערשטייגן. דו ווייסט, מרימי — איך פיר אַלץ אויס, אַלעמאָל, וואָס איך פאַרטראַכט נאָר!

מרימי:

מיין ליבער איז דרייסט, זיין ווילן — פרוכטבאַר!

דער געדרודער — נעענטער, דייטלעכער.

הורדוס
באמערקט ניט:

איך וועל שליסן אַ בונד מיט די מלכים פון מזרח. כ'וועל נעמען צו הילף די ווילדע שבטים פון ערב. די רוימער וועלן צו מיינע פיס ליגן. די חשמונאים האָבן דאָס לאַנד נים געקענט פון קנעכטשאַפט פאַרהיטן — איך וועל עס מאַכן פאַר אַ לאַנד פון הערשער! איך וועל דאָס לאַנד...

אין דרויסן רודערס: מיטן געדרודער רייסט זיך אַריין שלומית.

שלומית:

הורדוס! אָריענטירט זיך גלייך מיטן בליק, וואָס דאָ קומט פאָר. טוט אַ פּאַטש מיט די הענט און פאַרבראַכט זיי. האַ־האַ־האַ! ווי טייבע־לעך אין זייער נעסט וואָרקען דער באַליידיקטער קיניג מיט דער פאַרברעכערישער קיניגין!

הורדוס:

וואָס איז? וואָס ביכטו געקומען? ווער האָט דיר געהייסן?

שלומית:

זאָל יעדער פאַרביטערט האַרץ געטרייסט זיין פון דער אחדות, וואָס הערשט צווישן קיניג מיט די מורדים קעגן זיין מאַכט, וועלכע שטורעמען זיין פּאַלאַץ אויס ליבע צו דער קיניגין מרימי!

הורדוס:

זיי שטורעמען דעם פּאַלאַץ?!

שלומית
טוט אַ טופּע מיט דער פוס:

דו ביסט פאַרכישופט פון מרימיס זיסע רייד! דו הערסט ניט דעם טומל פון שלאַכט אויף די גאַסן!

הורדוס:

וואָס רעדט זי, מרימי? וואָס רעדט זי!

שלומית:

ביסט גרייט נאָכצוגעבן די מורדים! טאָ גיי אַרויס פאַרן טויער פון פּאַלאַץ, פאַל אויף די קני פאַרן המון, בוק זיך פאַר אים ביז דער ערד און זאָג אים: די קיניגין איז פריי! די חשמונאית איז הערשערין! און פאַרגעס ניט בעטן, עס זאָל דיר גרויסמוטיק פאַרגעבן ווערן, וואָס דו האָסט ביי אירע קרובים דעם טראָן אָפּגענומען!

הורדוס:

דו הערסט, מרימי!

שלומית:

ביי איר פרעג! מיט איר האַלט זיך עצות! זי וועט דיר שוין אויסלערנען, וואָס דו זאָלסט טאָן צו דער שאַנד פון דיין פאָטערס נאָמען! האָסט אָפּגעצויגן מיטן אויספירן דעם פּסק ביז אַן אָפענער מרידה. דו קענסט זיך פון איר כּישוף ניט באַפרייען! נישטיקער מאַנסביל! קנעכט פון אַ פאַרי־רעטערין! אַנטשליס זיך איינמאָל, אָדער שיק דיין מוטער און דיין שוועסטער צו איר מוטער אויף דער קיך פאַר דינסטן! רייסט אויף זיך די קליידער פון צאָרן. ווער אַליין אַ קנעכט!

הורדוס:

אַ ליגן! מיין טראָן איז פעסט! איך וועל די ירושלימער

מורדים מיט איין פאַך פון מיין שווערד ווי די מייז אין די
נאָרעס פאַרטרייבן!

ש ל ו מ י ת

זי לעבט — וועלן נייע מרידות זיין!

ה ו ר ד ו ס:

מרימי! מרימי!

מ ר י מ י:

פאָלג דיין שוועסטער. זי איז דיר געטרייער פאַר אַלעמען...

ס׳הערט זיך דער גערויש גאָר נאָענט. קריגס־געשרייען.

ש ל ו מ י ת:

הער, זון פון אַנטיפּאַטער, ווי די מורדים ברעכן די טויערן
פון דיין פּאַלאַץ! ווייס, שחאַכער הערשער, אַז מורדים
זיינען שוין אַריינגעדרונגען אין דער וואַך פון דיין הויף!
ביי דער טיר פון דיין שלאָפצימער האָבן זיי געוואַרט אויף
דיר מיט געווער אין האַנט!

ה ו ר ד ו ס

לאָזט זיך אַ צעמישטער האַסטיק גיין מיט אויפגעהויבענעם שווערד:

טויט! טויט! טויט! לויפט אַרויס. שלומית — נאָך אים.

ש ו מ ר

גיט שנעל אַריין:

קיניגין... איצט... אין טומל פון שלאַכט... מיינע חברים
וועלן דיך איבערנעמען...

מ ר י מ י:

ניין.

ש ו מ ר:

אָדער איצט — אָדער פאַרפאַלן...

מ ר י מ י:

ניין.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

לויפט אַריין:

מרימי! דער פּסק ווערט אויסגעפירט?!

מ ר י מ י:

יאָ, מוטער.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע:

האָסט ניט געקאָנט ווירקן אויפן אדומי?

מ ר י מ י:

מוטער, מיר האָט זיך ניט געוואָלט...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

אַ רגע ווי פאַרשטיינערט:

דו ווילסט שטאַרבן? מיך אַליין לאָזן? מיט די עוולות,
פאַר וועלכע עס איז קיין נקמה ניט גענומען? מיט צאָרן.
אומפאַרשעמטע! האָסט קיין בושה ניט פאַר די גייסטער
פון דיינע פאַרפייניקטע עלטערן! שלאָגט זיך מיט די פויסטן
אין קאָפּ. וויי, וויי! שאַנד און שפּאָט צו מיר! אייביקע
חרפּה! אַ שלאַנג האָב איך אויסגעטראָגן אין מיינע געדערים,
אַ פאַררעטערין—אונטער מיין האַרצן! אַ טאָכטער אַ פאַלשע
צו איר שטאַם האָב איך אויף דער וועלט געבראַכט!

זעלנער, געפירט פון שלומית, קומען און נעמען מרימין.

ש ל ו מ י ת:

די קיניגין־מוטער קאָן זיך זעגענען מיט דער קיניגין...
פונקט צו דער צייט געקומען...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

טרייסלט זיך, קוים האָט זי באַקומען דעם קול:

זונה! אויסוואורף! שלאַנג! פאַר דער תאווה פון דיין פאַר־
שייטן האַרצן, פאַר דיין פאַרברעכערישער ליבע גייסטו פון
דער וועלט! ווער וועט דיך באַדויערן, אויסגעלאַסענע פּרוי!
ווער וועט אויף דיר מיטלייד האָבן, פלוך פון דיין משפחה!

וואַרט, פאַר דיינע זינד וועט נאָך דיינע קינדער אויך אומ־
קומען מיט אַ טויט פון פאַרברעכער!

מ ר י מ י

טוט זיך אַ צאַפּל:

דאָס האָסטו מיר ניט געדאַרפט איצט זאָגן, מוטער...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר ע

כאַפּט אַ הויפן ערד און שליידערט נאָך מרימין:

פאַלשע פרוי! שאַנד צו דיין זכר! לויפט נאָך איר אַרויס מיט
אַ צווייטן הויפן ערד.

פ ע ר ט ע ב י ל ד

א זאל אין הורדוסעס פאלאץ, א טיש גרייט צום עסן. אין א ווינקל—אנטיפאטערס ביוסט. אנטקעגן א ברייטע נישע, אפגעטיילט מיט א שווערן פארהאנג. לעבן פארהאנג מירמלשטיינערנע נידעריקע טישעלעך.

פון אנהייב איז די באלייכטונג א געוויינלעכע, באלד בייט זי זיך לאנגזאם, ווערט טינקעלער, רויטלעך. פאמעלעך עפנט זיך פונאנדער דער פארהאנג, וואס איבער דער נישע, דורך א פאר צארטע פרויענהענט. מרימי גייט ארויס. דער פארהאנג נאך איר ציט זיך צונויף. זי לאזט זיך אוועק מיט טויטע טריט, מיט טויטע אויגן בלאנדזשען איבער דעם זאל. צייטנווייז מאכט זי דעם אנהייב פון א באוועגונג, ווי צו פארברעכן די הענט; אבער זי רייסט אינמיטן איבער. אמאל הייבט זי די הענט אויף, ווי צו פארברעכן זיי איבערן קאפ, און זי פארענדיקט די באוועגונג אויך נים. בלאנדזשענדיק, שלאגט זי זיך אפ אמאל אן א באנק, אמאל אן א טומבע. בלייבט א רגע שטיין טויט, מיידט אויס, וואס אין וועג שטייט, און בלאנדזשעט ווידער אוועק. איר גאנג איז — פארביי טיש פארויס און צוריק פון דער צווייטער זייט טיש צו דעם פארהאנג פון דער נישע. זי עפנט אפ דעם פארהאנג מיט אויסגעשפרייטע הענט, גייט ארונטער; דער פארהאנג שליסט זיך הינטער איר, אבער די טיכער באוועגן זיך נאך לאנג. — 1 סריס גייט אריין מיט א טאץ פרוכטן, און אין דעמזעלבן אויגנבליק ווערט די באלייכטונג צוריק א געוויינלעכע.

1 סריס:
אוי!

2 סריס
אריינקומענדיק גלייך נאך דעם ערשטן מיט קריג ווין אין ביידע הענט:
וואס איז? וואס שרייסטו?

1 סריס
שטעלט אוועק די טאץ, כאפט זיך ביים הארצן:
עפעס א שאטן איז דורכגעלאפן.

2 סריס
גייט צום טיש:
ס'קען געמאלט זיין א שאטן אויך. דא איז אלץ מעגלעך.

1 סריס:
זע, דער פארהאנג איבער דער נישע באוועגט זיך...

2 סריס:
אז מען טשעפעט אים, באוועגט ער זיך.

1 סריס:
ווער האט אים דען געטשעפעט?

2 סריס:
דו פרעגסט: ווער? — ווער עס איז דא ביי דעם פארהאנג, יענער האט אים געטשעפעט.

1 סריס:
זי?! די טויטע מרימי?

2 סריס:
שא! שווייג! רוף ניט אן קיין נעמען...

1 סריס:

אָבער ווי אַזוי?

סריס:

פרעג ניט, נאַרישער מענטש! ס'איז קיין נייס ניט. שוין געווען איינמאָל. אָך־אָך־אָך. ווער עס האָט אין דעמדאָזיקן פּאַלאַץ לאַנג געלעבט, יענער האָט זיך גענוג אָנגעזען, אָנגעהערט אויף זיין לעבן. שטיי ניט, ווי אַ סלופּ. טו דיין אַרבעט. יעדע רגע קאָן דער קיניג מיט דער משפּחה קומען צום עסן. אָך־אָך־אָך. ניט קיין גוטער סימן... ניט צום גוטן איז עס...

1 סריס

קוקט אויפן פּאָרהאַנג:

שטיל געוואָרן... באַרויִקט.

2 סריס:

יאָ, דער פּאָרהאַנג — באַרויִקט. צי איז זי דאָרט רויִק — ווער ווייס?... גייט צו דער טיר.

1 סריס:

וואוהין גייסטו? איך האָב מורא אַליין צו בלייבן. גייט נאָך אים נאָך.

2 סריס:

דיזעלביקע מורא — אַליין, צי זאַלבאַנאַנד.

זיי גייען אַרויס. גלייך ענדערט זיך ווידער די שיין. מרימס הענט נעמען פּאַנאַדער דעם פּאָרהאַנג. זי באַווייזט זיך אַ פּאַרשטאַרטע. פּלוצלונג לאָזט זי אָפּ דעם פּאָרהאַנג און פאַרשווינדט. די שיין ווערט ווי געהיימלעך. עס קומען צוריק אַריין די סריסים.

1 סריס:

דו זעסט — ווידער דער פּאָרהאַנג...

2 סריס:

פאַרשטייט זיך. יענסמאָל, אין דעם טאָג, ווען מען האָט

אויסגעפירט די טויטשטראָף איבער איר מוטער, דער אַלטער קיניגין, האָט זי חייזט אויף דער נישע אַ גאַנצן טאָג קיין רו ניט געהאַט. ביינאַכט איז זי אַרויס פון איר גלעזערנעם קאַסטן און האָט אַרומגעבלאָנדזשעט לעבן צימער... איצט וועט ווידער זיין אַזוי...

1 סריס:

פאַרוואָס?

2 סריס:

ווייסט ניט? ביידערנאַכט האָט מען איילנדיק אָפּגעשיקט אַ שליח אין דער פעסטונג שומרון, דאָרט וואו אירע זין, די פּרינצן, זיינען פאַרשפּאַרט. ניט אומזיסט האָט מען דעם שליח געשיקט... ניט אומזיסט איז זי אומרויִק... אָך־אָך־אָך. מיר ווען, מסתמא, הײנט הערן נייס, די גוטינקע נייס...

1 סריס:

וואָס איז דאָ נאָך צו הערן? מען ווייס שוין — ניטאָ מער די פּרינצן.

2 סריס:

זעסטו! וועט זי שוין הײנט ניט רוען. זי פילט: איר בלוט גיסט זיך ערגעץ...

1 סריס:

ווען דער קיניג וואָלט זי צו דער ערד איבערגעגעבן, וואָלט זי זיך אפשר באַרויִקט...

2 סריס:

קאָן ער זיך מיט איר ניט שיידן. זי ליגט אין דעם גלעזערנעם קאַסטן, ווי איינגעשלאָפן. דאַכט זיך, זי אָטעמט נאָך... מער ניט, וואָס די אויגן זיינען פאַרמאַכט. דערפאַר טאַקע קאָן זיך דער קיניג ניט באַרויִקן. ער שלינגט דעם שאָטן אַרום אירע פאַרמאַכטע אויגן, ער מיינט, זי וועט אויפלעבן... אָך־אָך! אַזוי פיל בלוט נאָך איר פאַרגאָסן! די אַלטע

אַלעקסאַנדרע ניטאָ, געטויט, אַלע קרובים פון די חשמונאים — אויסגעהרגעט, אַלעמען אויסגעראָטן. איר זכר קאָן קיין בלוט פון זיין נשמה ניט אָפּוואַשן.

1 סריס:

ווען ער וואָלט זי פאַרגראָבן, איר קבר פאַראַקערט, עס זאָל פון אים קיין שפור ניט בלייבן, ווי פון דער אַלטער קיניגינס... אפשר וואָלטן זיך די בלוט־פאַרגיסונגען איינמאָל געענדיקט...

2 סריס.

אַז עס איז גאָר פאַרקערט. וואָס ווייטער — ווערט ער אַלץ בלוטדאָרשטיקער. די יונגע פרינצן נעבעך. אָך... גיכער אַרבעט, באַלד קומט מען צום טיש...

1 סריס:

גאָט ווייס, מיט וואָס פאַר אַ געמיט ער וועט היינט צום טיש זיין.

2 סריס:

שווייג, מען גייט. שטעל זיך אויף דיין אָרט.

זיי פאַרנעמען פּלעצער לעבן שטול אויבנאָן. שלומית גייט אריין, באַטראַכט אַלץ שאַרף און זעצט זיך. נאָך איר קומען אריין: די קיניגין מרימי די צווייטע, נאַכדעס — אַנטיפּאַטער, דער טראָנפאָלגער; אַלע פאַרנעמען זייערע ערטער. דער לעצטער קומט הורדוס.

הורדוס

זעצט זיך אויף זיין אָרט:

געפרווט דעם ברויט?

1 סריס:

געפרווט, האַר קיניג!

הורדוס

דערלאַנגט אים ברויט; דער סריס עסט:

דעם ווײַן?

2 סריס:

געפרווט, האַר קיניג!

הורדוס

דערלאַנגט אים ווײַן; יענער טרינקט:

רעכט... צו די מיטעסער. זאָל געבענטשט זיין אונזער טיש!

אַלע נעמען זיך עסן און טרינקען. הורדוס לייגט פאַר זיך אויך עסן אויפן טעלער, צופּט דאָס עסן מיטן גאָפּל, טראָגט צו און שמעקט.

שלומית:

פאַרוואָס עסטו ניט, מיין ברודער?

הורדוס:

כ'וויל ניט. שטופּט אָפּ די טעלער. יעדער עסן איז מיר נמאס.

גיסט זיך אָן ווײַן און טרינקט. קוקט זיך לאַנגזאַם ארום. טרינקט נאָך.

שלומית, מיר איז אומעטיק!

שלומית:

ס'וועט אַריבער, ברודער. דיין גייסט וועט צוריק לויטער זיין.

הורדוס:

פון זינט ווען אָן עס גייט ניט אַריבער.

שלומית:

הינטער דיין רוקן האָבן נאָך אַלץ געלויערט סכנות. דו האָסט געהאַט שונאים אונטער דיין דאַך. איצט וועט שוין זיין אַ סוף.

הורדוס:

די לעצטע שוין, מיינסטו?

שלומית:

די לעצטע, הורדוס. די לעצטע חשמונאים גייען היינט אַוועק פון דער וועלט.

הורדוס:

די חשמונאים... מיינע זין — חשמונאים'?

ש ל ו מ י ת:

זיי זיינען פֿאַלש געווען קעגן זייער פֿאָטער. זיי האָבן זיך גרויס געהאַלטן מיט דעם יחוס פֿון זייער מוטער. זיי האָבן זיך אָן דיר געוואָלט נוקם זיין די נקמה פֿון זייערע זיידעס.

ה ו ר ד ו ס:

בוגדים. ניט מיינע זין. דו ביסט גערעכט, שלומית.

ש ל ו מ י ת:

טאָ זאָל דיר היינט פֿריילעך זיין אויפֿן האַרצן.

ה ו ר ד ו ס

נעמט עסן, טראָגט צום מויל, און לייגט אַוועק צוריק; נעמט ווין—און שטעלט אַוועק צוריק:

כ'קען ניט. ס'איז מיר ניט פֿריילעך. מאַך מיך פֿריילעך, מיין שוועסטער! מאַכט מיך פֿריילעך, מיין ווייב, מיין זון!

ש ל ו מ י ת:

טרינק ווין, מיין ברודער. עס שטייט געשריבן: ווין מאַכט פֿריילעך דאָס האַרץ פֿון אַ מאַן.

ה ו ר ד ו ס

טרינקט:

מיר וואָלט זיך וועלן זיין אין שלאַכטפֿעלד, רייטן אויף אַ פֿערד, און מיט דער שווערד אין האַנט האַקן קעפּ אַרום זיך...

ש ל ו מ י ת:

פֿאַר אַ גיבור פּאַסט טראַכטן וועגן גבורות. הייס אַרויספֿירן דיינע שונאים פֿון די תּפֿיסות, און זאָל מען זיי באַשטראָפֿן. ס'פֿעלן דען אין די תּפֿיסות פֿאַרברעכער קעגן דער ממשלה פֿון הורדוס?

ה ו ר ד ו ס:

ניט דאָס. דו פֿאַרשטייסט ניט, שלומית.

ש ל ו מ י ת:

ס'איז אַלץ איינס צו זען דאָס בלוט פֿונם שונא — אין

שלאַכטפֿעלד, צי אויפֿן שאַנדפּלאַץ אונטער דער האַק פֿון גערעכטיקייט.

ה ו ר ד ו ס

קוקט אויפֿן פֿאַרהאַנג:

ניין, דו פֿאַרשטייסט מיך ניט, שוועסטער, — מיר איז אומעטיק...

ש ל ו מ י ת

לויערט נאָך זיין בליק:

הורדוס! שמייכלט. דאָס האַרץ פֿון אַ מאַן איז געגליכן צו אַ פֿאַרשלאָסענעם אוצר מיט פֿריידן. דער שליסל צו דעם אוצר איז די געזעלשאַפֿט פֿון חברים און גוטע פֿריינד. הייס אַריינברענגען די שרים, וועלן זיי דיך פֿאַרווײַלן מיט געשפּרעכן. איר וועט צוזאַמען טרינקען, און דיר וועט פֿריילעך זיין.

ה ו ר ד ו ס:

איך האָב אַמאָל געהאַט פֿרייד אין מיין האַרצן, היינט געפֿין איך זי ניט אין מיין בעכער... טרינקט. ווער איז דאָרט פֿאַראַן?

ש ל ו מ י ת

צום סריס:

גיי זע, ווער איז אין פֿאָדערהויז. סריס גייט אַרויס. דער שליח פֿון שומרון האָט שוין באַדאַרפֿט צוריקקערן זיך..

ה ו ר ד ו ס:

ער וועט זיך שוין צוריקקערן, דער שליח פֿון שומרון...

ש ל ו מ י ת:

ער וועט דיר ברענגען באַרויִקונג פֿאַר דיין גייסט.

ה ו ר ד ו ס

נאָך אַ שטילשווייגן:

מיר איז אומעטיק...

ש ל ו מ י ת

צום אַריינקומענדיקן סריס:

ווער איז דאָרט פֿאַראַן?

ס ר י ס:

האַר קיניג! אין פאָדערשטוב וואַרטן שלוחים פון דעם קיניגס מחותן, פון אַרכעלאַוס, דעם קיניג פון קאַפּאַדאָקיע. זיי איילן זיך גיכער צו זען דעם קיניג מיט אַ וויכטיקער שליחות פון זייער האַר.

ה ו ר ד ו ס:

פון קאַפּאַדאָקיער קיניג, מיין זון אַלעקסאַנדערס שווער... דאָס וואָלט גראָד געקאָנט פאַרשאַפן פריילעכקייט. דער אַלטער פוקס! ער מיינט מיך נאָך אַלץ צו נאַרן. אָבער זיינע שלוחים מעגן זיך שוין ניט איילן. מיין זון אַלעק־סאַנדער נייטיקט זיך שוין ניט מער אין דער הילף פון זיין שווער. גיי, זאָג זיי, אַז זיי קענען וואַרטן. זיי וועלן שוין ניט פאַרשפעטיקן.

ס ר י ס:

איך הער, מיין האַר. חיל גיין.

ה ו ר ד ו ס:

וואַרט. זאָג זיי: ווען מ י י נ ע שלוחים וואָלטן אַזוי פאַר־שפעטיקט מיט זייער שליחות, ווי זיי, וואָלטן זיי שוין מער מיט זייער ווייב און קינדער אויף דער ערד זיך ניט געזען.

ס ר י ס

חיל גיין:

איך הער, מיין האַר.

ש ל ו מ י ת:

וואַרט, ווער נאָך איז דאָרט?

ס ר י ס:

דאָרט וואַרטן נאָך פאָרשטייער פון די ירושלימער חכמים. זיי ווילן אויך זען דעם קיניג.

ה ו ר ד ו ס:

די פאָרשטייער פון די חכמים קאָנען אויך וואַרטן. איך בין נאָך ניט געשטאָרבן. זאָג זיי: ווען איך וועל שטאַרבן, וועל

איך זיי מיט זיך נעמען. זיי וועלן זיך מיט מיין טויט ניט פרייען.

ש ל ו מ י ת:

מער קיינער ניטאָ?

ס ר י ס:

אַ שליח פון דער פעסטונג שומרון...

ש ל ו מ י ת:

אַ! פון שומרון!

ה ו ר ד ו ס:

ער איז שוין דאָ? לאַנג?

ס ר י ס:

לאַנג...

ה ו ר ד ו ס:

וואָס האָט ער?

ס ר י ס:

קעפ פון פאַרברעכער.

ש ל ו מ י ת:

צוויי?

ס ר י ס:

צוויי קעפ פון פאַרברעכער.

ה ו ר ד ו ס:

דו הערסט, שלומית? — צוויי קעפ? גיסט זיך אָן און טרינקט שנעל. קיין שטאַרקערער וויין איז שוין ניטאָ מער אין מיינע קעלערן? טרינקט נאָך. כאַ־כאַ־כאַ! גיי, סריס, זאָג זיי, אַז זיי זאָלן אַריין! אַלע זאָלן זיי אַריין, — אַלע, ווער דאָרט איז פאַראַן: די שלוחים, די חכמים, די שרים, און דער, וואָס מיט די קעפ, אויך. אַלע! נו, גיכער, איל זיך! סריס גייט שנעל אַוועק. הורדוס שטעלט זיך, ציט אויס די הענט און דעם גאַנצן קערפער

שלומית:

וואָס ווילסטו טאָן, הורדוס?

הורדוס:

גאָרנישט, שוועסטער שלומית. דו וועסט זיין צופרידן. איך וויל טרינקען אינאיינעם מיט אַרכעלאַוסעס שלוחים, מיט די חכמים פון ירושלים, מיט מיינע שרים. איך וויל, עס זאָל פריילעך זיין ביי הורדוסעס טיש!

שלומית:

אויב דו מיינסט עס באמת, ברודער...

הורדוס:

באמת, שלומית, באמת. אָט זיינען זיי. צו די אריינקומענדיקע. זאָל געבענטשט זיין אַייער קומען אין דעם שאָטן פון מיין דאַך, ליבע פריינד! זעצט זיך צום טיש. מיר איז געווען אומעטיק, איצט וועט מיר פריילעך זיין. מיר וועלן צוזאַמען טרינקען. איר, פאָרשטייער פון די ירושלימער חכמים, זעצט אַייך דאָ און מאַכט מיך פריילעך. זיי זעצן זיך אויף דעם אנגעוויזענעם אָרט. איר, שלוחים פון קיניג אַרכעלאַוס מיין מחותן, זעצט זיך אָט־אָ דאָ. זיי זעצן זיך. עסט און טרינקט און לאָזט אַייך וואוילגיין. אַייער האַרץ זאָל זיך פרייען, און איר זאָלט האָבן וועגן מיר גוטס צו דערציילן פאַר אַייער האַר. און איר, מיינע שרים, זעצט אַייך לעבן מיר. נעענטער. זיי זעצן זיך. איר זייט דאָך מיינע מיטהעלפער. מיט אַייער הילף איז פעסט מיין ממשלה. טוט אַייך וואויל. און דו, שליח פון דער פעסטונג שומרון, דו האָסט מיר היינט אַ גרויסע שליחות אָפּגעטאָן. הונדערט דינָרים וועסטו באַקומען פון מיר, און קליידער פון מיינע אוצרות, און עסן פון מיין קיך, און אין ראַנג פיל געהעכערט, — פאַר דער מתנה, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט. גיי צו דעם שר איבער די אוצרות, ער וועט דיר אַרויסגעבן אַלץ, ווי איך האָב געזאָגט. נעמט די טאַץ מיט די קעפּ פון זיין האַנט. זעט, מיינע פריינד און מיינע שרים! זייט מיינע עדות קעגן גאָר

דער וועלט: אויב עס וועט עמעצער קומען צו אַייך און וועט זאָגן: „איך בין אַן אָפּשטאַמונג פון דער משפחה פון די חשמונאים" — זאָלט איר וויסן, אַז ער איז אַ רמאי. ניטאָ מער קיין חשמונאים אויף דער וועלט. די לעצטע צוויי, וואָס אין זייערע אָדערן האָט נאָך געפּלייצט אַ ביסל בלוט פון די חשמונאים, האָבן דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט. דער לעצטער פונק אונטער דעם חשמונאישן אַש — אויסגעלאָשן. ניטאָ מער קיין חשמונאים. היינט — די לעצטע שפורן זייערע דורך מיינע הענט אָפּגעווישט געוואָרן. הייבט אויף די טאַץ. זעט, איר שלוחים פון קאַפּאַדאָקיער קיניג מיין מחותן! אַרכעלאַוסעס איידים, מיין זון אַלעקסאַנדער — אָט איז זיין קאָפּ, דער קאָפּ פון אַ פאַרברעכער! איצט האָט איר אַייער שליחות דערפילט. איר האָט שוין דעם ענטפער, וואָס איר דאַרפט פאַר אַייער קיניג. און דער צווייטער פאַרברעכערישער קאָפּ—דאָס איז דער קאָפּ פון מיין צווייטן זון אַריסטאָבול. שלומית, מיין שוועסטער! קוק און זאָג עדות, אַז דאָס איז דער קאָפּ פון דיין איידים, דיין טאָכטער בערעניקעס מאַן. זייט זשע אַלע עדות: ניטאָ מער קיין חשמונאים אויף דער וועלט! און זייט עדות, אַז דער יידישער טראָן געהערט צו מיר אַליין! מיט מיין שווערד און בויגן, מיט די גבורות פון מיין אָרעם, און פון מיין פאָטער אַנטיפּאַטערס גייסט האָב איך אים דערוואָרבן. ווער עס וועט זאָגן, אַז אויף דעם יחוס פון דער אַלטער כוהנים־משפחה האָב איך געבויט מיין קיניגרייך — יענער איז אַ ליגנער. ווער עס וועט זאָגן, אַז איך האָב פון די חשמונאים זייער ירושה אָפּגערויבט — יענער איז צוויי מאָל אַ ליגנער. פון די חשמונאים איז געבליבן אַלטקייט, שוואַכקייט און טויט. זיי האָבן איבערגעלאָזן אַלטע, פון ווערים צעפרעסענע יחוס־בריוו. וואָס קאָן מען מיט זיי מאַכן? הערט, איר חכמים פון ירושלים! איך בין ניט דער מלך־יהודה פון אַייערע ספרים, ניט דער געזאַלבטער פון אַייערע אַלטע פאַרמעטן. איך האָב זיך אַליין געשאַפן, און מיט מיין

נייער גבורה, מיט מיין אייגענעם גייסט האָב איך זיך אַליין געזאַלבט. און די מלכות יהודה, איבער וועלכער איך געוועלטיק, איז ניט די מלכות יהודה פון אייערע ביכער. איר האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזעלכע גרענעצן, ווי די גרענעצן, וועלכע איך האָב פאַר מיין מלוכה דערוואָרבן. איר האָט קיינמאָל ניט געטרוימט וועגן אַזעלכע גרענעצן, וועלכע איך וועל נאָך מיין לאַנד געבן. אַנטיפּאַטער, מיין זון! דו ביסט דער יורש פון דיין טאַטנס אייגענעם טראָן! קום אַרויס, זע: אָט זיינען דיינע ברידער, צוליב וועלכע דו ביסט דערווייטערט געוואָרן פון דיין פאָטער. זע, ווי זייערע פּנימער זיינען באַשיינט מיט פּראַכט, ווי זייערע ווייסע דעקן אַיין זייערע געשלאָסענע אויגן מיט קיניגלעכער שיינקייט. דאָס איז די שיינקייט פון אַלטן קיניגלעכן בלוט. דאָס איז די שיינקייט פון דער חשמונאישער משפחה, — ניט נ.יינע. מיין שיינקייט, מיין נייע שיינקייט זאָלסטו מיר שאַפן! דו זאָלסט מיר איבערלאָזן אַ דור פון קיניגן און הערשער — מיט זייער אייגענער שיינקייט און פּראַכט. מיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך זאָלן דורך דעם הערשן פון אונזער משפחה געאיידלט און אין שיינקייט געשליפט ווערן; זייער לייב זאָל אויסגעצערטלט זיין, און זייער וואוקס און זייער שטיין און גיין זאָל באַחנט זיין, ביז אונזער זרע, די זרע פון אַנטיפּאַטערס הויז, זאָל אַזוי באַצווינגען הער־צער מיט זיין צויבערלעכן רייץ, ווי אָט־די־אָ. און איר אַלע — הערט! ווען די צייט וועט קומען, זאָלן אייערע קינדער און קינדס קינדער וויסן: די שיינקייט פון מיין שטאַם איז ניט קיין געירשנטע, ניט קיין מתנה באַקומענע— נאָר מיין אייגענע, מיין פּראַכט, הורדוסעס פּראַכט, וואָס איך האָב אַליין באַשאַפן! שטעלט אַוועק די טאַץ אויף אַ טומבע, הויבט דעם בעכער, און גייט צום טיש. און איצט וועלן מיר טרינקען און פרייען זיך. פילט אָן די בעכערס!

ש ל ו מ י ת

הייבט דעם בעכער:

זאָל לעבן די משפחה פון אַנטיפּאַטער! זאָל לעבן הורדוס!

אַ ל ע:

זאָל לעבן הורדוס!

דער אויסרוף ווערט אינמיטן איבגעריסן מיט אַ סויסער שטילקייט.

ה ו ר ד ו ס

קוקט שטרענג אַרום:

פאַרוואָס טרינקט מען ניט? אפשר איז דער וויין צו שוואַך? אפשר ריכט מען אָפּ אַבלות ביי הורדוסעס טיש. קוקט אַרום. למאי שווייגט מען? וואָס קוקט איר אויף מיר? אפשר האָט איר מורא, וואָס מען זאָגט, אַז הורדוסעס פּורפּור איז רויט פון בלוט? איז וואָס? — מיר וועלן אים אָפּוואַשן מיט נצחונות! איך בין שיכור פון נצחון, וועלכער פירט מיך פון שטאַפּל צו שטאַפּל ביז דעם שפּיץ פון גדולה. טרינקט פאַר מיינע נצחונות!

ש ל ו מ י ת:

זאָל לעבן אַנטיפּאַטערס אָנדענקען! זאָל לעבן הורדוס!

אַ ל ע:

זאָל לעבן הורדוס...

רייסט זיך אָפּ אינמיטן מיט אַנגעשטרענגטער שטילקייט.

ה ו ר ד ו ס:

וואָס זייט איר שטיל געוואָרן? וואָס שווייגט מען? די פויסטן הייבן זיך ביי אים בייז.

ש ל ו מ י ת:

מיין ברודער קיניג! וויין און מוזיק זיינען ברידער און שוועסטער. וויין פרייט דאָס האַרץ, מוזיק טרייבט שלעכטע לוין פון דער נשמה. הייס שפּילן לידער פון נצחון. וועלן זיך די פאַרבאָרגענישן אין די הערצער עפענען, און די פרייד וועט אַרויס אין דרויסן. זי גיט אַ צייכן און מוזיק הייבט אָן צו שפּילן.

הורדוס

ווען די מוזיק הערט שטיל:

איצט איז אײַך פריילעך?

שלומית

ווינקט צו די שרים:

פריילעך!...

שרים:

פריילעך... זאָל דער קיניג אייביק לעבן!...

הורדוס:

פאַרוואָס זשע קוקט מען דערשראָקענע? פאַרוואָס לאַכט מען ניט? לאָמיך זען אַ געלעכטער אויף אײַער פנים! לאַכט?

שרים

נאָר איניקע, געקינצלט:

כע־כע־כע...

הורדוס:

לאַכט אַלע! אַלע לאַכט!

שרים

אַלע:

כע־כע־כע.

רייסט זיך אָפּ מיט שטילקייט.

הורדוס:

וואָס זשע זייט איר אַנטשוויגן געוואָרן? שווייגט ניט! רעדט! ווען איר שווייגט, ווייס איך ניט, וואָס פאַר מחשבות עס פאַרבאָרגן זיך אין אײַך. אפשר טראַכט איר דעמאָלט מחשבות פון פעלשונג. וואָס קאָנען מיר דען זאָגן אײַערע דערשראָקענע אויגן, מיט וועלכע איר קוקט אויף מיר? שווייגט ניט, רעדט!

שלומית:

זאָל דיין געמיט באַרויִקט זיין, מיין ברודער קיניג. ווען

ביסטו דען חושד? אויב דו האָסט צו עמעצן קיין צוטרוי ניט, ווער קאָן דען שטערן דיר צו באַשטראָפן שטרענג דעם שולדיקן?

הורדוס:

שווייג, שוועסטער. דו שווייג. איך ווייס, אַז דו ביסט מיר געטריי. דיר גלויב איך. דיר גלויבן האָט זי ווייזט אויף דער נישע מיר נאָך צוואה געלאָזט...

שלומית:

פאַרגעס דאָס, ברודער. דאָ רינגלען דיך אַרום פריינד. ווער איז דען פאַראַן דאָ, וואָס זאָל ניט גרייט זיין מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַר דיר? צו די געסט. אַלע זיינען מיר דאָך גרייט, אַלע!

שרים:

אַלע! אַלע!

הורדוס:

און אַז איר רעדט ווייס איך דען, וואָס איר טראַכט אין אײַערע מוחות? וואָס זייַען ווערטער? — אַ שלייער, אונטער וועלכן עס פאַרבאָרגט זיך דאָס מיאוסע פנים. אָבער אַז איר שווייגט, איז נאָך ערגער. ווען איר שווייגט, איז מיר אומעטיק. איר הערט — מיר, הורדוסן, איז אומעטיק! שטילט מיר מיין אומעט! זאָל אַרום מיר הערשן פרייד און פריילעכקייט! רעדט, טרייבט דעם אומעט אַרויס פון צווישן מיינע ווענט, פון אונטער מיין דאַך!

שלומית:

מוזיק און טענץ זיינען ווי אַ נשמה מיט אַ גוף, וואָס באַשאַפן צוזאַמען לעבן. זאָלן די טענצערינס קומען און טאַנצן אונטער די קלאַנגען פון האַרפעס און פלייטן, וועלן זייערע ליידנשאַפטלעכע באַוועגונגען אָנצינדן פייער פון לעבן אין די בלוטן פון דיינע געסט, וועלן זיי פריילעך און לוסטיק זיין, וועט דיין אומעט פאַרשווינדן.

הורדוס

אנגעשפּאַרט אָן טיש מיט די עלנבויגנס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף די הענט:

זאָל מען טאַנצן...

מוזיק שפּילט. טענצערינס קומען אַריין און טאַנצן. באַלד הייבט שלומיח אָן צו מאַכן באַוועגונגען צום טאַקט. פאַלט אַריין אין עקסטאַז. לאָזט זיך אַוועק באַזונדער פון די טענצערינס, אַרום דער טומבע מיט דער טאַץ. פאַלט צו מיטן קאָפּ צו דער טומבע.

שלומית:

פאָטער אַנטיפּאַטער! זאָל דיין זעלע געטרייסט זיין! איך האָב מיין נדר דערפילט. דער לעצטער אָטעם פון די חשמונאים — אויסגעהויכט! די לעצטע גאווה זייערע — דערנידעריקט! ניטאָ מער קיין שונאים פון דיין משפּחה!

גלייכט זיך אויס, מיט פייערלעכער פריידיקייט. קיניגין מרימי!

הורדוס:

קיניגין מרימי!? טוט אַ ציטער.

שלומית:

קיניגין מרימי! דו ביסט די געליבטסטע פון דעם קיניגס פרויען! דו ביסט די געטרייסטע פון דעם קיניגס פרויען! דו ביסט אַליין אַ טאָכטער פון אַ כּוהן גדול! קום צו מיר! טאַנץ מיט מיר פאַר דעם קיניג הורדוס! לאָמירביידע פרייען דאָס האַרץ פון אַנטיפּאַטערס זון. קום, קיניגין מרימי!

די קיניגין שטעלט זיך און גייט צו שלומיתן.

הורדוס:

מרימי! דאָס איז מרימי... טאַנצן פאַר מיר גייט מרימי. די קי–ני–גין מר–י–מי... וואַרט, וואַרט, קיניגין מרימי. איך הייס ניט גיין! צוריק! מרימי גייט צוריק. ניין. איך האָב געשפּאַסט, קינינין מרימי. גיי טאַנצן. טאַנץ! מרימי הייבט אָן צו טאַנצן. ניין. שטיי! ניט אַזוי זאָל מיך די קיניגין מרימי פרייען. טו זיך אויס, נאַקעט טו זיך אויס, קיניגין מרימי! זאָל דער גלאַנץ פון דיין קרישטאָלן לייב שיינען פאַר

מיינע אויגן און פאַר די אויגן פון מיינע שרים. מרימי הייבט אָן פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן די קליידער. זעט, ווי געהאָרכזאַם זי איז מיר! זע, קיניגין מרימי, ווי דו דערפילסט יעדן וואונטש מיינעם. וואַרט, טו ניט אויס די קליידער. די חכמים פון ירושלים ווילן דיך פאַראורטיילן דערפאַר. קום אַהער. פאַל מיר צו די פיס. קוש די שפּיצן פון מיינע שיך. מרימי שטעלט זיך אויף די קני, בייגט זיך צו זיינע פיס. גיי! ער שטופּט זי אָפּ מיטן פוס. שטעל זיך, קיניגין מרימי. איך ווייס, אַז דו וועסט טאָן אַלץ, וואָס איך וועל דיר הייסן. איך ווייס, אַז ביי דיר איז ניטאָ קיין ווילן קעגן מיר. ווי אַ צויג ביסטו פאַר מיר, ווי אַ הילצערנער געטש: קאָן ניט וואַרעמען, ניט בענטשן און ניט שעלטן. דו — קיניגין מרימי! וואָס ביסטו פאַר אַ קיניגין מרימי? דו פאַרשוועכסט דעם שיינעם נאָמען, וואָס דו טראָגסט. מען קאָן דאָך פון איין אויער דיינעם מאַכן צוויי פוס־טריט פון דער אמתער קיניגין מרימי. דיין שמייכל איז דאָך ווי אַ געניץ פון אַ שיכּורן קעגן דעם שמייכל פון דער אמתער קיניגין מרימי. דיין הויט איז גרעבער פאַר דעם לעדער פון דער אמתער קיניגין מרימיס שיך. גיי אַוועק! שטופּט זי אָפּ. דו ביסט ניט מרימי. די קיניגין מרימי איז דאָ, הינטערן פאָרהאַנג. דאָרט איז זי באַהאַלטן. דאָרט לעבט זי. הערט איר אַלע — זי לעבט! זי אָטעמט! מען דאַרף זי נאָר אויפוועקן פון איר לאַנגן שלאָף. הויך וועקן זאָל מען זי, וועט זי זיך אויפכאַפּן, דערהערן. רופט זי! אַלע רופט זי! מיט מיר צוזאַמען! שרייט הויך, זי זאָל אונזער וועקן דערהערן. רופט מיט מיר: מרימי! מרימי! גייט מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו דער נישע. מרימי! קערט זיך אום, טופּעט מיטן פוס. וואָס שווייגט איר? וואָס שטומט איר? וואָס פאָלגט איר מיך ניט? איך, הורדוס, הייס אייך! רופט: מרימי! מרימי!

שלומית

ווינקט צו די געסט:

מרימי! מרימי!

אַ ל ע:

מרימי! מרימי!

ה ו ר ד ו ס:

מרימי! מרימי!

אַ ל ע:

מרימי!

מרימי!

ה ו ר ד ו ס:

מרימי! ענטפער! דערוואַך! הער, ווי איך רוף צו דיר! ווי איך בענק נאָך דיר! קום צו מיר! איך וועל דיר נייע צען לעבנס געבן! איך וועל דיר נייע צען זין שענקען! הער, ווי איך שריי צו דיר! *פאַלט אויף די קני לעבן דער טומבע מיט דער טאַץ.* מרימי! מיין קיניגין מרימי! *מיטן פנים אין דער ערד פאַרגראָבן.* שטיי אויף, מרימי! לעב אויף! אַלץ קאָן איך, נאָר דיך פאַרגעסן קאָן איך ניט. אָן דיר איז מיין גייסט אַ טויטער, מיר פעלט דיין שיינקייט. קום צו מיר! לעב אויף, וואַך אויף... *די שטים ווערט ביי אים אַ הייזעריקע. ער ציטערט קאַנוואולסיוו.* מיין מרימי! מיין שיינע מר–י–מי...

שלומית מאַכט אַ צייכן ארויסצוגיין, אַלע איילן זיך דערשראָקענע פונם צימער. שלומית גייט ארויס די לעצטע.

ה ו ר ד ו ס

אין קראַמפּן:

מרימי...

די שיין ענדערט זיך. ס'ווערט טונקל, רויטלעך. אויסגעשפּרייטע פרויען־אָרעמס נעמען פון אינעווייניק פונאַנדער דעם פאָרהאַנג איבער דער נישע. די טויטע מרימי מיט צעלאָזענע האָר אין אַ לאַנגער זיידענער העמד, מיט טויטע אויגן באַוועגט זיך לאַנג־זאַם, בלאָנדזשענדיק. טאַפּנדיק מיט די הענט, עפּעס זוכנדיק, דערגרייכט זי צו דעם אָרט, וואו הורדוס ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד, און שעפּטשעט מיט ברענענדיקע ליפּן איר נאָמען. זי בייגט זיך אָן, לייגט ארויף איין האַנט אויף די קעפּ פון די זין, די צווייטע האַנט—אויף הורדוסעס קאָפּ. גלעט די קעפּ פון די טויטע און פון דעם לעבעדיקן מיט צאַפּלדיקע פינגער.

ה ו ר ד ו ס

מיט ציטערדיקער שטים:

מרימי... מיין קיניגין מרימי...

מ ר י מ י:

אַלעקסאַנדער, אַריסטבול, מיינע זין... אָרעמער הורדוס... אָרעמער... כ'בין דיר מוחל... דאָס — אויך מוחל...

אינהאלט:

